STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02852

ZIKHROYNES UN ARTIKLEN

Vladimir Medem

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ז. מערעס

זכרונות און ארטיקלען

מיט׳ן בילד און ביאגראפיע פון אויטאר.

פערלאג
„יודיש"
ווארשא

תרע"ח
1918.

דרוקערײ א. שריפטגיסער, ווארשע

אינהאַלט:

1) ו. מעדעם (ביאָגראַפיע) — — — — — — —
2) טורמע-זכרונות— — — — — — — — — —3
3) אַ קליין פאָרוואָרט — — — — — — — — 60
4) נאַציאָנאַליזם, אַסימילאַציע און סאָציאַלדעמאָקראַטיע 64
5) די אַלוועלטליכע יודישע נאַציע — — — — — 80
6) נאַציאָנאַליזם אָדער „נייטראַליזם" — — — — 112
7) טיעפער אין לעבען — — — — — — — 135
8) נאָכאַמאָל „מיר און אונזער נאַציאָנאַליזם" — — 161
9) יודיש — — — — — — — — — — — 165



וו. אלגלק

ו. מעדעם.*

(ביאָגראַפיע).

...פאַרהאַן וואַסערלעך, וואָס לויפען־אַרויס פון א שטילען וועלדעל אין דער ברייטער וועלט אריין. דאָס שטילע וועלדעל איז זייער היים, אָבער זיי לויפען אַלץ ווייטער און ווייטער פון איהר, צווישען פרעמדע פעלדער און וועלדער, צווישען אונבעקאַנטע בערג און טהאָלען, אונטער פרעמדע הימלען, און עס דאַכט זיך, אז זיי וועלען אַריינפאַלען אין א פרעמדען טייך און וועלען מעהר זייער היים נישט זעהן. אָבער פלוצלונג דרעהען זיי זיך אוים, פונקט ווי זיי וואָלטען זיך מיט אמאָל בעדאַכט און מיט אמאָל זיך פערבענקט, און נעהמען לויפען צוריק אַהיים, אהין אין יענעם שטילען וועלדעל, וואו זיי זענען געבוירען געוואָרען. זיי לויפען אפילו צוריק מיט אַנ־אַנדער וועג, אָבער דער וועג פיהרט זיכער צו די אייגענע פעלדער, צו דעם אייגענעם הימעל. אַזוי געשיהט אויך אמאָל מיט מענשען און אזוי איז געשעהן מיט ו. מעדעם...

מעדעם איז געבוירען געוואָרען אינ'ם יאָהר 1879 אין ליבוי (קורלאנד), וואו זיינע עלטערן, וואָס האָבען געוואוינט אין מינסק, האָבען פערבראכט א זומער אויף א דאטשע. זיין אָבשטאמונג איז נאָך עד־היום א פלאָנטער נישט נאָר פאר זיינע פּאָליטישע שונאים, וואָס האָבען עפטער ליעב ארייגצושטעכען שפּילקעלעך, דרך־אגב געזאָגט, גאנץ טעמפּע, אין דעמדאָזיגען פלאָנטער, נאָר אויך ביי א טייל פון זיינע חברים. אין מאנכע ערטער האָט זיך דער פלאָנטער אפילו פערוויקעלט ביז צו א לעגענדע. פארהאן מענשען, וואָס בעשטעטיגען גאנץ געמיטליך, אז מעדעם איז א זוהן פונ'ם בעוואוסטען באראָן מעדעם און איז געקומען צו יודען און צום „בונד" דורך אנ'אונפערשטענדליכער ליעבע צו יודישקייט... מיט זיין פאָטער דעם באראָן האָט ער זיך, נאטירליך, צוריסען, מיט זיין פאמיליע האָט ער אָבגעהאקט און פון דער קריסטליכער וועלט איז ער אוועק אויף אייביג.

דאָס איז אפשר גאנץ שען, אָבער, נאטירליך, נישט אמת. מעדעמס פאָטער און מוטער זענען געווען יודען, און מעדעם איז געבוירען געוואָרען אין א יודיש הויז. דאָס איז אָבער געווען א יודיש הויז אָהן יודישקייט, אָהן א יודישען גייסט, און ווען עס וואָלט נישט געווען צו־האמטענע, וואָלטען מיר געזאָגט—א גאָטלאָז הויז. דער פאָטער האָט זיך גע'שמד'ט עטליכע חדשים פאר'ן טויט און די מרטער, ווי א פרוי, וואָס האָט עטוואָס מורא געהאט פאר א גאָט—צי א יודישער, צי נישט קיין יודישער — האָט דאָס אייגענע געטהאָן שפּעטער און נישט גערן.

די כמארע פון שמד'ען זיך, וואָס איז בעפאלען מעדעמס הויז, איז בכלל א פּונקט, וואָס לאָזט זיך שווער דערקלערן אין מעדעמס ביאָגראפיע, און אונז ווייזט־אויס, אז דעם בעדאכטען מעדעמ'ן אליין איז עס אויך נישט קלאָר אינגאנצען. וואָס האָט דאָ געווירקט—קאריערע אָדער איבערצייגונג? אָבער פאר קאריערע איז מעדעמס פאָטער, אנ'אָנגעזעהענער מיליטערישער דאָקטאָר, וואָס האָט שוין, דאכט זיך, געהאט דעם טיטול גענעראל, געווען צו־אלט און צו־זיכער; איבערצייגונג, ווידער, פאסט זיך נאך ווייניגער אהער: פון איבערצייגונג האָט נאָך קיינער נישט אָבגע'שמד'ט זיך און א גאנצע פאמיליע אויף די עלטערע יאָהרען. איבערצייגונג, גלויבען, איז דער

געגענזאץ פון קאריע־ע. קאריערע פיהרט ארויף, איבערצייגונג פיהרט אראָב—צו פיין און צער, און מעדעמס פּאָטער האָט עס זיכער נישט געהאט בדעה. און נישט־ווילענדיג מוזען מיר דאָ נאָכאמאָל איבער'חזר'ן דאָס פריהערדיגע האמטנע וואָרט: גאָטלאָזיגקייט. צו גאָטלאָזיגקייט איז, וואהרשיינליך, צוגעמישט געוואָרען עטוואָס בעקוועמליכקייט און אָט איז געקומען דער הארבער און אונפערצייליכער טויש פון יוד אויף נישט־יוד.

די סביבה, אין וועלכער מעדעמס פּאָטער האָט געלעבט, איז בעשטאנען צום טייל פון דער רייכער מינסקער יודישער אינטעליגענץ און צום טייל פון רוסישע אָפיצירען און בעאמטע. אָבער די אָפיצירען און בעאמטע האָבען בּיסלעכווייז פערנומען דעם אויבענאָן און די יודישע אינטעליגענץ איז לאנגזאם אנטרונען געוואָרען. ערגעץ אין שטוב האָט זיך נאָך ארומגעוואלגערט א יודישער מחזור, ווי א שטילער פאָרוואורף־צייכען פון דעם, וואָס דאָ איז געטהאָן געוואָרען, און פרייטאָג פלעגט אריבערטרעטען די שוועל א יודינע לאה, וואָס פלעגט קומען מאכען פיש און בעת מעשה ריידען יודיש... דאָס איז געווען דער איינציגער יודישער קלאנג אין שטוב, וואָס האָט אפשר געפונען אנ'אָבקלאנג בלויז ביי מעדעמס מוטער. איבעריגענס, האָבען ביידע—סיי מעדעמס פּאָטער און סיי מעדעמס מוטער—גערעדט גאנץ גוט יודיש. און ביידע האָבען געשטאמט פון פיינע יודישע פרומע משפחות, אין וועלכע עס האָט זיך אמאָל פערררעטעריש אריינגעגליטשט א שטראהל פון השכלה.

דער קליינער מעדעם איז אָבגע'שמד'ט געוואָרען באלד נאָכ'ן געבוירען ווערען. זיין פּאָטער, וואָס האָט זיך געטויפט, ווי מיר האָבען שוין געזאָגט, סאמע פאר'ן טויט, איז געשטאָרבען, ווען מעדעם איז אלט געווען דרייצעהן יאָהר. דרייצעהן יאָהר האָט ער, אלזאָ, געהאט א יודישען פּאָטער, אויב מען קאָן זיך אזוי אויסדריקען, דרייצעהן יאָהר איז דער פּאָטער גערעכענט געוואָרען פאר א יוד און דאָס יונגעל פאר א קריסט... דאָס איז אזוי משונה, אז עס לאָזט זיך קוים גלויבען. דער פּאָטער האָט געקאָנט געהן אין שוהל, דער יונגעל אין קלויסטער. און דער יונגעל פלעגט טאקי געהן אלע זונטאָג אין קלויסטער, וואו ער פלעגט זאָגען די קריסטליכע תפלות מיט א סך

הארץ און אמונה, די משונה'דיגע לאגע האָט דאָס יונגעל נישט בע־מערקט, אלץ טאקי דערפאר, ווייל אין שטוב איז קיין איינהייטלי־כער גייסט, דאָס הייסט קיין יודישער גייסט נישט געווען, און דאָס קריסטליכע האָט אונבעמערקט און פערבאָרגען גע־יאָ:ט דאָס יודישע.

וועגען זיינע קינדעריאָהרען שרייבט מעדעם אזוי:

„געפיהרט האָבען מיר א ברייט און גוט לעבען. איך בין גע־ווען דער יונגסטער אין דער פאמיליע און מען האָט מיך שטארק געפּיעסטעט. איך האָב געלערנט אין דער מינסקער גימנאזיע, גע־האט חברים אי קריסטען, אי יודען—וואָס ווייטער אָבער אלץ מעהר יודען".

און דאָ קומט דאָס סאמע מערקווירדיגסטע: נאָכ'ן שמד'ן און נאָכ'ן קלויסטער און נאָך דער קריסטליכער דערציהונג הויבט זיך אָן וועקען אין איהם דער יוד—נאטירליך, אונבעוואוסטזיניג פאר איהם—בשעת דער פאָטער שטארבט א קריסט. דער פאָטער האקט־אָב איני־גאנצען מיט זיין פאָלק און ביים זוהן הויבען זיך אָן וועבען פעדים צו דעמדאָזיגען פאָלק.

זיין געפיהל צו יודען שטארקט זיך אלץ מעהר און מעהר, די פעדים פערוועבען זיך אלץ טיעפער און טיעפער, און שפּעטער, ווען ער ווערט א סטודענט, חבר'ט ער זיך בלויז מיט יודען. דע־מאָלט שפּירט ער שוין אפילו א בענקשאפט צו יודישקייט, דאָס אונ־קלאָרע ווערט אין איהם קלאָרער, צום געפיהל קומט־צו בעוואוסטזי־ניגקייט.

„אין אוניווערזיטעט—דערצעהלט מעדעם,—האָב איך זיך גע־פונען הויפּטזעכליך אין א יודישער סביבה, און אין יענער צייט איז אין מיר דערוואכט געוואָרען א בענקשאפט צו יודישקייט.

„צום יודענטום האָבען מיך דעמאָלט געצויגען צוויי זאכען: פון איין זייט—דאָס מעהר אינטענסיווע געזעלשאפטליכע לעבען, וואָס איך האָב געשפּירט ביי די יודישע סטודענטען—צווישען די רוסען האָב איך מיך געפיהלט עפּיס יתומדיג—און פון דער צווייטער זייט—איהר וועט שטיינען!—דער תנ"ך! אין מיינע קינדעריאָהרען בין איך געווען א רעליגיעזער קריסט און האָב מיך בעצויגען צום תנ"ך מיט

גרויס ליעבשאפט. די רעליגיעזע שטימונג איז אפילו שפעטער אריבער, אָבער די ליעבע צום תנ״ך — פון ריין־עסטעטישען שטאנדפונקט—איז געבליבען. צוזאמען מיט דעם איז אין מיר אויך דערוועקט געוואָרען אנ׳אינטערעס צו דער העברעאישער שפראך. איך האָב זיך גענומען לערנען לשון־קודש. מיין לעהרער איז געווען א יודישער יונגעל, א שכן, און דערפאר האָב איך איהם געלערנט רוסיש און אריטמעטיק. אָבער אויסער דעם אלף־בית, האָב איך מיך גאָרנישט אויסגעלערנט״.

פון דער גאנצער פאמיליע איז צו דעם אלטען שטאם אוועק נאָר איין מעדעם. די ברידער און די שוועסטער האָבען זיך אָבגעטונקט אין דער קריסטליכער וועלט און פערבליבען דאָרט. צוויי כחות האָבען איהם, אלזאָ, געצויגען, אָבער איין כח האָט מנצח געווען—דער יודישער.

די קינדעריאָהרען און דערנאָך די צייט אין גימנאזיע סאמע ביז׳ן אוניווערזיטעט, האָט מעדעם פערבראבט אין מינסק, און זיינע אינטימסטע חברים זענען געווען יודען.

צוזאמען מיט זיין געפיהל צו יודען וואקסט אויך אין איהם שטארק דער אינטערעס צו געזעלשאפטליכע פראגען, צו וועלט און מענשליכער אָרדנונג.

אין יאָהר 1897 ענדיגט ער די מינסקער גימנאזיע און פאָהרט אוועק קיין קיעוו, וואו ער טרעט־אריין אין דער אוניווערזיטעט אין מעדיצינישען פאקולטעט. שפעטער געהט ער אריבער אין יורידישען פאקולטעט און בעקאנט זיך נעהנטער מיט׳ן לעבען פון די סטודענטען.

„איך בין אריין,—שרייבט ער,—אין א סטודענטישער אָרגאניזאציע (די סטודענטען זענען דעמאלט אָרגאניזירט געווען אין „זעמליאטשעסטוועס״), און דאָס איז געווען מיין ערשטע פאָליטישע שול. איך האָב מיך אָנגעהויבען בעטייליגען אין דער סטודענטישער בעוועגונג און בין בעקאנט געוואָרען מיט די סאָציאלדעמאָקראטישע אידעען. איך בין געוואָרען א מארקסיסט, אָבער איך בין נאָך נישט געוואָרען קיין פארטיי־ארבייטער״.

פאר מעדעם׳ן זענען געלעגען צוויי וועגען: די רוסישע

סאָציאלדעמאָקראַ־
טישע ארבייטערפּארטיי. צוויי וועגען פאר א יונגען סטודענט, איי־
גענטליך א קריסט—און מעדעם האָט בעדאַרפט אוועק על־פּי־שכל
מיט דעם ע ר ש ט ע ן וועג. אָבער דאָ איז געשעהן דאָס אייגענע:
די פעדים האָבען נישט דערלאָזט, דאָס געפיהל צום שטאם האָט
געלעבט—און מעדעם איז אוועק מיט'ן צווייטען וועג: מיט דער
יודישער סאָציאלדעמאָקראַטישער ארבייטערפארטיי. דערדאָזיגער פאל
איז זעהר טשיקאווע פאר דעם, וואָס טראכט זיך אריין טיעפער אין
מעדעמס ביאָגראפיע. וואָרום דאָ האָט מעדעם געקאָנט און ג ע מ ע ג ט
געשטרויכעלט ווערען און זיין געפיהל וואָלט דאָ, דאכט זיך, גאָר־
נישט בעדאַרפט ליידען: אליין נישט קיין יוד, איז ער אוועק אר־
בייטען נישט צווישען יודען. אָבער דער אייגענער כּח, וואָס האָט
איהם די גאנצע צייט אויסגעהיט פון א שטרויכלונג, האָט איהם
אויך דאָ געטריבען אויף דעם בעשטימטען וועג, און מעדעם איז
אוועק לחלוטין צו יודען, צו דער יודישער סאָציאלדעמאָקראַטי־
שער ארבייטערפארטיי, צום „בונד". דאָס איז אייגענטליך דער כּח
פון שטאם, דער כּח פון בלוט.

„אין יאָהר 1899,—שרייבט מעדעם,—האָב איך זיך בעטייליגט
אין דעם גרויסען סטודענטענשטרייק. דערפאר בין איך אויסגעשלאָ־
סען געוואָרען פון דער אוניווערזיטעט און אין פריהלינג ארויסגע־
שיקט געוואָרען קיין מינסק. אין הערבסט האָט מען מיך וועגען דעם
אייגענעם ענין ארעסטירט און אוועקגעפיהרט קיין קיעוו, אָבער נאָך
א פּאָר וואָכען זיצען, בין איך צוריק ארויסגעשיקט געוואָרען קיין
מינסק „פּאָד נאדזאָר". דאָרט, אין מינסק, בין איך אריין אין דער
בונדישער סביבה און ביסלעכווייז צוגעטראָטען צו דער ארבייט.

„אין פריהלינג 1900 בין איך, ענדליך, פאָרמעל אריינגעטראָ־
טען אין דער אָרטיגער אָרגאניזאציע פון „בונד".

און אזוי איז מעדעם, פריהער א יונגעלע, וואָס פלעגט לויפען
אלע זונטאָג אין קלויסטער און וואָס האָט זיך געהאָדעוועט אין א
סביבה, וועלכע איז אייגענטליך פיינדליך געוועזן צו יודען,—אזוי ארום
איז ער ארויף אויף דעם שווערען ב ו נ ד י ש ע ן וועג, וועלכער האָט

זיך געשלענגעלט איבער דער מאָגערער ערד פון די יודישע שטעדט און שטעדטלעך, וואו נויט, דלות און צער האָבען בעדעקט אלע און אלעמען.

דער שרייבער פון דידאָזיגע שורות האָט זיך צו יענער אומ־פערגעסליכער צייט בעקאנט מיט דעם יונגען רעוואָלוציאָנער. דאָס איז געווען א לעבעדיג און לאכעדיג בחור׳ל מיט געשיקטע בעווע־גונגען. אויפ׳ן קאָפּ האָט ער כוואטיש געטראָגען א בלוי היטעלע און אויף די דעמאָלדיגע פערזאמלונגען האָט ער אפשר מעהר גע־לאכט, ווי געהאלטען דרשות, וואָס זענען אזוי גאנגבאר געווען אין יענער צייט. אָבער אלע האָבען געפיהלט, אז דאָס וואקסט א קראפט, און נישט־ווילענדיג געלאָזט איהם דעם וועג פּאָראויס.

צו יענער צייט איז אין מינסק ארויסגעגעבען געוואָרען דער „מינסקער ארבייטער״—א טיפּישע בונדישע אונלעגאלע זאמלונג פון ארטיקלען, ליעדער, פעליעטאָן און כראָניק. פון די עטליכע נומערן, וואָס זענען ערשינען, געדענק איך איצט בלויז דעם געדיכטען ריח פונ׳ם דרוק־פּארב און די גרויסע אותיות פונ׳ם קעפּעל. אָבער דאָס זענען געווען פרעהליכע נומערלעך און איבערהויפּט „אונלעגאלע און בעטייליגען זיך אין זיי, בשעת מען איז יונג, האסטיג און פול גלויבען, איז געווען א גרויסער תענוג. פון דעמדאָזיגען תענוג האָב איך אויך גענאָסען, און דאָ פלעג איך מיך טרעפען מיט מעדעמ׳ען.

צו יענער צייט האָט זיך אָנגעהויבען זיין גלאנצפולע ליטע־ראַרישע טעטיגקייט. ער האָט אָבער געשריבען אין רוסיש. זיינע קליינע ארטיקלען, אויף וועלכע עס איז געפאלען דער שיין פון זיין לעבעדיגקייט און בעוועגליכקייט, פלעגען איבערגעזעצט ווערען אין יו־דיש, און מיר דאכט זיך, אז איינס פון זיי האָט מען מיר אויך גע־געבען איבערצוזעצען.

אויף די קליינע שטילע פערזאמלונגען וועגען די ענינים פון „מינסקער ארבייטער״ האָט מעדעם, געדענק איך, אָדער געלאכט אָדער געוואָרפען איינעם אין קאָפּ ארייַן קיילעכלעך פון אויסגעקנאָטענעם ברויט. די ענינים זענען איהם אזוי ווי נישט אָנגעגאנגען, זיינע הענד

האָבען געזוכט שטיפערייען, זיין קערפער—בעוועגונגען און דאָס פּנים האָט געלאכט. געערדט האָט ער הויך, בעוועגט האָט ער זיך רוישיג, טומעלדיג, מעשה־סטודענט, וואָס גיט־צו דער האלטונג א חנ'עוודיגע, עטוואָס א שכור'ליכע שאטירונג. ער האָט, אפנים, גאָרנישט געוואָלט 'אראָבנעהמען א ביישפּיעל פון די אנדערע, וואָס זענען זעהר פערטיעפט און ערנסט געזעסען אויף דידאָזיגע פערזאמלונגען. דאָס לעבען אין זיין יונגען בלוט איז נאָך דעמאָלט שטארקער געווען פאר זיין רעוואָלוציאָנערער שטימונג, און עס האָט געשוימט אין איהם, ווי אנ'אויפריים־גאז. מעגליך, אז דאָס איז געווען יענע פרעהליכקייט, יענע ריהרעוודיגקייט, אָדער יענער גאז, וואָס קומט אלעמאָל פאר'ן פאָרמירען זיך.

בכלל געדענק איך דעם דעמאָלטיגען מעדעם בלויז ווי א שטיק געלעכטער, א שטיק געזונד, ברייט און אָפענהערציג געלעכטער, וואָס מאנכע שפורען זיינע ליעגען איהם נאָך איצט ביי די אויגען און ארום די ליפען...

דאָס לאכען האָט נישט געשאדט זיין רעוואָלוציאָנערער קאריערע. ווי געזאָגט, האָט יעדער געשפירט אין איהם א קראפט און גערן אָדער אונגערן געלאָזט איהם דעם וועג פאראוים.

מעדעם איז באלד געוואָרען א מיטגליד פון מינסקער קאָמיטעט פון „בונד" און דערמיט האָט זיך אָנגעהויבען א לעבען פון אנ'עכטען פארטיימאן, ווי ביי דאָס רוב פּאָליטישע קעמפער אין רוסלאנד, איז אויך מעדעמס לעבען פערוועבט דורך און דורך מיט ארעסטען און טורמע, מיט זשאנדארמען־שלעק און אלערליי פורעניות'ן: דאָ געזעסען, דאָ בעפרייט, דאָ ארעסטירט, דאָ אנטלאָפען.

אין יאָהר 1901 האָט מען איהם ארעסטירט אין מינסק און אוועקגעפיהרט קיין מאָסקווע. נאָך 5—4 חדשים זיצען איז ער בעפרייט געוואָרען ביז'ן משפּט צוליעב א קראנקהייט. זיך דערוואוסט, אז ער בעדארף ארויסגעשיקט ווערען אויף 5 יאָהר קיין מזרח־סיביר, איז ער אנטלאָפען קיין אויסלאנד און זיך בעזעצט אין דער שווייץ—אין בערן, וואו ער האָט די ערשטע צייט בעזוכט די אוני־

װערזיטעט (פילאָזאָפישער פאַקולטעט). אָבער ער איז באַלד אַרײַנגעצויגן געװאָרען אין פּאָליטישער אַרבײַט, געװאָרען אַ מיטגליד פון דער אָרטיגער בונדישער גרופּע און דערנאָך פון׳ם צענטראַל־ביוראָ פון די גרופּעס. טאַקי אין דעם אײגענעם בערן און אין אַנדערע אויסלענדישע „קאָלאָניעס״ האָט מעדעם אָנגעהויבן אַרויסטרעטען אויף די רוסישע פערזאַמלונגען אַלס רעדנער און האָט זיך באַלד קונה־שם געװען מיט זײַנע פײַן־געבױטע און טיפע רעדעס. אין זײ האָט זיך געשפּירט די העזה פון אַ יונגען דרײסטען קעמפער, װאָס טראָגט פײַער אין האַרצען. דאָסדאָזיגע פײַער האָט ער מיט אָראַטאָרישער קונסט פערװאַנדעלט אין װערטער. אין יאָהר 1903 פאָהרט ער אַריבער קײן גענף, װאו ער װערט אַ מיטגליד פון אויסלענדישען קאָמיטעט פון „בונד״.

די צײַט איז דעמאָלט געװען אַ הײסע און אַרבײַט איז געװען אַ סך, און אויף אַ קעמפער פון אַזאַ מאָס, װי מעדעם, האָבען געװאַרט אַ סך ערטער, װאו זײַן װאָרט האָט געקאָנט פאַלען, װי אַ פרישער רעגענדל אויף אַ טרוקענעם באָדען. און אין נאָװעמבער 1905 קעהרט ער זיך אום צוריק קײן רוסלאַנד און װאַרפט זיך באַלד אַרײַן אין דער קאָכיגער בונדישער אַרבײַט. די פאָרזיכטיגע בונדיסטען זעהען איצט דײַטליך װעמען זײ האָבען אין די ערשטע רײהען, און אין יאָהר 1906, װען עס איז פאָרגעקומען דער זיבעטער צוזאַמענפאָהר פון „בונד״, װערט ער אויסגעקליבען פאַר אַ מיטגליד אין צ. ק. פון „בונד״—דער העכסטער שטאַפּעל פון דער גרויסער מוטיגער בונדישער פאַרטײ. גלײַכצײַטיג װערט ער אויך אַ מיטגליד פון די פערשידענע בונדישע אָרגאַנען, װי: „פאָלקסצײַטונג״, „האָפנונג״, „מאָרגענשטערען״, „נאַשע סלאָװאָ״, „נאַשאַ טריבונאַ״ א. אז. װ.

אין יאָהר 1908 פאָהרט ער פון דאָסניי קײן אויסלאַנד און דאָסמאָל בערײַזט ער צוליעב פאַרטײַצװעקען גאַנץ אײראָפּאַ. די אַרבײַט שלעפּט איהם פון אײן שטאָדט אין אַ צװײטער, פון אײן אָרט אין אַ צװײטען, אָבער גלײַכצײַטיג פערלאָזט ער אויך נישט די פעדער און אַרבײַט אין פערשידענע בונדישע צײַטשריפטען. אין יאָהר

1913, ווען עס איז בעשלאָסען געוואָרען ארויסצוגעבען די „לעבענס־פראגען“ אין ווארשוי, פאָהרט ער אריבער קיין וויען, וואו עס האָט זיך געפונען די רעדאקציע פון דערדאָזיגער צייטונג. אין דער רע־דאקציע האָבען זיך בעטייליגט: מעדעם, אבראמאָוויטש, זעלצער און דערנאָך—אָלגין.

אין דעם אייגענעם יאָהר קומט ער פון דאָסניי קיין רוסלאנד. אָבער אויפ'ן פינפטען טאָג, נאָכ'ן איבערגעהן די גרענעץ, ווערט ער ארעס־טירט און צוגעצויגען צום פראָצעס פון די „לעבענס־פראגען“. דאָס איז געווען דער סאמע שווערסטער ארעסט פאר מעדעמ'ן און דאָס סאמע שווערסטע טורמע־לעבען. דאָסדאָזיגע טורמע־לעבען איז געווען אָנגעזאפט מיט אזויפיעל אכזריות און פיין, אז דער אויסגעפרובטער מעדעם האָט זיך געפונען געצוואונגען אויסצוגיסען א ביסעל דאָס הארץ אין זיינע פיינע „טורמע־זכרונות“, וואָס דער לייענער וועט זיי געפינען אין דעמדאָזיגען באנד. פינפאונצוואנציג גרויע, בלייאיג־שווע־רע חדשים האָט זיך מעדעם אָבגעוואלגערט אין פערשידענע תפיסות פון פערשידענע שטעדט, פיפאונצוואנציג חדשים איז ער געזעסען צווישען שטומע ווענד אונטער דעם שווערסטען טורמע־רעזשים און נאָך מיט א פרעהליכער ביילאגע אין קעשענע: מ י ט א ג ע ר י כ ט ס־א ו ר ט י י ל פ ו ן 4 י אָ ה ר ק א ט אָ ר ג ע!

אָבער פארהאן סיטואציעס, ווען אפילו אזא קאָשמאר ווי א וועלטקריעג קומט אנ'איינצעלנעם מענשען צוהילף, און מעדעם איז נצול־געוואָרען פון טורמע און פון קאטאָרגע א דאנק דערדאָזיגער וועלט־קאטאסטראָפע. די רוסישע מאכט האָט איהם נישט עוואקואירט צוליעב זיין קראנקהייט, און אז די דייטשען זענען אריין אין ווארשוי, האָט ער פערלאָזט די טורמע.

מעדעם האָט איצט אָבגעצויגען דעם אָטעם נאָך פינפאונ־צוואנציג חדשים נישט טורמע, נ אָ ר ק ב ר, אָבער דאָך האָט ער זיך רעכט נישט אויסגערוהט: די ארבייט האָט ווידער גערופען. דאָס־מאָל זענען עס ווידער געווען די אייגענע ליעבע „לעבענס־פראגען“, פאר וועלכע ער האָט זיך אזוי בעצאָהלט. אָבער איצט האָבען זי־

שוין אנ׳אנדער מזל געהאט: קיינער האָט זיי נישט איבערגעריסען און מעדעם האָט זיי געקאָנט רעדאגירען מעהר אָדער וועניגער אָהן צער און וועה כמעט די גאנצע צייט פון זייער עקזיסטענץ, ארייגלעגענ־דיג אין זיי זיין גאנץ פייער און נשמה. ביי אזא דוחק נישט נאָר אין ליטערארישע קרעפטען—אפילו אין א געוועהנליכען צייטונגס־בעל־מלאכה, האָט מעדעם דאָך געקאָנט אָנפילען מיט לעבען און אינטערעסאנטען אינהאלט די וועכענטליכע נומערלעך פון די „לע־בענס־פראגען״. טיילמאָל האָט מעדעם געשריבען דאָס לייטארטיקעל און דאָס נויטיגע פאָלעמישע ארטיקעל און אפילו די כראָניק, און מען האָט בעדארפט זעהן דעם קינדישען שמייכעל, וואָס האָט זיך איהם צוגעפאָסען אויף זיין לענגליך-בלאסען פנים, ווען א נומערל „לע־בענס־פראגען״ איז איהם עטוואָס מעהר געראָטען.

זיין ליטערארישע טעטיגקייט האָט זיך אָנגעהויבען נאָך אין די ערשטע יאָהרען פון זיין פאָליטישער ארבייט.

„מיין ערשטעס „ווערק״,—שרייבט ער,—איז געווען אנ׳אויפרוף צום ערשטען מאי אין מינסק אין יאָהר 1900 און א פּאָר ארטיקלען אין דער ערשטער־מאי־נומער (אויך אין יאָהר 1900) פון „וועקער״— דער אונלעגאלער אָרגאן פון „בערשטער־בונד.״ דערנאָך האָב איך געשריבען אין „יודישען־ארבייטער״, „ארבייטער־שטימע״, „דער בונד״, „לעצטע פאסירונגען״, „וועסטניק בונדא״ און אין נאָך א סך אונלעגא־לע צייטשריפטען פון בונד״.

אין דער אונפארטייאישער פרעסע האָט ער געשריבען אין „פריינד״, „יעווריעסקי מיר״, „וועסטניק יעווראָפּי״, אין דער דייטשער „נייע צייט״, זיד־דייטשע מאָנאטסהעפטע״ און אנד. מאנכע ארביי־טען זיינע זענען ערשינען אין בעזונדערע בראָשורען.

ביז׳ן יאָהר 1912 האָט מעדעם געשריבען זיינע ארטיקלען אין רוסיש, טיילמאָל אין דייטש. פאר׳ן יודישען לעזער פלעגען זיי איי־בערגעזעצט ווערען. דאָס איז, נאטירליך, געווען זעהר א גרויסע מניעה אין זיין פובליציסטישער ארבייט פאר יודען. אָבער מעדעם איז גלענ־צענד בייגעקומען דידאָזיגע מניעה, וואָס איז אזוי כאראקטעריסטיש

פּאר איהם. שוין אין די נומערן פון די ערשטע „לעבענס-פראגען״ פון יאָהר 1912 זענען אריינגעגאנגען זיינע ארטיקלען נישט איבער־געזעצטערהייד, הגם ער האָט זיי געשריבען מיט לאטיינישע אותיות. אָבער דאָ, אין ווארשוי, ווען די „לעבענס-פראגען״ האָבען גענומען ערשיינען צום צווייטען מאָל, האָט ער שוין געשריבען זיינע ארטיק־לען מיט יודישע אותיות און דידאָזיגע אונאָנגענעהמע מניעה איז אינ־גאנצען בעזייטיגט געוואָרען. היינט בעזיצט מעדעם די יודישע שפראך אזוי גוט, ווי אונזערע בעסטע פּובליציסטען און איז א גרויסארטיגער סטיליסט.

„פערשטאנען די יודישע שפראך,— דערצעהלט מעדעם,— האָב איך מעהר אָדער ווענינער נאָך אין די קינדעריאָהרען *), אָבער איך האָב מיך בשום אופן נישט געקאָנט צוזאמענריידען אין יודיש. די ער־שטע יודישע רעדע האָב איך געהאלטען אין יאָהר 1910 אויף דער 8-טער קאָנפערענץ פון „בונד.״ ערשט אין יאָהר 1915 בין איך דאָ, אין ווארשוי, עפענטליך ארויסגעטראָטען מיט א יודישער רעדע״.

מעדעם האָט זעהר ליעב די יודישע שפראך און האָט א בע־זונדערע שוואכקייט צו העברעאישע ווערטער און אויסדרוקען. און דאָס איז פערשטענדליך. דער העברעאישער עלעמענט איז איינער פון די וויכטיגסטע אין יודיש און איז רייכער אין שאטירונגען, איידער דער דייטש-יודישער עלעמענט. א העברעאיש וואָרט געווינט על-פּי־רוב מעהר, ווען עס ווערט מיט געשמאק געשטעלט אויפ׳ן אָרט פון א דייטש-יודישען. אָבער מיר, וואָס זענען דערצויגען געוואָרען אין יודיש, קאָנען עס שוין נישט שפּירען אזוי.

ביי אונז איז אלץ גוט יודיש. ביי מעדעמ׳ן אָבער איז נאָך פריש דאָס געהער און ער קאָן זיך דעריבער קוויקען מיט׳ן קלאנג

---

*) מיר שיינט, אז מעדעם איז זיך דאָ טועה. בשעת איך האָב מיך מיט איהם בעקאַנט, האָט ער—און דאָס געדענק איך גאַנץ גוט—זעהר שלעכט פערשטאַנען יודיש, אָדער אַזוי גוט ווי גאָרנישט.

אָדער מיט דער רייכער שאטירונג פון א חנ'עווריגען העבּרעאישען וואָרט.

* *

*

די שענסטע און הערליכסטע מאָמענטען פון „בּונד" זענען שטארק פערקניפּט מיט מעדעמס נאָמען. קיין מעדעם אויסער„בּונד" עקזיסטירט בּכלל נישט. זיי האָבּען זיך איינאנדער געשענקט זייער אָטעם. און מעדעם איז איינער פון די שענסטע צווייגען אויפ'ן שפּיץ פון בּונדישען בּוים.

זיינע ליידען און פריידען זענען שטענדיג בּ ו נ ד י ש ע, און עס איז שווער צו געפינען נאָך אזא מענשען, וואָס זאָל אזוי קאָנען מאכען פון זיין הארץ א מזבּח נאָר פאר א י י ן פייער.

נישט־געקוקט דערויף, וואָס מעדעם בּעזיצט אנ'אויסגעצייכענ־טען אָראטארישען טאַלענט, איז ער דאָך נישט דער עכטער מאסע־טהוער, דער מאסע־וועקער. ער געהערט גיכער צו יענע, וואָס שמי־דען די ריכטונג פון א פּארטיי, וואָס נעהרען און זעסטיגען זי, וואָס היטען זי אָבּ פון פּסולת און פון שלעכטע צומישונגען, דאָס הייסט ער געהערט גיכער צו יענע, וואָס קאָנען שטעהן נאָר בּ ר א ש פון א פּארטיי, נעהנטער צום שפּיץ, איידער צו די מאסען, ער געהערט, אלזאָ, צו די יענע, וואס קאָנען אָנצייכענען דעם וועג פאר דידאָזיגע מאסען.

דאָס איז די העכערע ג ע נ ע ר א ל י ש ע ארבּייט פון א פּארטיי, וואָס פּאָדערט שטענדיג געדאנק און גייסט, און אין דעם געבּיט געסטיגען זיך מעדעמ'ס גרויסע פּערדיענסטען פאר'ן „בּונד"

אין די איינגע ראהמען פון דעמדאָזיגען ארטיקעל קאָן, נאטיר־ליך, נישט קומען קיין געהעריגע כאראקטעריסטיק פון מעדעמ'ן אלס מענש, פּארטיימאן און שריפטשטעלער. דאָס וועלען נאָך טהאָן

מיט פערגעניגען אנדערע. מעדעם איז נאָך יונג פאר'ן שאפען סיי אויפ'ן געביט פון פארטיי־טעטיגקייט און סיי אויפ'ן געביט פון שריפטשטעלעריי. ער האָט נאָך דאָס הייליגע פייער אין זיך נישט פערצעהרט, און בעזונדערס אויפ'ן צווייטען געביט בעדארף נאָך קומען דאָס גרויסע, דאָס מעדעמישע, וואָס יעדער פון אונז איז שוין לאנג זיכער דערין, גאָט האָט מעדעמ'ן בעטיילט מיט א סך גלאנץ: ער איז א גלאנצפולער רעוואָלוציאָנער, א גלאנצפולער שריפטשטעלער און א גלאנצפולער אָראטאר. איצט זענען אלע וועגען פאר איהם אָפען, און ער וועט שאפען מיט א ברייטער האנד.

ד. ק–ל.

טורמע־זכרונות

ערשטער בריעף.

ליעבער פריינד!

דאָס איז געווען דעם 3-טען מאַי 1915. אַנ'אמת'ער פריה־לינגס־טאָג איז דאָס געווען: וואַרעם, שען, פול מיט זונען־שיין. דעמאָלט האָב איך דערויף נישט געאַכט, נאָר איצט דערמאָהן איך זיך גאַנץ גוט. די מלחמה האָט זיך אין די גאַסען כמעט אינגאַנצען נישט געשפירט. עס וואַרפען זיך נאָר אין די אויגען די פיעל באַרמהאַרציגע שוועסטער: אויסגעפוצט, נישט זעלטען אין עלעגאַנטע אויטאָמאָבילען מיט יונגע אָפיצירען.

די גאַסען זענען געווען פול מיט מענשען. און די מענשען האָבען אַזוי פרעהליך אויסגעזעהן, און די פרויען זענען געווען אַזוי שען און פריש, און אַזויפיעל מיידלעך אין לייכטע ווייסע קליידער אָנגעטהאָן—איך האָב דאָס אַזוי ליעב—אַ יונג מיידעל אין ווייסען אָנגעטהאָן...

און דאָס יונגע גרינס אין די אַלעען, און די ליעבע זון, וואָס האָט געשיינט דורך דאָס ליעבע גרינס אַדורך...

איך פאָהר איבער די וואַרשאָווער גאַסען. און אויף דעם גאַנצען פאַרבענרייכען גערודער קוק איך געלאַסען, אַ ביסעל אַפּאַ־

טיש, כמעט ווי גלייכגילטיג. אַמאָל, פון צייט צו צייט פאַלט מיר אין קאָפּ אַריין: דו מוזט זיך דאָך געזעגענען מיט דעם אַלעם! און מיט אַ תאווה, וואָס פלאַקערט מיט אַמאָל אויף, זויג איך מיך אַריין אין עפּיס אַ שטיק לעבען, וואָס פליהט פאָראיבער פאַר מיינע אויגען.

אָט שטעהט אַ יונג מיידעל אויף דער גאַס און וואַרט אויף אַ טראַמוויי: אַ האַלב קינד, אין אַ קורץ קליידעל, מיט אַ ליעבליך פּנים׳ל און שענע ברוינע האָר,—שטעהט זי און בעמערקט אפילו נישט דעם בלאַסען, טרויעריגען מענשען, וואָס קוקט אויף איהר מיט אַ לאַנגען שטאַרען בליק. דעם מענש נעהמט אָבער מיט אַמאָל אַרום אַ מאָדנע, אַנ׳אַבערגלויביש געפיהל: דו מוזט אַריינ־גראָבען אין דיין זכרון דעם ליעבען קינדס פּנים. דו מוזט דאָס מיידעל אָנקוקען, ווידער און ווידער, אויף דאָס ניי, ביז וואַנען זי וועט פערשוואונדען ווערען פון דיינע אויגען...

אַ וואָגען קומט־אָן, גלייכט זיך אויס מיט אונזער קאַרעטע, פערשטעלט מיר אויף אַ פּאַר סעקונדעס די גאַס. איך קוק דורך דעם פענסטערל און וואַרט און ווער אונרוהיג: צי וועט ער אייביג פאָהרען אַזוי טריט ביי טריט מיט אונז? איך מוז און מוז נאָכאַמאָל זעהן דאָס מיידעל. אויב נישט... איך ווייס איי־גענטליך נישט, וואָס וועט דאָס זיין אַזוינס. נאָר איין זאַך ווייס איך: אַ שלעכטער סימן וועט דאָס זיין פאַר מיר... נאָר דער וואָ־גען פאָהרט אַוועק און פון דערווייטענס דערזעה איך נאָכאַמאָל דאָס ווייסע פּנים׳ל מיט די ברוינע האָר און איך אָטעם לייכ־טער אָב.

דערנאָך בין איך ווידער גלייכגילטיג און טעמפּ.

מיין וואָגען פאָהרט און ראָלט ווייטער. דאָס איז אַ לאַנ־גער, שוואַרצער קאַסטען. ביי אָרימע יודישע לויות געברויכט מען אַזעלכע קאַסטענס. נאָר דאָ ביי מיר איז פאַרהאַן אַ קליין פענ־סטערל, מיט אייזערנע גראַטעס בעצויגען, און דורך דאָס קליינע פענסטערל אַדורך קוק איך מיר אָן די שענע וועלט, וואָס אַ לאַנגע, לאַנגע צייט וועל איך זי נישט מעהר זעהן.

ווייל איך פאָהר דאָס איצט פון׳ם געריכט צוריק אין גע־

פענגניש אַריין, און ערשט מיט אַ האַלבער שעה פריהער האָב איך פון דעם אַלטען געריכטס-פּראָזיצער מיין אורטייל געהערט: „פערלירען אַלע רעכט און פיער יאָהר קאַטאָרגע״, אַזוי האָט ער מיט זיין שטאַמלענדיגען, טאָנלאָזען, אַלטען קול אָבגעזאָגט זיין פסוק,—דער גרויזאַמער וואַרשאָווער טאָרקוועמאַדאָ, דער אַל-טער תלין מיט דעם לאַנגען וויסען באָרד און יונגע בייזע שוואַרצע אויגען. פיער יאָהר קאַטאָרגע.

עס איז, הייסט דאָס, פאַרביי. איך האָב פריהער געהאָפּט, אַז איך וועל דאָס אָב׳פטר׳ן „מעהר ניט״ מיט פערשיקט ווערען קיין סיביר,—האָט מען מיך דאָך בעשולדיגט נאָר אין אָנגעהערן צום „בונד״—אָבער ניין, ס׳קומען נאָך די פיער יאָהר קאַטאָרגע דערצו... נאָר אויך צו דעמדאָזיגען געדאַנק האָב איך מיך שוין פאָראויס צוגעוועהנט אויף אַלע פאַלען. און איצט בין איך גע-ווען רוהיג. ניין, דו מעגסט מיר גלויבען: טאַקי גאַנץ רוהיג בין איך געווען, אפשר אַ ביסעל טעמפּ,—דאָס קאָן איך יאָ מודה זיין. אַ שטילע טרויעריגקייט האָט מיך אַרומגענומען. גלייך ווי אַ נע-בעל-שלייער וואָלט די גאַנצע וועלט איינגעהילט. און דאָס לע-בען האָט אָנגעוואָרען זיין גלאַנץ, זיינע פאַרבען. נישט מיין לעבען, נאָר ד אָ ס לעבען. מערקווירדיג איז עס. דאָס שענע, פיעלפאַרביגע לעבען, וואָס דער צוטריט צו איהם האָט זיך איצט פאַר מיר פערשלאָסען כמעט אויף אַנ׳אונענדליכער צייט, האָט דאָך מיר געדאַרפט פאַרקומען נאָך מעהר צוציהענדיגער, נאָך מעהר שטראַהלענדיגער. און פונדעסטוועגען איז דאָס נישט געווען אַזוי, פערקעהרט! עס איז בלאַס געוואָרען. די בענקשאַפט איז אַוועק. די לוסט צו לעבען איז שוואַכער געוואָרען. די וואונשען פער-שוואונדען. און רוהיג בין איך „אַהיים״ געפאָהרען, וואַרטען אויף דעם, וואָס וועט מוזען קומען.

אמת, דערווייל האָט נאָך קיין זאַך נישט געמוזט קומען. איך האָב בעשלאָסען צו דערלאַנגען אַ „קאַסאַציע״, און ביז וואַ-נען זי וואָלט נישט געווען ערלעדיגט, וואָלט מען מיך נאָך גע-רעכענט פאַר אַנ׳אַרעסטאַנט, וואָס שטעהט נאָך אונטער דער אויספאָרשונג; אין דער אמת׳ער קאַטאָרגע וואָלט איך, הייסט דאָס,

דערוויל נישט אַריינגעקומען. די מעשה מיט דער קאַסאַציע גע־דויערט אָבער געוועהנליך גאַנצע חדשים. און אויף אַזאַ אופן האָב איך פאַר זיך געהאַט אַ שטיקעל צייט. און דערמיט אַ קליי־נע האָפנונג: אַ האָפנונג אויף אַ נס...

עס האָט זיך ווידער אָנגעהויבען דאָס מאָנאָטאָנע, איינ־פאַרביגע, לאַנגווייליגע טורמע-לעבען, וואָס איך האָב שוין גע־פיהרט כמעט גאַנצע צוויי יאָהר. אַ לעבען איז דאָס, ווי יעדעס אַנדערעס: מיט זיינע בעזונדערע אינטערעסען, מיט זיינע בעזונ־דערע זאָרגען. קליינליך, קלאָגעדיג, אפשר אפילו לעכערליך זע־נען די אינטערעסען און זאָרגען און דאָך פערפילען זיי לעבען.

דאָס געפענגניש איז אַ גאַנצע קליינע וועלט, אייגענאַרטיג און אָבגעשלאָסען אין זיך אַליין. איך כאַפּ זיך אויף אינדער־פריה, וואָס האָב איך היינט צו טהאָן? היינט איז דיענסטאָג; וועל איך, הייסט דאָס, האָבען אַ זעהונג. מוז איך קודם-כל צו־גרייטען די מילך-פלעשלעך און אויך די שמוציגע וועש, וואָס איך דאַרף היינט אַרויסוואַרפען. די זאַכען ליגען אין דעם שאַנק אין קאָרידאָר; מוז איך געדענקען—נישט צו פערגעסען: מיטאָג־צייט ווערט דער שאַנק געעפענט. וואָס נאָך? יאָ, איך מוז בע־טען מיין פרוי, זי זאָל מיר ברענגען עטליכע קנעפּ און פאָדעם. אַ נאָדעל האָב איך נאָך, דאַכט זיך? נאָכגעקוקט,—יאָ, די נאָדעל איז דאָ פאַרהאַן. איז מעהר נישט—קנעפּ און פאָדעם.

אַ צווייטער טאָג. וואָס האָבען מיר היינט? שבת. איז היינט געהען מיר אין באָד. מוז איך אַ קוק טהאָן, צי ס'איז דאָ ביי מיר גענוג זייף. און מען מוז נאָך בעשטימען, ווער עס וועט שטעהן אין באָד אויף דער וואַך, ווייל אויב נישט, שלעפּען די גנבים אַוועק די וועש און די קליידער. וואָס האָבען מיר היינט נאָך? יאָ, מען מוז היינט [illegible]שען די פּאָדלאָגע און עס איז גראָד מיין רייה.

זונטאָג. נ. נ. האָט מען אַריינגעזעצט אין קאַרצער: ער האָט געשפּיעלט אין שאָך.

מאָנטאָג. אין אַ צווייטער קאַמער האָט מען געבראַכט אַ נייעם גאַסט. מען מוז זעהן זיך צונויפריידען מיט איהם אויפ'ן

שפּאַצירגאַנג: אפשר וועט ער דערצעהלען עפּיס אינטערעסאַנטע נייעס.

מיטוואָך. דער נייער גאַסט אין דער צווייטער קאַמער האָט זיך אַרויסגעוויזען פאַר אַנ'אַלטען גנב; זאָגט לויטער ליגענס. —דער נ. נ. איז אַרויס פון קאַרצער—הונגעריג אָבער צופריעדען: ער איז אַריינגעפאַלען נישט אין דעם „פינסטערן", נאָר אין דעם „ליכטיגען" קאַרצער, און עס איז געווען נישקשה.

דאָנערשטאָג. היינט איז ביי אונז געווען אַנ'אַלגעמיינע רעוויזיע. דער חבר נ. האָט געוואָלט בעהאַלטען זיין קליין מעסערל אין מויל. מען האָט איהם אָבער געפונען. דאָס גאַנצע שטרוי פון די קישענס האָבען די אויפזעהער אַרויסגעוואָרפען, כדי נאָכצוקוקען, צי איז נישט דאָ עפּיס געווען בעהאַלטען. איצט מוזען מיר ביי דער אָוועט-„פּאָוויערקע" דעם געהילף-נאַטשאַלניק בעטען, ער זאָל אונז נייע שטרוי אַרויסגעבען. איז ווער וועט מיט איהם ריידען? מען בעשטימט דעם און דעם. פאַרטיג.

און אַזוי ווייטער, און אַזוי ווייטער, און אַזוי ווייטער. עס פערגעהען טעג, וואָכען, חדשים. דאָס צווייטע יאָהר פון מיין זיצען האָט זיך שוין געענדיגט און איך לעב זיך אַזוי, פון טאָג צו טאָג, און אַלץ נעהנטער רוקט זיך צו די צייט, ווען דער אורטייל וועט ווערען אויסגעפיהרט און איך וועל מוזען אַריבערגעהן אין דער גרויזאַמער קאַטאָרגע.

אמת, אַ גאָר אונבעקאַנטע זאַך איז פאַר מיר די קאַטאָרגע נישט, ווייל אין משך פון צוויי יאָהר האָב איך שוין איבערגעלעבט אַזויגס, וואָס איז געווען אפשר ערגער ווי די ערגסטע קאַטאָרגע. ווייל נישט די גאַנצע צייט האָב איך געפיהרט אַזאַ רוהיג, רעגעלמעסיג טורמע-לעבען. גאַנצע חדשים פול שטורם, שרעק און פיין האָב איך שוין געהאַט אין דער פערגאַנגענהייט. און וועגען דידאָזיגע לאַנגע חדשים, וואו נויט, עלענד און פערצווייפלונג פלעגען זיך טיעף אַריינפרעסען אין נשמה אַריין, וויל איך דיר אַביסעל דערצעהלען.

ו. מעדעם.

צווייטער בריעף.

בעת די מלחמה האָט זיך אָנגעהויבען, בין איך שוין געזעסען הע̄כער אַ יאָהר. פונ׳ם ערשטען יאָהר איז דאָ ווייניג וואָס צו דערצעהלען. עס איז געווען גאַנץ נישקשה. נישט אומזיסט האָב איך פערבראַכ̄ט דעם גרעסטען טייל פון יענער צייט אין אַ געפענגניש, וואָס נאָך אַזאַ איז זעלטען אָנצוטרעפען. דאָס איז געווען דער בעוואוסטער „צעהנטער פּאַוויליאָן" פון דער וואַרשאָווער פעסטונג.

פאַר דעם ברייטען פובליקום האָט דער קלאַנג אַליין פון דידאָזיגע דריי ווערטער—„דער צעהנטער פּאַוויליאָן" אַ פינסטערן, גרויזאַמען זין. זענען טאַקי די גלאַטיגע, ווייס-אויסגעפּאַרבטע ווענד פון זיינע פערשוויגענע קאַמערן דורכ̄געזאַפּט מיט שווערע בלוטיגע זכרונות. הונדערטער מענשען זענען געזעסען צווישען דידאָזיגע ווייסע ווענד; געזעסען און געוואַרט אויף יענער שרעקליכ̄ער פינסטערער נאַכ̄ט, ווען עס וועט זיך עפענען די טהיר... און די נאַכט פלעגט קומען, און עס פלעגט זיך עפענען די שווערע טהיר, און דער וועג פלעגט זיין אַ קורצער, דער לעצטער: צו דער תּליה...

טורמע-זכרונות*

און אויב אין די לעצטע פאָר יאָהר זענען קיין טויט-שטראָפען נישט פאָרגעקומען—זענען די זכרונות געבליבען און די שפורען פונ׳ם טויט לעבען אין דעם אַלטען געפענגניש.

און איך פלעג אַמאָל אָנטרעפען אַנ׳אויפשריפט, אויסמאַר-קירט מיט פינטעלעך אין אַנ׳אַלטען בוך פון דער געפענגניש-ביבליאָטעק אָדער אויסגעקריצט מיט אַ טשוואָק אויף אַנ׳אַלט בענ-קעל: „דעם און דעם טאָג בין איך גע׳משפט געוואָרען; אור-טייל: טויטשטראָף”. און מיט אַנ׳אַנדער האַנדשריפט פלעגט אויס-געקריצט ווערען אַ צושריפט: „דער אורטייל איז אויסגעפיהרט. עהרע דעם אָנדענקען פונ׳ם פערשטאָרבענעם חבר...”

דאָס געפענגניש גופא איז אָבער געווען זעהר אַ גוטע. אמת, אַ ביסעל קאַלט איז דאָרטען יאָ געווען, און אַ ביסעל פייכט אויך. נאָר אין אַלע אַנדערע בעציהונגען גאָר נישט שלעכט. די קאַ-מערן גרויס און ליכטיג און זעהר ריין, דאָס עסען—גאַנץ ניש׳-קשה—און דער, וואָס האָט געהאַט זיין אייגען געלד, האָט גע-קאָנט בעקומען מיטאָגען פון אַנ׳אָפיצירען-קלוב,—די זשאַנדאַרמען בעגעהען זיך מיט די אַרעסטירטע גאַנץ העפליך. ווייט הינטער דער שטאָדט איז דאָס געפענגניש געלעגען. דער הויף, וואו מיר פלעגען געהן שפּאַצירען, האָט אויסגעזעהן ווי אַ גאָרטען. שענע בוימער זענען דאָרטען געוואַקסען—קאַשטאַנעס, אַקאַציעס, בעז, און אַז עס איז געקומען דער פריהלינג און דערנאָך דער זומער, האָב איך מיך געפיהלט כמעט ווי אויף אַ דאַטשע.

גראָד די לעצטע חדשים פאַר׳ן אָנהויב מלחמה האָב איך פערבראַכט גאָר פרעהליך,—מיין נישט, מען קאָן זיין פרעהליך אויך אין אַ געפענגניש. דער מענש איז אַ מאָדנע חיה!—איך האָב אין דער לעצטער צייט בעקומען זעהר אַ ליעבען שכן (מען פלעגט דאָרטען זיצען צו צוויי אין קאַמער)—אַ יונגען פוילישען סטודענט. נישט־קוקענדיג דערויף, וואָס ער איז שוין דעמאָלט געזעסען דאָס דריטע יאָהר (איצט ווערט דאָס באַלד זיין פיער, און ער זיצט נאָך אַלץ—ווייט אין רוסלאַנד), איז ער פונדעסטווע-גען געבליבען פרעהליך און פריש, ווי אַ יונג קינד פלעגט ער

לאַכֿען און שטיפען, — און אַזוי איז אונזער קאַמער געווען פול מיט געלעכֿטער, געזאַנג און שפּאַס.

דאָס איז געווען אַ גאַנץ אידיליש לעבען. מיר פלעגען געהן שפּאַצירען אונטער די אַקאַציעס, פלעגען קאָרמענען מיט ברעקע־לעך ברויט די פויגעלעך, וואָס האָבען אונז שוין געקאָנט פער־זענליך און מיר האָבען אויך געהאַט צווישען זיי בעשטימטע ליעבלינגען; מיר פלעגען שפּיעלען שאַך, שרייבען, צייכנען; מיר האָבען געפיהרט אַ גאַנץ לעבעדיגע קאָרעספּאָנדענץ מיט די שכֿנים אין די אַנדערע קאַמערן (פערשטעהט זיך, אַז דאָס איז געווען פערבאָטען, נאָר אַז מען וויל, געפינט מען אַלעמאָל וועגען און מיטלען); מיר זענען אפילו צוגעטראָטען אַרויסצוגעבען אַן׳אילו־סטרירטע צייטונג. און אויף אַזאַ אופן זענען געפלויגען טעג און וואָכֿען. מיר האָבען געלעבט, נישט טראַכטענדיג וועגען דער צו־קונפט, און מיט דער געגענוואַרט זענען מיר געווען צופריעדען.

אויב איך בענוץ דאָס וואָרט „צופריעדען", מוזסטו דאָס פער־שטעהן אין אַ נישט גאַנץ געוועהנליכען זין.

אַ גרויס פערגעניגען איז דאָס זיצען אין אַ געפענגניש קיינ־מאָל נישט, מעג דאָס זיין דאָס בעסטע און שענסטע געפענגיש אויף דער וועלט. נאָר אויף וויפיעל מען קאָן זיך בכלל פיהלען גוט הינטער די גראַטען, איז אונז געווען גוט.

און טאַקי דעריבער האָבען מיר אַזוי שווער געפיהלט דעם איבערגאַנג, וואָס אונז איז אויסגעקומען איבערצולעבען.

ווייל דאָס „שענע לעבען" איז געקומען צו ענדע: עס האָט זיך אָנגעהויבען די מלחמה.

די מלחמה איז געקומען, און פּלוצלונג, מיט אַמאָל האָט זיך אַלץ געביטען. און קודם־כּל האָבען מיר זיך געמוזט געזעגנען מיט דעם „צעהנטען פּאַוויליאָן".

וואָס וועט מיט אונז זיין, וואו וועט מען אונז אַהינטהאָן און אפשר וועט מען אונז גאָר אַרויסלאָזען? (וואָס עס ווילט זיך, וועגען דעם חלום׳ט זיך) מיר האָבען קיין זאַך נישט געוואוסט. מעהר נישט דאָס איינציגע האָט מען אונז געזאָגט: די פעסטונג

דאַרף אָבגעריייניגט ווערען פון זייטיגע מענשען. מען פיהרט אונז אַרויס...

אין אַ שענעם פריהמאָרגען זענען געקומען צופאָהרען די לאַנגע, שוואַרצע, געפענגניס-וואָגענש, זשאַנדאַרמען אויף פערד און צופוס מיט שווערדען, רעוואָלווערען און ביקסען, האָבען אונז אַרומגערינגעלט פון אַלע זייטען און לאַנגזאַם האָט זיך גענומען בעוועגען אונזער פראָצעסיע: פון דער פעסטונג אַרויס אין וואַר-שא אַריין. לאַנג זענען מיר געפאָהרען, דורך דער גאַנצער שטאָדט אַדורך—אַלץ האָט נאָך געשלאָפען, די קראָמען פערמאַכט, לעדיג די גאַסען;—מיר פאָהרען ווייטער, די שטאָדט בלייבט הינטער אונז, און, ענדליך, בלייבען מיר שטעהן פאַר אַ גרויסען שוואַרצען אייזערנעם טויער: דאָס קאַטאָרגע־צענטראַל־געפענגניש פון דער וואַרשאָווער פאָרשטאָדט מאָקאָטאָוו.

אַ „גרויס מאָדערן" געפענגניש, אויסגעבויט מיט אַ צעהנ-דליג יאָהר צוריק. אַנ'אמת'ע קליינע שטאָדט איז דאָס, אַ גאַנצע מאַסע הייזער און הויפען, הייזער אויף צו וואוינען, הייזער אויף צו אַרבייטען, פאַבריקען, ווערקשטאַטען... אַרום און אַרום—אַ הויך פעסט רויט מויער מיט קליינע טורעמס בעפוצט, און אויף די טורעמס בלישטשען שטיקעס.

דאָס טויער עפענט זיך און מיר פאָהרען-אַריין אין הויף. אַלץ איז שטיל. די פאַבריקען שטעהען, מען אַרבייט נישט. עס איז מלחמה-צייט און אויך דאָ גרייט מען זיך צו דער עוואַקואַ-ציע. נאָר אַ מערקווירדיגער טאָן שלאָגט זיך אָב אין אונזערע אויערן; אַ מאָדנע קלינגלען, אַ קלינגלען אָהן אַנ'אויפהער, שטיל, צערטליך. איך וואָלט שיעור נישט געזאָגט—אַ זילבערקלאַנג ווי פון טויזענד קלייניטשקע שליטען-גלעקעלעך.

וואָס איז דאָס? פון וואַנען קומט דאָס? איך ווייס נישט. נאָר עס קלינגעלט פון אַלע זייטען, עס ציטערט דורך דער לופט, עס פערפילט דעם גאַנצען הויף; דאָס גאַנצע קאָלאָסאַלע געפענ-גניש איז ווי דורכגעזאַפט מיט די טענער... אפשר איז דאָס האַלוצינאַציע? אפשר זינגט דאָס מיין אייגען בלוט אין מיינע

אויערן? נאָר איך זעה: מיינע חברים הערען זיך אויך פערוואונ-
דערט צו...

און מיט אַמאָל ווייסען מיר שוין; דאָס זענען די קייטען. הונדערטער און איבערהונדערטער מענשען זיצען דאָ. אַלע אין קייטען. און ביי דער קלענסטער בעוועגונג קלינגט דאָס אייזען און פון די פעסטע רויטע ציגעל-ווענד ציהען זיך די טענער, און זינגען און פלעכטען זיך צונויף אין אַ שוידערליכער געפענ-גניש-סימפאָניע. און איך קלער ביי זיך אין דער שטיל: ווי מערקווירדיג צערטליך קאָן דאָס קלינגען דאָס שווערע אייזען!..

דריטער בריעף.

מען זעצט אונז פונאַנדער אין איינצעל-קאַמערן. אַלץ איז פול, איבערפול. אין אַ קאַמער, וואָס האַלט פינף טריט אין דער לענג און דריי—אין דער ברייט, ווערען אַריינגעשפּאַרט דריי מאַן. דאָס שטיבעל זעהט-אויס ווי אַנ'אמת'ער אָרון: אַנ'אָרון, וואָס איז פול געפּראָפּט מיט מענשליכע גופים... אָבער וואָס אַרט דאָס אונז! ווייסען מיר דאָך, אַז דאָס איז פאַר אונז אַ מין וואַרטע-צימער; אויך דאָ טאָרען מיר לאַנג נישט בלייבען,—אין עטליכע טעג אַרום שטעהט אונז פאָר אַ נייער וועג—טיעף אין רוסלאַנד אַריין.

מיר קוקען זיך אַרום אין אונזער נייער „היים". אמת, צו זעהן איז דאָ גאָר ווייניג וואָס פאַרהאַן, דערפאַר אָבער—צו הערען. ווייל מיט יענעם פריהערדיגען קלינגען פון קייטען פער-אייניגען זיך נאָך אַנדערע שאַרפערע טענער. ערשט קוקען מיר נישט דערויף, שפּעטער אָבער הויבען זיי אָן צו שטעכען אין די אויערן. שווערע הילכיגע קלעפּ פון האַמערס זענען דאָס, ווי אין אַ קוזניע. און מיר ווייסען דאָך, אַז די פאַבריקען שטעהען. די קלעפּ דערטראָגען זיך פונ'ם הויף אַרויף. אַלזאָ, גיך צו דעם פענ-סטער: אמת, דאָס איז פערבאָטען, און טאַקי אויף דעם שטרענג-

ט. מעדעם.

סטען אופן. קוים בעווייזט זיך אַ פּנים הינטער די גראַטעס, הויבט
אויף דער וועכטער, וואָס שטעהט דאָרט אונטען אויפ׳ן הויף, זיין
ביקס,—און האָט מען נישט בעוויזען גענוג פלינק אַוועקצושפּרינ-
גען, בעקומט מען אַ קויל אין שטערען. און די וועכטער פער-
שטעהען נישט קיין שפּאַס, מען ציעלט גוט און מען שיסט גלייך....—
עס גיט זיך פונדעסטוועגען איין, צו דערלאַנגען פון צייט צו
צייט אַ פאָרזיכטיגען קוק אַרויס פונ׳ם פענסטערל. און דאַן ווייסען מיר שוין, פון וואַנען עס קומט די שווערע קלאַפּעריי.

דאָס זענען ווידעראַמאָל די קייטען. אָבער אין אַנ׳אַנדער
תקופה. דאָ ווערען זיי ערשט צוגעשמידט צו מענשליכע פיס.
ווייל פאַר׳ן אַרויספיהרען—אַזוי זאָגט מען אונז—מוזען אַלע אַרעסטאַנטען, אפילו די, וואָס זענען ביז איצט אַרומגעגאַנגען אויף
„פרייע” פיס, בעקומען זייער פּאָרציע אייזערנע אָנהענגעניש.
גרופּעסווייז ווערען די מענשען אַרויסגעפיהרט אויפ׳ן הויף—די
זאַך ווערט געמאַכט „אַנגראָ”—צוואַנציג ביז דרייסיג מאַן אויף
אַמאָל. עס בעווייזט זיך אַנ׳אויפזעהער. ער שלעפּט-אַרויס ערגעץ
פון אַ קעלער אַ גרויכען שווערען פּאַק קייטען: לויטער אַלט
פעררוֹסט אייזען. מיט רעש שליידערט ער זיין שווערע משא
אויף דער ערד אַראָב; אַ געדיכטער רויטליכער וואָלקען פון
שטויב און ראָסט הויבט זיך אויף אין דער לופט; און מיט אַ
ווילדען אימפּעט וואַרפען זיך די אַרעסטאַנטען אויף דעם פּעקעל
אייזען אַנידער. אַ משונה׳דיגע קנויל פון צונויפגעפלאָכטענע מענשליכע קערפּערס וואַלגערט זיך אין זאַמד און שטויב אַרום די
דאָזיגע קייטען, אַ וואונדערליכער שטרייט הויבט זיך אָן פאַר אונזערע אויגען... אַ שטרייט וועגען קייטען? וואָס אַיז דאָס אַזוינס?
האָבען דען די מענשען מורא, צו בלייבען גאָר אָהן דער אייזערנער ציערונג? אַך, ניין! אייזען איז דאָ פאַרהאַן איבערגענוג.
די מעשה איז נאָר: יעדער וויל זיך דערשלאָגען צו אַ לייכטערן שטיק... איצט זענען אַלע פערזאָרגט. די שמידען הויבען זייערע האַמערס. די פּאַרטיע איז אָבגעפאַרטיגט, אַ צווייטע קומט נאָך איהר. אַ נייער פּאַק קייטען ווערט אַהערגעשלעפּט, ווידער אַ נייער מענשען-קנויל, ווידער שלאָגען די האַ-

מערס... און אַזוי געהט עס טאָג־איין, טאָג־אויס און וויל נישט געהמען קיין ענדע.

עס ווערט אונז גאָר נישט פרעהליך אויפ'ן האַרצען. צי וועט נישט איינגיכ'ען קומען אונזער רייה? דאָס געזעץ דערלויבט דאָס, אמת, נישט: מיר זענען דאָך נאָך נישט פעראורטיילט. אָבער, ליעבער גאָט, מלחמה־צייט איז מלחמה־צייט און דאָס רו־סישע געזעץ איז דאָך אייגענטליך געשאַפען דערצו, מען זאָל איהם נישט פאָלגען. האָבען מיר דאָך, לויט'ן געזעץ, געהאַט דאָס רעכ'ט צו בלייבען אין אונזערע אייגענע קליידער, און מען האָט אונז פונדעסטוועגען אויסגעטהאָן נאַקעט און אַריינגעשטעקט אין אַרעסטאַנטישע בגדים. קיין ריידען האָט דאָ נישט געהאָלפען. „קינדערלעך—האָט מען אונז געזאָגט—ווילט איהר אפשר ריזיקירען אויף אַ ווידערשטאַנד? אדרבא! אַ טוץ פּאַטראָנעס מעהר, אַ טוץ פּאַטראָנעס וועניגער, דאָס איז פאַר אונז קיין נפקה־מינא נישט!" אָך, ניין, מיר האָבען זיך נישט פערטיידיגט... און אַזוי זענען מיר אויך איצט גרייט געווען צו בעקומען די אייזערנע מתנה...

מען האָט אונז פונדעסטוועגען נישט געשמיעדט. יאָ, די „קליינע ציערונג", די האַנדקייטלעך האָבען מיר אַלענפאַלס בע־קומען. דידאָזיגע אייזערנע בראַסלעטען טראָגט מען, בעת די אַרעסטאַנטען־„פּאַרטיע" מאַרשירט איבער די גאַסען צו דער באַהן, אָדער פון דער באַהן אין געפענגניש אַריין. אין וואָגען ווערען זיי אָבגעשלאָסען און אויסגעטהאָן.

מיר ליעגען, הייסט דאָס, אין אונזערע אָרונ'ס און וואַר־טען. און אַזוי קומט־אָן דער דריטער טאָג.

פריהמאָרגען, קיים וואָס מיר זענען אויפגעשטאַנען, הערען מיר שוין אַ גערודער, אַ לויפעניש, אַ שרייען אין קאָרידאָר. אַלע טהירען ווערען אויפגעמאַכט. „אַרויס! די מינוט!" רופען די אויפ־זעהער, די רייזע הויבט זיך אָן.

לאַנג, לאַנג געדויערט די מאוס'ע, פיינליכע פּראָצעדור פון רעווידירען, אָבצעהלען, פערשליסען די קייטלעך, איינאָרדנען די רייהען. דאַן ווערט געשלאָסען אַ לאַנגע פיעלהונדערט־קעפּיגע

קאָלאָנע. דורך דער גאַנצער שטאָדט אַדורך מאַרשירען מיר צו דער באַהן.

אַ לאַנגער צוג פון אַרעסטאַנטישע וואַגאָנען—די פענסטערלעך מיט גראַטעס געציערט—וואַרט שוין אויף אונז דאָרטען. „אַריין!” אָרט איז ווייניג, אַלץ איז שוין פול. „אַריין!” הייסט דאָס פונדעסטוועגען. און ווידער „אַריין”, און נאָכמעהר „אַריין”. ענדליך זיצען אַלע דרינען, פאַרטיג, די מאַשין פייפט, און שלעפעריג לאַנגזאַם הויבט זיך אָן צו בעוועגען אונזער טרויעריגער צוג.

ווייט, העט ווייט אין די רוסישע פעלדער, טויזענד וויאָרסט פון וואַרשאָ אַוועק, ליעגט אַ מיטעל-גרויסע רוסישע שטאָדט. אָריאָל הייסט זי. דאָרטען אַהין פיהרט אונזער וועג.

מיר פאָהרען דריי טעג און דריי נעכט. עס איז זומער-צייט: אָנהויב אויגוסט. די היץ איז נישט אויסצוהאַלטען. די פענסטער זענען אָפען, נאָר עס העלפט גאָרנישט; עס איז פשוט אונמעגליך צו אָטעמען.

אָרט, וואו צו שלאָפען איז נישטאָ. אויף די עטליכע בענק, וואָס זענען דאָ פאַרהאַן, ליעגען צו צוויי מענשען; אַ ליעגען איז דאָס אייגענטליך נישט. מען קאָרטשעט זיך מיט אַרויפגעצויגענע קניה. נאָר דאָס גיט זיך איין אויך מעהר נישט אייניגע, די איבעריגע מוזען ליעגען אויף דער פאָדלאָגע: צווישען די בענק, אונטער די בענק ליעגען מענשען איינער צום צווייטען צוגעשפאַרט, און נישט-קוקענדיג דערויף, פעהלט נאָך אַלץ אָרט; אפילו די פאָדלאָגע סטאַיעט נישט פאַר אַלע. און אַזוי מוזען מיר איינאָרדנען דאָס שלאָפען פאַרטיעסווייז: איין טייל שלאָפט, דער צווייטער שטעהט אָדער זיצט אויף די קנעכלען צוגעשפאַרט צו דער וואַנד.

צו עסען האָבען מיר עטוואָס שוואַרץ ברויט. שפעטער בעקומען מיר נאָך אַ שטיקעל פעטס דערצו. נאָר דאָס פעטס איז אַזאַ, אַז מען קאָן עס נישט נעהמען אין מויל. און ווער עס דערוועגט זיך פאָרט, אַראָבצושלינגען אַ פאָאר שטיקלעך, דער מוז אויסשטעהן אמת'ע יסורים: געזאַלצען איז עס שרעקליך און אַ

ברענענדיגען, גרויזאַמען דורשט בעקומט מען דערפון, און גראָד דאָס וואַסער פעהלט אונז כסדר. און אַזוי געהען מיר אויס פון הונגער און דורשט.

אונזערע נערווען זענען אָנגעצויגען. אויף די סטאַנציעס שרייען מיר וועגען אונזער עלענד און פיין פון די פענסטער־אַרויס. קיינער הערט נישט. אייגער נאָך דעם צווייטען בעקומען שווערע חלשות־אָנפאַלען און קראַמפען. אַלע האָבען געשוואָלע־נע פיס.

ענדליך, ענדליך קומען מיר אָן. נאָר עס געדויערט נאָך אַ היבש ביסעל צייט, ביז וואַנען ס'נעהמט אַ סוף צו די יסורים. אויסגעמוטשעט אָהן אַ שיעור, קוים אימשטאַנד זיך צו האַלטען אויף די פיס, שלעפען מיר זיך פון דער באַהן צום געפעקגעביי. אַנ'אונענדליך לאַנגער וועג איז דאָס, די סאָלדאַטען טרייבען אונז, ווי אַ טשערעדע בהמות, גראָב, מיט אַכזריות, אָהן רחמנות. לאַנ־גע שעה'ן מוזען מיר נאָך וואַרטען אויפ'ן געפעקגעביי־הויף אונ־טער דער ברענענדיגער זון, און אַז מען טרייבט אונז ענדליך אין די קאַמערן אַריין, פאַלען מיר אויף די האַרטע הילצערנע באַנקען און האָבען נישט קיין כח אַ ריהר צו טהאָן מיט אַ פינגער.

וו. מעדעם.

פיערטער בריעף.

דאָס לעבען אין אָריאָל קאָן איך דיר נישט דערצעהלען אויספיהרליך. איך וואָלט געדאַרפט אָנשרייבען וועגען דעם אַ בוך; אפשר וועל איך דאָס אַמאָל טאָן. דערווייל אָבער וויל איך דיר זאָגען מעהר נישט איין זאַך: עס איז געווען—וועניגסטענס פון אָנהויב אָן—אַנ׳אמת׳ע פאָרטזעצונג פון אונזער רייזע—יסורים. ווייטער האָבען מיר הונגער געליטען, אין שמוץ און פּאַראַזיטען זיך געוואַלגערט, קיין ברעקעל ריין וועש, קיין באָד נישט בעקומען... און בעזונדערס פּיינליך זענען געווען די מאָראַלישע יסורים: די אָריאָלער געפענגניש-אַדמיניסטראַציע האָט ביז יענער צייט געהאַט צו טהאָן כמעט אויסשליסליך מיט קרימינעלע פערברעכער, מיט גנבים און גזלנים, און זי האָט זיך בשום אופן נישט געקאָנט פאָרשטעלען, אַז מיט אונז, „פּאָליטיקער”, דאַרף זי זיך בעגעהן גאָר אַנדערש. דאָס רויהע „דו”, די גראָבע געשרייען, די גאַנצע מושטרע, וואָס מיר האָבען געמוזט אויסשטעהן,—דאָס איז געווען פאַר אונז דאָס שווערסטע.

און דאָך איז דאָס געווען נאָך נישט דאָס ערגסטע. דאָס ערגסטע פון אַלץ איז פאָרט דאָס וואַנדערן „פּאָ עטאַפּו”—מיט׳ן „עטאַפּ”. און מיר איז עס געווען בעשערט אויסצוטרינקען דעם־דאָזיגען איבערפולטען כוס ביז׳ן גרונד.

איך ווייס נישט, אפשר ווענדט זיך דאָס אָן מיין פערזענליכער פעהיגקייט צופּאַסען זיך צו יעדער, זאָל זיין דער ביטערסטער לאַגע, נור בעת עס קומט מיר אויס צו פערברענגען אַ לענגערע צייט אויף איין אָרט, קען איך מיך צוגעוועהנען אפילו צו די ערגסטע בעדינגונגען. מען לעבט זיך פאָרט איין. אפילו מיט די ערגסטע געפענגניש-אויפזעהער קען מען זיך אויך, סוף-כל-סוף, געבען אַן עצה. זיי זענען דאָך פאָרט מענשען, און אויב מען וועט נישט רעכענען די ווייניגע, וואָס האָבען שוין פון פאָראויס געהאַט אַ נשמה פון אַ תלין און וואָס זייער „אַרבייט" אין געפענגניש האָט אין זיי ענטוויקעלט געוויסע קרענקליכע, איך וואָלט זאָגען סאַדיסטישע נייגונגען—צו זוכען אַ פערגניגען פאַר זיך אין פייניגען אַנדערע מענשען,—זענען דאָס ס׳רוב פשוט׳ע רוסישע פויערים, אויסגעדינטע סאָלדאַטען, וואָס זענען מעהרסטענטיילס אַליין שטאַרק אונצופרידען מיט זייער שטעלע. מיט דידאָזיגע קאָן זיך איינשטעלען ביי אַ לענגערער שכנות׳שאַפט אַ גאַנץ בשלום׳דיג לעבען. מען ווערט אַנ׳איינגעזעסענער, אַ שטענדיגער גאַסט, און מען הויבט אייך אָן צו בעהאַנדלען אַ ביסעל פריינדליכער. גאָר אַנדערש איז עס אָבער אויף דער רייזע.

באַלד ווי עס בעווייזט זיך נאָר אין דער קאַמער דער אויבעראויפזעהער און הויבט-אָן איבערצולייענען פון דעם אָנגע׳חתמ׳טען צעטעל די נעמען פון די, וואָס מען שיקט ערגעץ-וואו אַוועק; באַלד ווי עס דערהערט זיך נאָר דער רוף: „אַרויס צום עטאַפּ,—אָבער גיך, אָבער שוין, אָבער די מינוט"!—ביזטו שוין אויס מענש. אַ שטויבעל, אַ קליין חלק׳ל פון אַ גרויסען הויפען; אָהן בעדייטונג, אָהן שטים, אָהן פערזענליכקייט איז דאָס קלייניטשקע חלק׳ל פונ׳ם גרויסען גרויען הויפען, וואָס ווערט געבילדעט פון גרויען שמוציגען מענשען-שטויב, מענשען-מיסט, מענשען-אָבפאַל. מיט אַנ׳אונגעהויער אייזערנער שויפעל ווערט דערדאָזיגער שטויב צונויפגעקעהרט אין אַ פאָרמלאָזע קרובע, ערגיץ-וואו ווייטער אַריבערגעשליידערט, פונאַנדערגעוואָרפען, ווידער צונויפגעפרעסט, אין ברודיגע וואַגאָנען אַריינגעשטופּט, ווידער אַרויסגעוואָרפען, ווייטער אַוועקגעקעהרט און ווידער אין אַ נייעס

הויפען צונויפגעוואָרפען, און אַזוי געהט עס ווייטער און ווייטער, אָהן אַ שיער, אָהן אַ סוף. קיין שום רחמנות איז נישטאָ. אַ קאַלטע, טויטע, גרויזאַמע מאַשין ראָלט און אַרבייט. זי כאַפּט-אַריין דעם קליינעם, אונענדליך קליינעם יחיד מיט איהרע שרעקליכע שטאָלענע לעפּצען, שליידערט איהם אין איהר אָבגרונד אַריין — אין איהר טיעפען קעסעל אַריין, שטיקט און דריקט און קייט איהם, צומאָהלט איהם כמעט מיט איהרע שווערע מיהלשטיינער, און אַז זי האָט געענדיגט איהר אַרבייט און שפּייט-אַרויס איהר קרבּן ערגעץ-וואו, טויזענד וויאָרסט ווייט — איז אויך דערדאָזיגער מענש צושמעטערט און צוריבּען—פיזיש אַזוי גוט ווי מאָראַליש.

און אַז עס קומט נאָך דערצו, אַז דידאָזיגע מאַשין איז פּערראָסט און קאַליע, אַז דאָס גאַנצע טרייבּען קומט-פּאָר מיט שטערענישען, מיט אָבּהאַלטען, מיט פּערשפּעטיגען און מיט אָבּשטעלענישען, דאַן איז עס דאָס ערגסטע, וואָס מען קען זיך נאָר פּאָרשטעלען.

און אַזוי איז דאָס גראָד געווען. ווייל דער קריעג האָט פּערשטעלט די וועגען, אָבּגעהאַלטען דעם לויף פון די צוגען, קאַליע געמאַכט, פּערפּלאָנטערט דעם גאַנצען אַפּאַראַט; און אין דערזעלבּער צייט האָט ער אַריינגעוואָרפען אין דער אייזערנער גרוב אַ קאָלאָסאַלע מאַסע פון פרישען, נישט געוועהנליכען מענשענמאַטעריאַל; און אָט דאָס אייזערנע חיה-פּערזעהעניש איז נישט בּכּח געווען אָבּצואַרבּייטען דעם גאַנצען מאטעריאַל און עס האָט זיך געוואָרגען און געשטיקט, און יעדער דרעה מיט די גרויסע, שווערע רעדער האָט געקאָסט מענשליכע לעבּענס.

קיינער איז נישט געווען שולדיג, אַלץ איז צומישט און צעוואָרפען געוואָרען: די מלחמה האָט דאָס געמאַכט. אָבּער וועה צו די אַלע, וואָס זענען אַריינגעפאַלען אונטער דידאָזיגע שרעקליכע שווערע רעדער. און איך בּין אויך אַהין אַריינגעפאַלען.

נאָר איך וויל דיר דערצעהלען אַלץ כּסדר.

אַלזאָ, איך זיץ דערווייל אין אָריאָל, אינ׳ם אַלטען געפּענגניש, וואָס פון דרויסען זעהט דאָס אויס מיט זיינע ווייסע טורעמס גאַנץ שען: עפּיס ווי אַנ׳אַלטע רוסישע פעסטונג, אַ מין

מאָסקווער „קרעמעל”. אינווענינ איז עס אָבער דורכאויס נישט שען.

איך ליעג אין אַנ׳עלענדער, שמוציגער, פולגעפּראָפּטער קאַמער און קלער וועגען דעם, ווי גליקליך איז אַ מענש, וואָס האָט די מעגליכֿקייט אַלע טאָג אַריינצוציהען אין זיינע לונגען אַ ביסעל פרישע ריינע לופט. איך בין נישט אַזאַ גליקליכער. דערווייליע געהט עס נאָך נישקשה. עס איז הערבסט, ביי טאָג בלייבען נאָך די פענסטער אָפען, אָבער ביינאַכֿט מוז מען זיי שוין איצט צומאַכֿען, ווייל עס איז קאַלט און נישט איינער פון אונז מוז שלאָפען אויף דער פּאָדלאָגע. ווי וועט דאָס ערשט זיין, אַז עס וועט קומען דער ווינטער? און איך קלער: ווי וועט דאָס זיין מעגליך צו פערברענגען דאָ, אין אַזעלכֿע בעדינגונגען, אַ גאַנצען, לאַנגען ווינטער און בלייבען ביים לעבען? דעמאָלט האָט זיך מיר דאָס אויסגעדאַכֿט, ווי אַנ׳אונמעגליכֿע זאַך. און דאָך ווייס איך איצט, אַז זייט יענער צייט זענען שוין פערגאַנגען 20 חדשים, און צוויי מאָל איז אַריבער דער לאַנגער רוסישער ווינטער און עס זיצען נאָך אַלץ מיינע חברים אין די אייגגע קאַמערן פונ׳ם אָריאָלער געפענגניש... אמת, נישט איינער פון זיי האָט זיך טאָקי געמוזט געזעגנען מיט׳ן לעבען.

פלוצלונג קומט אָבער אַ בשורה: מען שיקט דיך צוריק קיין וואַרשאָ; דיין פּראָצעס דאַרף אינגיכֿען פאָרקומען; מאַך דיך גרייט צום וועג. גאַנץ גוט. איך נעהם זיך צו דער אַרבייט. עס ווערט געניהט אַ זאַק, איך שטאָפּ אַריין דאָס ביסעל וועש, וואָס איך פערמאָג, אַ שטיק ברויט, אַ ביסעל טיי און צוקער. אַ טייקענדעל, אַ טעפּעל, אַ הילצערנעם לעפעל. פאַרטיג. דאַן הויבען מיר אָן אונזער נייע וואַנדערונג—איך און מיינע פינף חברים, וואָס געהערן צו דעמזעלבען פּראָצעס.

מען פיהרט אונז אין קאָרידאָר אַרויס. די סאָלדאַטען זענען שוין דאָ און די אַרבייט קאָכֿט: מען רופט אויס די נעמען, מען רעווידירט. רויהע הענד קריכען אין אונזערע קעשענעס, טאַפּען-אַרום אונזערע קליידער, אונזער וועש, אונזער לייב; באַלד דעם, באַלד יענעם צווינגט מען זיך אויסצוטהאָן אדם-נאַקעט. אַלץ, וואָס איז „פערדעכֿטיג”, וואַרפט מען אַרויס. „פערדעכטיג”

זענען אָבער אַזעלכע זאַכען, ווי למשל: טאַבאַק, שוועבעלעך, צייהנפולווער (אַ לוקסוס-זאַך!). יאָ, אַפילו פוטער, שמאַלץ און פעטס. ביז דער לעצטער צייט איז אַפילו נישט געווען דערלויבט צו פיהרען ביי זיך זייף! איצט לאָזט מען דאָס שוין, אָבער נישט מעהר ווי איין שטיק...

מיר שטעהען אין רייהען; די האַנדקייטלעך זענען געשלאָסען און מען מאַרשירט ווידער צו דער באַהן. דאַן קומט דאָס פאָהרען אין די ברודיגע אַרעסטאַנטענוואַגאָנעס, און דערנאָך אַ ניי געפענגניש, — אַ נייע אונטערזוכונג, אַ ניי ברודיג לאָך, מען ליעגט ווידער עטליכע טעג; און ווידער קומען די סאָלדאַטען, און ווידער ווערט מען אונטערזוכט און ווידער געהט מען צו דער באַהן, און ווידער קומט אַ ברודיגער אַרעסטאַנטענוואַגאָן און ווידער אַ ניי געפענגניש און ווידער אַ נייע באַהן. און אַזוי געהט עס אַלץ פון דאָסניי — וואָכענלאַנג; און אויב דער וועג איז אַ ווייטער, קאָן דאָס געדויערן אַפילו גאַנצע חדשים.

אָבער איצט איז מלחמה-צייט. און, ווי געזאָגט, האָבען זיך צונויפגעקליבען גאָר נייע, ספּעציעלע שטערענישען. און קוים וואָס מיר זענען געקומען צו דעם ערשטען עטאַפּען-פונקט — דאָס איז געווען די שטאָדט סמאָלענסק, — הערען מיר שוין אַ טרויעריגע בשורה: ווייטער פאָהרט מען בכלל נישט. וואָס הייסט? גאַנץ פּשוט: די אייזענבאַהנען, וואָס געהען אין דער ריכטונג פון פּוילען, זענען פערנומען מיט מיליטער, די עטאַפּען האָבען זיך אָבגעשטעלט. יאָ, אָבער ווי לאַנג וועלען מיר דאָ מוזען וואַרטען? דער אַלטער וועכטער שמייכעלט: „יאָ, חברה, ביז'ן סוף מלחמה וועט איהר, מסתמא, מוזען האָבען געדולד! נעבען וואַרשאָ שלאָגט מען זיך".

און אַזוי געהען מיר אַריין אין אונזער נייער דירה, וואו מיר וועלען מוזען בלייבען, ווייס גאָט ווי לאַנג. און אַז מיר דערזעהען דאָס בילד, וואָס עפענט זיך דאָ פאַר אונז, ווערט אונז פינסטער אין די אויגען. מיר זענען אַריינגעפאַלען אין אַנ'אמת'ן גיהנם.

פינפטער בריעף.

מען פיהרט אונז אַריין אין אַ לאַנגען קאָרידאָר, — שוואַרץ און פינסטער, ווי אַ קויהלענגרוב. דאַן עפענט זיך אַ זייטען-טהיר, און אַ שטיקענדיגע, עקעלהאַפטע, פייכט-וואַרימע לופט שלאָגט אונז אַנטקעגען. מען שפּאַרט אונז אַריין, די טהיר ווערט פערשלאָסען, און מיר שטעהען און קוקען אָן איינער דעם צווייטען.

שטעל זיך פאָר אַ קאַמער—אַכט טריט אין דער לענג. דאָס-זעלבע — אין דער ברייט. כמעט דער גאַנצער שטח איז אויסגעפילט מיט צוויי גרויסע הילצערנע „נאַרעס" — לאַנגע ברעטער, אַרויפגעלעגט אויף גראָבע קלעצער. די נאַרעס ציהען זיך פון ביידע זייטען ביז צו די ווענד, און מעהר נישט אין דער-מיט בלייבט אַ שמאָלער דורכגאַנג. און אויף די נאַרעס, צווישען די נאַרעס, יאָ, אונטער די נאַרעס איז אלץ פול מיט מענשליכע קערפער: שטעהענדיגע, זיצענדיגע, ליעגענדיגע. אין אַ משונה'דיגען מישמאַש דערזעהען מיר זיי—צונויפגעפּרעסטע, ברודיגע, שוויצענדיגע, אָבגעריסענע... אַנ'עקעל! און ווי אויף חוזק העננט ביי דער טהיר אַ טאַבעלע: „אָרט פאַר 9 מאַן". פאַרהאַן זענען אָבער גוטע פינפאונצוואַנציג. און דאָס איז נאָך געווען איינער פון די „מזל'דיגע" טעג. עס פלעגט אויך דערגעהן ביז פינפאונדרייסיג...

שלאָפען שלאָפט מען אויף די הוילע ברעטער; קיין שטרוי-

זעק זענען נישטאָ. און מען מוז נאָך האָבען אַ בעזונדער גליק, צו דערשלאָגען זיך צו אַזאַ מין „געלעגער" אויף אַ פּאָר ברעטער — צווייַ אָדער דריי הענד די ברייט; די אַנדערע מוזען שלאָפען אונטער די נאַרעס: אויף דער קאַלטער אַספּאַלטענער פּאָדלאָגע. אָנשטאָט אַ קישען, נעהמט זיך איינער אַ בעזים, דער צווייטער זיין פּאָר שטינקענדיגע שטיוועל, דער דריטער—לעגט זיך אונטער זיין אייגען פויסט. פון עפּיס אַ קאָלדרע קאָן גאָר קיין רייד נישט זיין.

שמוץ, געשטאַנק, פּאַראַזיטען... פּאַרהאַן מענשען, וואָס וואַלגערן זיך שוין דאָ חדשים-לאַנג און האָבען פּאַר דער גאַנצער צייט קיין איין מאָל נישט געביטען די וועש, קיין איין מאָל זיך נישט אויסגעטהאָן, קיין איין מאָל נישט געהאַלטען אין די הענד אַ שטיקעל זייף. מיליאָנען וואַנצען ליעגען אויף די ווענד, ווי קאָמפּאַקטע שוואַרצע קנוילען; ביינאַכט לאָזען זיי זיך אַראָב אויף די נאַרעס און פאַלען-אָן אויף די מענשען מיט ווילדער רציחה. און פּערלויזט ווערט מען—אונבעשרייבליך.

איך האָב ביי זיך איינגעפיהרט אַזאַ מין „טאָג-אָרדנונג": אַלע טאָג בין איך צוויי מאָל געגאַנגען אויף געיעג; מען טהוט זיך אויס פונ'ם קאָפּ ביז די פיס און מען קוקט גענוי און סיסטעמאַטיש אַדורך יעדעס שטיק וועש. אָבער וואָס העלפט דאָס שעכטען? יעדע נאַכט לעגען די עקעלהאַפטע בעשעפּענישען טויזענדער אייער, און מיט אַ טאָג שפּעטער מוז מען ווידער אָנהויבען פון אָנהויב-אָן. ביי דעמדאָזיגען ליעבליכען „יאַגד" פלעג איך יעדעסמאָל, אַלזאָ, צוויי מאָל אַ טאָג (דו ווערסט לאַכען פון מיינע סטאַטיסטישע „פאָרשונגען". ביי מיר איז דאָס אָבער געווען ביטער-ערנסט!) אָבשעכטען אַ וואָסערע פיערציג-פופציג שטיק,—און מיט עטליכע שעה שפּעטער זענען שוין געוועזן ווידער דאָ.

מעהר ווי איינער פון די חברה-לייט, וועלכע האָבען זיך דאָרטען אַרומגעוואַלגערט, האָבען זיך אזוי שטאַרק אָבגעלאָזען, אַז זיי זענען אַריינגעפאַלען אין אַ מין טעמפּער גלייכגילטיגקייט אַזאַ מענש פלעגט זיך אָהן אַ ווידערשטאַנד אונטערגעבען דער

איבערמאַכט פון די פּאַראַזיטען. ער פלעגט דאָ ליעגען און זיך לאָזען אויפעסען. אַנדערע פלעגען פון צייט-צו-צייט זיך לאָזען אויף געיעג. און שטענדיג פלעגט זיך הערען מצד איינעם אָדער אַ צווייטען פון די צושויער דער געליעבטער וויץ פון די אַרע-סטאַנטען: „רב קרוב, נישט אויסגעקליבען. נישט אַרומגעזוכט די פעטסטע! שלאָג כסדר, ווי עס געהט!" און מען פלעגט טאַקי שלאָגען כסדר, מעטאָדיש, מיט אַנ'אמת פילאָזאָפישער געלאַסענ-הייט... צייט האָבען מיר געהאַט גענוג...

הונגעריג זענען מיר געווען שטענדיג. דאָס עסען איז גע-ווען שלעכט און קאַרג. אַלעמאָל, בעת מען פלעגט אַריינטראָגען די שיסלען, פלעגען די מענשען זיך אַ וואָרף טהאָן ווי ווילדע חיות און אין אַ מינוט איז אַלץ געווען לעדיג. ווער עס האָט נישט געהאַט די פעהיגקייט, אַרונטערצושלינגען די הייסע זופּ מיט אַנ'עקסטראַ-גיכקייט, האָט געמוזט בלייבען כמעט ווי אָהן מיטאָג: געגעסען האָט מען צו זעקס, צו אַכט, אַמאָל גאָר צו פופצעהן מאַן פון איין שיסעל, און קראַנקע זענען געווען צווי-שען די עסערס איבערגענוג...

די לופט. מען קען אפילו נישט זאָגען, אַז די לופט איז געווען אַ שלעכטע: עס איז פשוט אינגאַנצען נישט געווען קיין לופט. דער רוסישער „פּראָסטער" מענש האָט מעהר פאַר אַלץ מורא פאַר קעלט; אָנגעטהאָן זענען זיי אויך געווען—אַז אָך און אַז ווייה; און עס האָט דעריבער קיינער נישט געוואָלט דערלאָ-זען, מען זאָל האַלטען ביינאַכט דאָס פענסטער אָפען. און דער היסטאָרישער קובעל איז דאָרטען אויך געשטאַנען... אָבער גענוג וועגען דעם. נאָר איין זאַך נאָך: דער מעגליכער שפּאַציר פלעגט דויערן גאַנצע... פופצעהן מינוט!

די וועכטער פלעגען זיך מיט אונז בעגעהן פשוט ווי מיט בהמות. די עטאַפּען-אַרעסטאַנטען שטעהען בכלל אויסער דעם געזעץ—פערשטעהט זיך, נישט על-פי-דין, אָבער פאַקטיש. אַ גאַנ-צער האָגעל פון זידעל-ווערטער פלעגט שטענדיג זיך שיטען אויף אונזערע קעפּ. און וואָס מיינסט דו? מען ווערט געוועהנט. מען פרעסט-צונויף די צייהן און מען שווייגט. שווייגט איינער

נישט, איז אַ פּאַטש אין פּנים, אַ שטויס אין זייט—נישט קיין זעלטענער רעזולטאַט. אָבער ווי מען זאָל זיך נישט היטען, קען מען זיך פּאָרט נישט בעוואָרענען פון די גראָבהייטען און חוזק-מאַכען. ווערט מען, למשל, קראַנק און מען וויל אַ רוף טהאָן דעם פעלדשער. ענטפערט דער וועכטער — מיט אַ שענעם „רוסישען וואָרט” און די פראַגע איז ערלעדיגט. אָדער: מען וויל אָנגעבען אַ בקשה און מען בעט דעם אויפזעהער, ער זאָל דאָס דערלויבען,—דער ענטפער: „ברויכסט נישט צו שרייבען קיין בקשות”!—„אָבער...”—„האַלט ס'מויל”—און ווידער אַ פּאָר בעוואוסטע רוסישע ווערטער.

אַזוי האָט אויסגעזעהן דער שענער אינסטיטוט, אין וועלכען מיר זענען אַריינגעפאַלען. און מיר פלעגען ליעגען און פרעגען איינער דעם צווייטען, וואָס איז דאָ צו טהאָן. געלד האָבען מיר נישט געהאַט — מען טאָר דאָך נישט נעהמען מיט זיך קיין געלד אויפ'ן עטאַפּ. פאַר אונזערע קרובים זענען מיר געוועזן פערשוואונדען — קיינער האָט נישט געהאַט קיין בעגריף וועגען דעם, וואו מיר זענען אַהינגעקומען. געבען צו וויסען? אויסגעשלאָסען; מען האָט נישט דערלויבט צו שרייבען בריעף. און אַזוי זענען מיר געזעסען—אָהן הילף און אָהן כּוח מיט דער איינציגער אויסזיכט: אַוועקצו'פגר'ן אין דעם שמוציגען לאָך.

מיר פלעגען ליעגען און טראַכטען. אַ מענש, וואָס האָט זיך קיינמאָל נישט געפונען אין אַזאַ לאַגע, קען זיך גאָרנישט פאָרשטעלען, ווי ווינציג, ווי קליינליך קאָנען ווערען די געדאַנקען און די מחשבות ביי אַזעלכע בעדינגונגען. אַ שענער, אַ הערליכער אידעאַל, וועגען וועלכען מען קען בלויז חלומ'ען, איז פאַר מיר געווען מיין היים... אין דעם צעהנטען פאַוויליאָן פון דער וואַרשאָווער פעסטונג. וואָס וואָלט איך איצט נישט געגעבען—פלעג איך דעמאָלט זאָגען, און טאַקי גאַנץ ערנסט,—ווען איך וואָלט איצט געקענט זיצען אין מיין פעסטונגס-קאַמער! אָבער אויך דאָס איז געווען אַ צו-דרייסטער חלום. געוועהנליך פלעגען מיינע פערלאַנגען זיין אַ סך בעשיידענער. בעת איך פלעג עסען מיין וויעטשערע—זי איז בעשטאַנען פון אַ שטיק שוואַרצען ברויט--פלעג

איך חלומ׳ען װע-ען דעם, װאָס פאַר אַ מחיה װאָלט דאָס געװען, װען איך װאָלט געקענט האָבען דערצו אַ גאַנץ קלײן שטיקעל װאורשט. נישט דערמיט זיך אָנצועסען, נײן, חלילה. איך האָב זיך פאָרגעשטעלט אַ גאָר קלײניטשקען פעניטשעל װאורשט, אַזױ גרױס, לאָמיר זאָגען, װי אַ צװײקאָפּיקענע מטבע: בלױז אַ שמעק-טהאָן זײן געדוך און אפשר, — אפשר אױך האַלטען אין מױל אין דער צײט, בעת איך מוז קײען מײן האַרט שטיק שװאַרצען ברױט.

אָבער הינטער דידאָזיגע קלײנליכע גאָרנישטדיגע בעגעהרן פלעגט פונדעסטװעגען לעבען שטענדיג, אָהן אַנ׳אױפהער, דער אײנער, גרױסער טיעפער װאונש-נגון: נאָר אױסהאַלטען!

און האָט זיך מיר טאַקי אײנגעגעבען אױסצוהאַלטען, איז עס אַנ׳אמת׳ער נס.

ה. מעדעם.

זעקסטער בריעף.

איצט וויל איך דיר דערצעהלען וועגען דער געזעלשאַפט, אין וועלכער איך האָב פערבראַכט די דאָזיגע טרויעריגע חדשים.

צווישען דער גאַנצער בעפעלקערונג פון אַרוסישען געפענגניש זענען די עטאַפּען־אַרעסטאַנטען די עלענדסטע לייט. הונדערטער-טויזענדער ווערען יאָהר-אויס, יאָהר-איין געוואָרפען אַהין און אַהער מיט׳ן עטאַפּ. בעשטראָפטע אַרעסטאַנטען זענען צווישען זיי פערהעלטניסמעסיג ווייניג. צום גרויסען טייל זענען דאָס פערשידענע שלעק, לומפען, „בראָדיאַגעס”, מענשען אָהן אַ בעשטימטער פּראָפעסיע, „מענשען, וואָס האַלטען בסוד זייערע נעמען; אָבער אויך גאַנץ אָרענטליכע מענשען טרעפט מען דאָ גאָר אָפט: מענשען, וואָס האָבען ניט אַרויסגענומען צו דער רעכטער צייט אַ נייעם פּאַס און מען יאָגט זיי מיט׳ן עטאַפּ אַהיים; מענשען, וואָס זיי האָט פּשוט געטראָפען אַן׳אומגליק: געהאַט עפּיס אַ קאָנפליקט מיט דער פּאָליציי און קיין שמיר-געלד נישט געגעבען, און נאָך און נאָך אַ סך אַנדערע, וואָס ווייסען אַמאָל אַליין נישט, וואָס וויל מען אייגענטליך פון זיי האָבען.

סמאָלענסק איז אַ גרויסער באַהנקנופּ, וואו עס געהען זיך צונויף עטליכע אייזענבאַהן-ליניעס. און אויף אַזאַ אופן פלעגען כמעט אַלע טאָג אָנקומען און אַוועקגעהן נייע פּאַרטיעס. דער טייל, וואָס האָט בעדאַרפט אַוועקגעהן אין דער ריכטונג פונ'ם מלחמה-געביט, פלעגט בלייבען זיצען אין סמאָלענסק גופא, די איבעריגע פלעגען בלויז אָבליעגען עטליכע טעג און נאָכדעם אַוועקפאָהרען ערגעץ-וואו ווייטער. אין אַ לאַנגער רייה, אָהן אויפהער, אָהן אונטערברעכונג פלעגען זיך בעוועגען פאַר אונזערע אויגען די פערשידענסטע מעגליכע טיפּען. אַ מין קינעמאַטאָגראַפישער פילם: פערשידענפאַרביג, משונה'דיג, אַמאָל זעהר נישט אַנגענעהם, אָבער אַלענפאַלס שטענדיג אינטערעסאַנט.

אָט זיצען מיט אונז צוזאַמען דריי קליינרוסישע פּויערים—בחורים. ערגעץ פון דער קיעווער געגענד: געזונדטע, שטאַרקע, אַ ביסעל ווילדע יונגען. ביים אָנהויב מלחמה זענען זיי געווען אויף ערדאַרבייט אין די פּאָרטען פון קאָוונער פעסטונג. אין אַ שענעם אָווענד האָבען זיי זיך אָנגע'שכור'ט און, ווי דער שטייגער איז, גענומען זיך אַ ביסעל שלאָגען איינער מיט'ן צווייטען. וואָס טהוט דער קאָמענדאַנט פון פעסטונג? לאָזט ער זיי אַרעסטירען, גיט זיי אַ גוטע פּאַרציע שמיץ און שיקט-אַרויס אַהיים אַלס „פערדעכטיגע אין שפּיאָנאַזש"

אָנשטאָט אָנצוקומען דירעקט אין קיעווער גובערניע, ווערען זיי עפּיס פערוואַלגערט אויפ'ן וועג, פאַלען-אַריין קיין סמאָלענסק,—און דאָ זיצען זיי שוין גאַנצע דריי חדשים און קאָנען נישט פאָהרען ווייטער.

דאָ זיצט אַ פּוילישער פּויער פון לובלינער געגענד. העכער צוויי חדשים וואַלגערט ער זיך דאָ און די גאַנצע צייט האָט ער נאָך קיין איין מאָל נישט אויסגעטהאָן די שטיוועל. מען האָט זיך גע'סוד'עט וועגען דעם, אַז אין זיינע שטיוועל זענען אייַגענעהט עטליכע רובל. און דעריבער פלעגט ער בלייבען אין די שטיוועל, אפילו געהענדיג אין באָד.

און גאָר אומגערעכט איז דאָס טאַקי נישט געווען, ווייל מבינים אויף פרעמד האָב-און-גוטס זענען דאָ געווען איבערגענוג:

אַ צווייטען, וואָס איז געווען נישט אַזוי פּאָרזילטיג, האָט מען בליק-שנעל צוגעגנב׳עט אַ פּאָר שלייקעס, וואָס זענען געווען זיין איינציג פערמעגען. יענער האָט געוויינט, ווי אַ קליין קינד; נאָר עס האָט נישט געהאָלפען; ערשט אין אַ פּאָר טעג אַרום האָבען די גנבים איהם צוריק פערקויפט די שלייקעס פאַר צוויי פּעקלען מאַכאָרקע.

דאָ זיצט אַן׳אַלטער פאַסטוך פון דער גראָדנער געגענד. ער האָט געהאַט עפּיס אַ מאוס׳ע אָבשטויסענדיגע קרענק: זיין גאַנצער גוף איז געווען בעדעקט מיט וואונדען און געשווירען און פון דידאָזיגע וואונדען פלעגט שטענדיג אַ ע׳ זינקענדיגע מאַטעריע. האָט מען איהם טאַקי בעהאַנדעלט, ווי אַ מצורע. דער ערגסטער לומפּ האָט נישט געוואָלט עסען מיט איהם פון איין שיסעל; אַפילו אָוועקזעצען זיך אויף דער נ..ע האָט מען איהם נישט געלאָזט. און אַזוי פלעגט ער ליגען טאָג און נאַכט אונטער דער נאַרע, אויף דער קאַלטער אַספאַלטענער פּאָדלאָגע, פערלאָזט און ברודיג, ווי אַ חיה.

געווען דאָ אויך אַ טויבשטומער, וואָס איז אויסערדעם געווען, ווי עס ווייזט-אויס, אויך אַ ביסעל משוגע. דריי טעג און דריי נעכט נאָכאַנאַנד איז ער געשטאַנען נעבען דער טהיר, נישט גערירט זיך פון אָרט, אונבעוועגליך, ווי אַ סלופּ און אַלעמאָל, ווען איך פלעג זיך אויפכאַפּען ביינאַכט, פלעגט מיך טרעפען דער גלעזערנער בליק פון דעם אָנגענעהמען שכן, וואָס איז געשטאַנען אויף דער וואַך ביים טויער פון אונזער גיהנום.

משוגעים זענען דאָרטען בכלל געווען אָהן אַ שעור. עס טרעפט זיך זעלטען אַן׳עטאַפּ, וואָס זאָל נישט פיהרען עטליכע אַזעלכע אונגליקליכע. וואוהין שלעפּט מען זיי אַרום? וואָס וויל מען פון זיי? ווער קאָן דערויף ענטפערן! פאַרהאַן צווישען זיי מענשען, וואָס האָבען נאָך נישט אינגאַנצען אָנגעוואָרען זייער פערשטאַנד, אַזוי, אַז מען קען זיך נאָך מיט זיי ווי-עס-איז צופריידען. דאָס זענען דאָס רוב אַזעלכע, וואָס אויף זיי ליגט אַ חשד פון אַ פערברעכען, און מען יאָגט זיי ערגעץ אין אַ גרע-

סערער שטאָדט, וואו אַ דאָקטוירים-קאָמיסיע דאַרף אויספאָרשען זייער גייסטיגען צושטאַנד. מיט דערדאָזיגער קאַטעגאָריע טרעפט זיך גאַנץ אָפט גאָר אַ בעזונדערע מעשה. לויט׳ן געזעץ מוז אַזאַ אַרעסטאַנט פאָהרען אין דער בעגלייטונג פון אַ פעלדשער. זיצט אַזאַ מענש אין סמאָלענסק און מוז אַוועקפאָהרען, למשל, קיין מאָסקווא. נאָר דער פעלדשער וועט זיך דאָך נישט מטריח-זיין צו מאַכען אַ נסיעה צוליעב איין משוגע׳נעם,—מוז דער אונגליקליכער וואַרטען ביז וואַנען עס וועט זיך אָנקלייבען אַ גאַנצע קאָלעקציע פון צעהן מאַן. ערשט דעמאָלט שיקט מען זיי אַוועק אַלע צוזאַמען. דערווייל אָבער מוז ער זיצען און וואַרטען און פערפוילט ווערען.

אין מיין קאַמער איז געזעסען אַזאַ פאַציענט. דאָס איז געווען אַ יונגער בחור, וואָס האָט געליטען פון אַ שווערער נערווען-קרענק. אַלע צוויי-דריי שעה פלעגט ער בעקומען שווערע אָנפאַלען. ער פלעגט אַנידערפאַלען—האַלב אין חלשות, האַלב אין קרעמפען, אַביסעל עהנליך צו עפּילעפּסיע איז דאָס געווען. פלעגט ער אָנהויבען שרייען מיט אַ ווילדען קול, פלעגט זינגען און זידלען זיך, אָבער אין אַ פּאָר מינוט אַרום פלעגט ער ווידער זיין נאָרמאַל — ביז עס פלעגען פערגעהן די ווייטערדיגע פּאָר שעה און דער אָנפאַל פלעגט זיך אָנהויבען פון דאָסניי. און אַזוי איז דאָס געווען שטענדיג, רעגעלמעסיג, טאָג און נאַכט. מען קאָן זיך פאָרשטעלען, ווי אַזוי אַזאַ בילד האָט געווירקט אויף אונזערע נערווען און וואָס פאַר אַ פערגניגען איז דאָס געווען צו זיצען מיט אַזאַ שכן אין איין קאַמער און שלאָפען מיט איהם אויף איין נאַרע.

נאָכדעם ווי איך בין אַוועקגעפאָהרען פון סמאָלענסק, בין איך שפּעטער, אין דריי חדשים אַרום, ווידעראַמאָל אַריינגעפאַלען אַהין, פאָהרענדיג אַ צווייט מאָל פון אָריאָל קיין וואַרשאָ. דער ערשטער אַרעסטאַנט, וועמען איך האָב דאָרטען געטראָפען, איז געווען דער אייגענער קראַנקער בחור. ער איז נאָך אַלץ געזעסען און געוואַרט אויף יענע נייע, וואָס האָבען געפעהלט צום

אַ היבש ביסעל גזלנים זענען געווען צווישען די חברה-לייט, הימ וועלכע איך בין געזעסען. מען שטעלט זיך געוועהנליך פאָר צוועלכע מענשען אין דער געשטאַלט פון פינסטערע, פערביסענע ברואים. וואָס אויף זייער פנים גופא ליעגט דער שטעמפעל פון פערגאָסענעם מענשליכען בלוט. איך זאָג דיר אָבער, אַז אין דעראמת'ן איז עס גאָר נישט אַזוי. וואָכענלאַנג קאָנסטו אַמאָל שלאָפען מיט אַזאַ מענשען אויף איין נאַרע, און עס וועט דיר אין קאָפּ נישט איינפאַלען, אַז אויף זיין געוויסען ליעגט אַזאַ פערברעכען. און אַפילו גאַנץ סימפּאַטישע בחורים האָב איך צווישען זיי געטראָפען.

אָט, געדענק איך, פיהרט מען אַריין צו אונז אין קאַמער אַ יונגענמאַן אין אַרעסטאַנטישע קליידער. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז ער איז אַ פּערס; צוזאַמען מיט זיינע עלטערן האָט ער זיך אַריבערגעקליבען אויף קאַווקאַז, זיך דאָרטען בעזעצט, דערנאָך עפּיס אָבגעטהאָן אַ שטיקעל אַרבייט און אַריינגעפאַלען אין געפענגניש. איצט האָט ער אָקאָרשט אָבגע'פּטר'ט פיער יאָהר קאַטאָרגע און געהט קיין סיביר.

אַ פריש קינדיש פנים, נאַאיווע שוואַרצע אויגען, שענע ווייסע אַ צעהן, גוטמוטיג, אָפען שמייכלען; מיר ווערען באַלד גוטע פריינד, שפּיעלען אין דאַמקעס, לאַכען און שטיפען. און אַמאָל פרעג איך איהם, פאַרוואָס האָט ער אייגענטליך בעקומען זיינע פיער יאָהר קאַטאָרגע. דער יונג איז גערן גרייט מיר דאָס צו דערצעהלען, אָבער אַזוי גרינג געהט דאָס נישט; ווייל אויף רוסיש קאָן דער פּערס בלויז עטליכע ווערטער, און אויף פּערסיש פערשטעה איך קיין איין וואָרט נישט. וואָס טהוט מען? דער יונג גיט זיך פונדעסטוועגען אַנ'עצה: מען רעדט מיט די הענד: מיט אייגענע און... מיט פרעמדע אויך. געכאַפּט פאַר'ן קאַרק דריי מאַן פון „פּובליקום”, אויסגעשטעלט אין אַ שורה—די חברה-לייט הויבען נישט אָן צו פערשטעהן, וואָס וויל ער פון זיי האָבען—און עס הויבט זיך אָן אַ בעשיינפערליך דערצעהלען, לויט דעם אָנשויאונגס-מעטאָד, אַזוי-צו-זאָגען, מיט לעבעדיגע זשעסטען און אין אַ צובראָכען רוסיש. „אָט דער—דער פּערס פּ׳שעלט

מיט'ן פינגער אויף דעם ערשטען — אַ פעטער פון מיר. פערשטעהסט?—„יאָ, יאָ".—„גוט. אָט דער—אַ טייט מיט'ן פינגער אויפ'ן צווייטען—אַ פרעמדער. און דער—אַ ברודער פונ'ם פרעמדען. אָט אַזוי. גוט." איצט כאַפּט ער אָן דעם „פרעמדען" פאַר דער האַנד און לאָזט איהם דערלאַנגען אַ גוטען קלאַפּ דעם „פעטער" — געשטאָכען — טייטש ער אויס — אַוועקגע'הרג'עט. טויט! פערשטאַגען?"—„פערשטאַנען".—„נו, און דערנאָך איך — יענעם"—און דער בחור דערלאַנגט מיט זיין אייגען פויסט אַ קלאַפּ דעם „ברודער פונ'ם פרעמדען — „אַוועקגע'הרג'עט, טויט! פערשטאַנען?" — „יאָ, אָבער וואַרט-נאַר, פאַרוואָס האָסטו אַוועקגע'הרג'עט דעם פרעמדענ'ס ברודער און נישט דעם פרעמדען גופא, וואָס האָט געשטאָכען דיין פעטער?" — „אָ, איין ברודער פון מיר האָט איהם שוין פריהער..." און דער פויסט בעוועגט זיך ווידער אין דער לופטען: „דער'הרג'עט. יענער טויט, מיין ברודער—קאַטאָרגע".

און איצט פאַלט דעם בחור איין עפּיס גאָר אַ פרעהליכע זאַך, און ער לאַכט און שפּרינגט, ווי אַ קינד, און שלעפּט אַהער נאָך צוויי מאַן: „דער—אַ צווייטער ברודער פון מיר. און דער אַ צווייטער קרוב פון דעם פרעמדען". און ווייטער כאַפּט ער דעם פויסט פון דעם צווייטען ברודער און דערלאַנגט אַ פּאַטש דעם צווייטען קרוב. „אויך טויט. — אויך קאַטאָרגע"! ענדיגט ער זיין אָנשויליכען בעריכט—און קוועלט.

— וואָס וועסט דו טהון, אַז דו וועסט ווידעראַמאָל זיך אומקעהרן אויף קאַווקאַז?—פרעג איך אַנ'אַנדערשמאָל דעם פערס. „אָ, דאָרטען זענען געבליבען נאָך צוויי—ענטפערט ער גאַנץ געלאַסען — יענע מוז איך נאָך אויך..." און ווידער הויבט זיך דער פויסט און דריקט אויס דאָס, וואָס די ווערטער קאָנען נישט אויסזאָגען, און מיט אַ מאָל ווערט ער גאָר ערנסט: „מען מוז — זאָגט ער מיט אַ נאַאיווען קוק פון זיינע טרייע שוואַרצע אויגען—מען מוז. בלוט-נקמה"!...

אָט איז געזעסען מיט מיר אַנ'עלטערער מאַן, וואָס האָט גע'הרג'עט זיין פרוי, דער צווייטער האָט דער'הרג'עט זיין ווייב.

גער, אַ דריטער—אַ יונגער בחור—דעם מאַן פון זיין שוועסטער—אַלע דריי דורכאויס שטילע, רוהיגע, פרידליכע מענשען. אַ פּראָפעסיאָנעלען גזלן האָב איך געזעהן, וועלכער האָט—לויט זיינע אייגענע ווערטער — געהאַט אויף זיין געוויסען זעקסאונצוואַנציג קרבנות. איך וואָלט דאָס קיינמאָל נישט געגלויבט, ווען איך וואָלט נישט געוואוסט, אַז ער איז טאַקע פער׳משפט געוואָרען דערפאַר צו אַ לאַנגען קאַטאָרגע-טערמין. אמת, בעת איך האָב איהם געזעהן, איז ער שוין געווען שווער קראַנק, אין דער לעצטער סטאַדיע פון שווינדזוכט, און מיט אַ פּאָר וואָכען שפּעטער איז ער טאַקי געשטאָרבען.

איך מוז דיר בכלל מודה זיין: די פּראָפעסיאָנעלע פערברעכער זענען מיר געווען אין סמאָלענסק בעזונדערס סימפּאַטיש... פערשטעהט זיך, פון אַ ספּעציעלען שטאַנדפּונקט: צווישען אַלע איינוואוינער פון אַ געפענגניש-קאַמער זענען דאָס די בעסטע שכנים. אַ „בראָדיאַגע”, אַ „באָסיאַק”, אַ גאַרנישט, וואָס פּאַלט-אַריין אין געפענגניש, איז געוועהנליך אַ ברודיגע בריאה, וואָס איז אַראָבגעפאַלען ביי זיך, אָהן שום אָרדנונג און דיסציפּלין, אָהן שום געפיהל פון סאָלידאַריטעט. די טיפען פון גאָרקי זענען גאַנץ אינטערעסאַנט אין אַ בוך אָדער אויף דער סצענע; לעבען מיט זיי אין איין שטוב איז נאָך גאָר אַ צווייפעלהאַפט פערגניגען. אָבער די פּראָפעסיאָנעלע פערברעכער, די שטענדיגע איינוואוינער פון די רוסישע טורמעס, ווייזען-אַרויס אַ געוויסע דיסציפּלין, אַ געוויסע אָרענטליכקייט, אפילו געוויסע טראַדיציעס.

בכלל זענען דאָס גאַנץ אינטערעסאַנטע מענשען, דורכאויס נישט ערגער ווי פיעל פון יענע, וואָס שפּאַצירען-אַרום אויף דער פריי. מיט פיעל יאָהרען צוריק האָט דער גרויסער רוסישער שרייבער דאָסטאָיעווסקי, וואָס האָט אַליין פערבראַכט אויף קאַטאָרגע לאַנגע יאָהרען, געזאָגט, אַז די רוסישע קאַטאָרזשניקעס געהערען צו די פעהיגסטע און בעסטע מענשען פונ׳ם פאָלק. און מיר דאַכט זיך, אַז עס איז אין אַ גרויסער מאָס ריכטיג אויך אין דער איצטיגער צייט.

איך האָב זיך בעקענט מיט אַ גרויסער צאַהל גנבים, און

איך האָב טאַקי זעלטען געטראָפען אויף דער פריי אַזעלכע פעהיגע, געניטע און קלוגע מענשען. און בעזונדערס אינטערעסאַנט איז איין זאַך. נישט-קוקענדיג דערויף, וואָס לויט זייער פראָפעסיע, לויט דעם גאַנצען כאַראַקטער פון זייער לעבען, מוזען זיי טראָגען—און טראָגען טאַקי—אַנ׳אויסגעשפּראָכען אינדיווידואַליסטישען שניט—האַנדעלט דאָך יעדער פון זיי פאַר זיך און נאָר פאַר זיך. אַנ׳אַרבייט פאַר׳ן כלל זענען זייערע מעשים געוויס נישט — פונדעסטוועגען ווייזען זיי אַרויס גאַנץ בולט׳ע סאָציאַלע מעלות. איך מיין, אַ געוויס געפיהל פון אחדות. און דאָס איז נישט בלויז אַ געפיהל; זיי פערמאָגען, איך וואָלט כמעט געזאָגט, אַ מין קאָלעגיאַל בעוואוסטזיין, געוויסע געזעלשאַפטליכע פּרינציפּען. דו געפינסט ביי זיי אַ געוויסען דראַנג אַרויסצוטרעטען סאָלידאַריש און העלפען איינער דעם צווייטען, און טאַקי מיט אַזאַ דרייסטקייט, וואָס גרענעצט פשוט מיט אַ מין קאָמוניזם. וויפיעל מאָל האָב איך דאָס געזעהן: קוים פיהרט מען אַריין אין קאַמער אַנ׳אַרעסטאַנט — אַנ׳אמת׳ען, אין אַרעסטאַנטישע קליידער, הייסט דאָס, — און ער האָט ביי זיך אַ ביסעל פּראָדוקטען, — וואַרפט ער די מינוט אַרויף אויפ׳ן טיש זיין זעקעל מיט מאַכאָרקע (די וויכטיגסטע זאַך אין געפענגניש!) — „רייכערט, חברה!“ און טיילט זיך מיט די חברים מיט זיין ביסעל צוקער און טיי און אַלץ — פערשטעהט זיך, פאַר „חברים“ רעכענט ער טאַקי נאָר די „אמת׳ע“ אַרעסטאַנטען. די עטאַפּנע שלעק זענען פאַר איהם קיין מענשען נישט, אָבער דאָס איז גאַנץ פערשטענדליך: דאָס זענען נישט קיין „קאָלעגען“, נאָר צופעליגע געסט, מיט וועלכע ער האָט נישט קיין געמיינזאַמע אינטערעסען. זיי האָבען נישט זיינע טראַדיציעס, זיי געהערען צו אַנ׳אַנדער וועלט.

אַ קלייניגקייט, וואָס איז אָבער כאַראַקטעריסטיש פאַר די-דאָזיגע טראַדיציעס: בעת דו זיצט אין די עט_פּען-אָבטיילונגען מיט די „צופעליגע שלעק“ און מען טראָגט-אַריין צו מיטאָג די שיסעלעך מיט זופּ און קאַשע, —דערלאַנגען זיך אַלע אַ וואָרף (איך האָב דיר שוין פריהער דערציהלט וועגען דעם) און ווער עס איז פלינקער, דער בעקומט מעהר; קומט דיר אָבער אויס צו

זיצען מיט אמת׳ע אַרעסטאַנטען, געהט דאָס גאָר אַנדערש: מען זעצט זיך רוהיג אַרום שיסעל, יעדער שעפּט מיט זיין לעפעל, נישט-כאַפּענדיג, פון אויבען, ווי עס געהט, און אויב עס זענען נאָך פאַרהאַן שטיקלעך פלייש, ריהרט זיי קיינער נישט אָן, נאָר אַז מען שעפּט-אויס די זופּ, צוטיילט מען די שטיקלעך צווישען אַלעמען. אַ קלייניגקייט. נאָר אין דערדאָזיגער קלייניגקייט שפּיגעלט זיך אָב אַ בעזונדער פּנים,—דאָס פּנים פון אַנ׳„אָרענטליכען״ אַרעסטאַנט

פערשטעהט זיך, אַז די ספּעציעלע בעדינגונגען פון דעם גנב׳ישען „פאַך״ לעגען-אַרויף אויף דעמדאָזיגען פּנים אַ גאַנץ בעזונדערן שטעמפּעל. אָבער די בעציהונג פון דידאָזיגע לייט אפילו צו זייער טרויעריגען „פאַך״ איז דורכגעדרונגען מיט אַ געוויסער—איך וואָלט כמעט ריזיקירען דעם אויסדרוק—מאָראַלישער ערנסטקייט. דאָס גנב׳נען איז פאַר זיי נישט קיין טעאַטראַליש קונצען-מאַכען אָדער עפּיס אַ ראָמאַנטישע אונטערנעהמונג, וואָס גראָד די ריזיקע מאַכט דאָס אַזוי אינטערעסאַנט און צוציהענד. עס הויבט זיך גאָר נישט אָן. דאָס גנב׳ענען איז פאַר זיי אַ גאַנץ פּראָזאַאישע, טרוקענע, וואָכענדיגע אַרבייט. און אַזוי רופען זיי דאָס טאַקי אָן: „אַרבייט״. אַ מלאכה ווי אַלע אַנדערע, אַ בראַנזשע, וואָס מען מוז לערנען, וואָס מען מוז אויסקלייבען איינעם פון איהרע ספּעציעלע פאַכען—פאַרהאַן דאָך אַ סך — און דאַן אַרבייטען מיט מיה און מאַטערניש. אַ פערגניגען איז דאָס געוויס נישט

אַ שווערע אַרבייט —.זאָגט מיר אַ מאָל אַ גנב—אָבער איך האָב נישט קיין אַנדער ברירה. אַנ׳אַנדערע פאַך האָב איך נישט בעלערנט, קיין אַנדער פּראָפעסיע קאָן איך נישט. איז וואָס דאַרף איך טהאָן? און סוף-כל-סוף,—עמיץ-ווער מוז דאָך גנב׳נען״...

„הער זיך צו—דערצעהלט מיר איינער אַזאַ „בעל-מלאכה״—דאָס ערשטע מאָל האָב איך געמאַכט אַ גנבה, בעת איך בין אַלט געווען 13 יאָהר. וואָס פערשטעהט אַזאַ יונגעל? גאַנץ צופעליג איז דאָס געווען, אַ שפּאַס, אַ שטיפעריי... איך האָב אָבער נישט

געהאַט קיין מזל: בין אַריינגעפאַלען. עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ לעבען אין טורמע: דאָס איז געווען פאַר מיר אַ שול, און דאָ האָב איך שוין אַ ביסעל געלערנט — אין דעם גנבים־פאַך, פער־שטעהט זיך, און דאָס איז מיר טאַקי צוניץ געקומען. ווייל אַז איך בין אַרויס פון טורמע, זענען די טהירען פון די „אָנשטענ־דיגע" מענשען געווען פאַר מיר פערשלאָסען: „ביזט אַ גנב, טראָג זיך אָב!" — נו, האָב איך מיר געטראַכט — אויב אַזוי, מוז איך ווע־ניגסטענס זעהן צו ווערען עפּיס רעכטס אין דעמדאָזיגען פאַך. און אַזוי בין איך געוואָרען אַ פּראָפעסיאָנעלער גנב און וועל שוין בלייבען ביז׳ן סוף. מיינסט אפשר, אַז דאָס איז אַ פרעהליכע זאַך? האָסטו אַ גרויסען טעות, ליעבער פריינד. זעה נאָר — אַ פּאָר חדשים אַרבייט איך, דאַן פאַל איך אַריין און זיץ־אָב אַ פּאָר יאָהר, דאַן אַרבייט איך ווידער אַ קורצע צייט און פאַל ווידער אַריין. און אַזוי ווייטער, אָהן אַ סוף. זינט יענער ערשטער גנבה, בין איך אָבגעזעסען אינגאַנצען אַ יאָהר צוואנציג — נישט אויף אַמאָל, נאָר „אויף־אויסצוצאָהלען" — און אויף דער פריי בין איך פאַר דער גאַנצער צייט געווען אפשר אַ טוץ יאָהרען. און די אַרבייט גופא, — מיינסטו, אַז זי איז אַ גרינגע? אַ הינטיש לעבען, זאָג איך דיר, אַ ן׳אמת הינטיש לעבען. אָבער עס איז שוין אַזוי, און מען קאָן דאָס נישט בייטען. מען מוז דאָך עפּיס פערדיענען און יעדער מאַכט דאָס, ווי ער קען".

מאַנכער גנב איז מיר ליעב געוואָרען. דו וועסט זיך וואונדערן: ווי קאָן מען דאָס אַזוי ווערען גוטע פריינד מיט מענ־שען, וואָס זענען אַזוי אונמאָראַליש. זאָג איך דיר אָבער: די חברה־לייט האָבען יאָ אַ מאָראַל, אַ צודרעהטע, אַ משונה׳דיגע מאָ־ראַל, אָבער פאָרט אַ מאָראַל. דידאָזיגע מאָראַל דערלאָזט גנב׳־נען — ריכטיג, איז זי דאָך געשאַפען געוואָרען פון גנבים, און די גנבים האַסען די אָנשטענדיגע מענשען און קוקען אויף זיי, ווי אויף זייערע נאַטירליכע קרבנות. און פונדעסטוועגען האָבען זיי אויך זייערע פּרינציפּען. און אויב עפּיס אַ נישט רייפער בחור אָדער גלאַט עפּיס אַ גאָרנישט דערלויבט זיך צו צו׳גנב׳נען ביי אַ ן׳אָרימאַן זיין ביסעל האָב־און־גוטס, — זעהט ער אויס ביי אַ ן׳־

טו. מעדעם.

אָרענטליכֿען גנב — ווי אַ לומפּ. ווייל אַזאַ מין אויפפיהרען זיך פּאַסט נישט פאַר אַנ'ערנסטען גנב. דאָס איז געגען דער גנב'י־שער ווירדע, געגען דער גנב'ישער מאָראַל, און איך פרעג דיך: ציי ווערטו נישט געפינען צווישען יענע מענשען, וואָס האָבען אַ גאָמען אָהן אַ פלעק און וואָס האָבען נאָך קיין איין מאָל נישט געטראָגען די גרויע אַרעסטאַנטישע קליידער, מעהר ווי איינעם, וואָס דאַרף אין דערדאָזיגער הינזיכֿט געהן אין חדר אַריין צו אַ גאַנץ געוועהנליכען פּערשטויסענעם גנב?

זיעבטער בריעף.

איצט האָב איך דיך שוין גענוג אָבגעהאַלטען אין כמאָלענסק, און מיר קאָנען רוהיג אַוועקפאָהרען ווייטער. און אַזוי איז דאָס אויך געווען אין דער׳אמת׳ן. נאָך צוויי חדשים וואַרטען האָט מען מיך ענדליך „געפונען”. עס איז געקומען צו פאָה-רען פון וואַרשא מיין פרוי און האָט מיר געבראַכט קליידער, געלד און עסענוואַרג. איצט האָב איך זיך אין אַ נאָווינע אָנגע-געסען צו-זאַט, און דערנאָכדעם האָבען זיך אויך דערמאָהנט ווע-גען אונז די הויכע פענסטער און האָבען בעשטימט, מיר זאָלען פאָהרען צוריק קיין אָריאָל.

ווי שען איז געווען דאָס לעבען אין אָריאָל,—וועגען דעם האָב איך דיר שוין געשריבען פריהער; אַ סך בעסער איז עס אויך איצטער נישט געוואָרען: אָבער אין פערגלייך מיט סמאָ־לענסק האָט זיך אונז אויסגעדאַכט, אַז מיר זענען געקומען אין אַ גן-עדן.

דאָ האָב איך זיך אויסגערוהט—מעהר נישט אַ פאָר חדשים. דאַן איז געקומען אַ נייער בעפעהל. און ווידער זענען מיר גע־פאָהרען. און ווידער האָט זיך אָנגעהויבען די עטאַפען-וואַנדע־רונג—נאָכאַמאָל קיין וואַרשא, און מיט שרעק און וועהטאָג זע־

גען מיר געווען גרייט דאָס צווייטע מאָל אַריינצופאַלען אין סמאָלענסק און דאָס צווייטע מאָל פערברענגען אין דעם ברודיגען לאָך לאַנגע חדשים, וואַרטענדיג ביז וואַנען מען וועט אונז אַוועקשיקען... צוריק קיין אָריאָל...

דאָסמאָל האָבען מיר אָבער געהאַט מעהר מזל: דער וועג איז געווען אָפען און מעהר נישט ווי אַ קלייניגקייט פון צעהן טאָג האָט געדויערט דער גאַנצער וועג. אין צעהן טעג אַרום — אָנהויב פעברואַר 1915 יאָהר—זענען מיר ענדליך ווידער געקומען קיין וואַרשא.

ווידער בין איך אַריין אין דאָס גרויסע מאָקאָטאָווער קאַטאָרזשנע-געפענגניש,—דאָס אייגענע, פון וועלכען עס האָט זיך אָנגעהויבען מיט אַ האַלבען יאָהר פריהער דער שווערער יסורים־וועג, און פון וועלכען ס'האָט געדאַרפט איצט זיך אָנהויבען אַ נייער וועג, אַ סך אַ שווערערער, אַ סך אַ לענגערער.

אין דער צייט פון די מלחמה־חדשים איז דאָס מאָקאָטאָווער געפענגניש געוואָרען אויס קאַטאָרגע. עס איז געוואָרען אַנ׳אונטערזוכונגס־געפענגניש. צוויי מאָל האָט מען עס שוין עוואַקואירט און צוויי מאָל איז עס ווידער פול געוואָרען ביז איבער׳ן ראַנד: די אַרעסטען האָבען זיך געהאַלטען אין איין שיטען.

אַ מאָדנע קאָלעקציע פון מענשליכע טיפען האָט זיך דאָ צונויפגעקליבען אין דעם קאָלאָסאַלען בנין. די צוויי הויפט-גרופעס, וואָס טרעפט געוועהנליך אין אַ רוסישען געפענגניש—די קרימינעלע אַרעסטאַנטען און די אייגענטליכע „פּאָליטישע", זענען דאָ געווען פערטראָטען פערהעלטניסמעסיג שוואַך. מעהרסטענטייל זענען דאָס געווען קרבנות פון דער מלחמה־צייט: מענשען, וואָס מען האָט בעשולדיגט אין שפּיאָנאַזש און פערראַט.

ווער איז דאָ נישט געשטאַנען אונטער אַ חשד!... דעם זיבען-אָן האָט אין מאָקאָטאָוו פערנומען אַ בעזונדערע גרופּע פון אַ מאַן צוואַנציג — מענער און פרויען, וועלכע פלעגען מאַכען אַ גרויסען רושם: דאָס איז געווען דער בעוואוסטער מיאַסאָיעדעוו און די, וואָס זענען געווען בעשולדיגט צוזאַמען מיט איהם. מיט

מיאַסאָיעדאָוו׳ן גופא האָט מען געמאַכט אַ סוף גאָר גיך. בלויז עטליכע וואָכען, אפשר אפילו טעג, האָט געדויערט די אונטערזוכונג. דאַן איז ער געשטאַנען פאַר׳ן פעלדגעריכט, פער׳משפט געוואָרען און אויפגעהאָנגען. די אַנדערע זענען אָבער געבליבען זיצען און די אונטערזוכונג איז געגאַנגען ווייטער.

אין אונזער געפענגניש האָבען דידאָזיגע מענשען פערנומען אַנ׳אויסנאַהמס-אָרט. עס איז געוועזן רעזערווירט פאַר זיי אַ ספּעציעלער „קאָרפּוס" פון די געפענגניש-געביידעס. זיי זענען געזעסען אין איינצעל-קאַמערן (מיר, די „געוועהנליכע", פלעגען זיצען אין גרעסערע קאַמערן צו צוואַנציג ביז פיעראונצוואַנציג מאַן צוזאַמען), זענען געוועזן שטרענג איזאָלירט און בעוואַכט מיט אַ בעזונדער שטרענגקייט. ווי עס ווייזט אויס, זענען פאַר דידאָזיגע אויסערגעוועהנליכע פערברעכער די געפענגניש-וועכטער נישט גענוג געוועזן, מ׳זאָל זיך קאָנען אויף זיי פערלאָזען, און מען האָט דעריבער די גאַנצע גרופּע איבערגעגעבען אין רשות פון די זשאַנדאַרמען, וועלכע האָבען בעזעצט מיאַסאָיעדאָוו׳ס קאָרפּוס און געהיט איהם—ווי נאָר זשאַנדאַרמען קענען היטען.

קאָמוניקירען זיך מיט דערדאָזיגער גרופּע האָבען מיר דעריבער נישט געקאָנט. בלויז פון די פענסטער האָבען מיר זיי געקאָנט זעהן, בעת מען פלעגט זיי אַרויספיהרען — איינציגוויין, אונטער אַ שטרענגער אויפזיכט—אויפ׳ן שפּאַציר. דאָס זענען געוועזן דאָס רוב הערן פון דער „בעסערער געזעלשאַפט", און אויך עלעגאַנטע דאַמען האָבען מיר געזעהן צווישען זיי.

טאָג-טעגליך פלעג איך זעהן מיאַסאָיעדאָוו׳ס פרוי, וואָס איז אויך געוועזן בעשולדיגט צוזאַמען מיט איהם; אַ הויכע דאַמע מיט אַ בלאַסען שטאָלצען פּנים און גאָלדענע האָר; שטענדיג שוואַרץ געקליידעט. זי האָט געוואוסט, אַז איהר מאַן איז שוין טויט. און מיט דעמדאָזיגען געדאַנק האָט זי געמוזט פערברענגען טאָג און נאַכט אין דער איינצעל-קאַמער און וואַרטען—אויף איהר אייגען געריכט...

זי האָט פונדעסטוועגען געטראָגען איהר גורל גאַנץ מוטיג.

ז. מעדעם.

אָבער עס איז דאָ געווען אַנ׳אַנדערע, וואָס אין אַ משך פון עט־ליכע טעג האָבען די קאַלטע געפענגניש-מויערן אויסגעזויגען פון איהר די גאַנצע לעבענס-קראַפט, דעם גאַנצען לעבענס-ווילען. עס האָט זיך אַמאָל בעוויזען אויפ׳ן שפּאַציר אַ יונג מיידעל: אַ קינד פון, העכסטענס, פופצעהן יאָהר: אויך אַנ׳אָנגעקלאָגטע. זי איז אויך אַריינגעזעצט געוואָרען אין אַנ׳איינצעל-קאַמער פון מיאַ-סאָיעדאָוו׳ס אָבטיילונג, און אַ וואָך צייט—אפשר אַ ביסעל מעהר—האָבען מיר זי געזעהן אויפ׳ן הויף אין דער צייט פונ׳ם שפּאַ-ציר. ווי אַ קינד, פלעגט זי אַרומגעהן איבער דעם גרויסען הויף—געווען דאָרט אַ ביסעל גרין גראָז און אויך אַ פּאָר פעלד-בלי-מעלעך פלעגען וואַקסען דערויף: דאָס מיידעל פלעגט קלויבען די בלימלעך, מאַכען פון זיי אַ קליין בוקעטל...

ס׳איז אָבער געקומען אַ טאָג, און דאָס מיידעל איז נישט אַרויס אויפ׳ן הויף. און מיט אַמאָל לויפט-דורך איבער דעם גאַנצען געפענגניש אַ שרעקליכע ידיעה: די נאַכט האָט זיך דאָס מיידעל אויפגעהאַנגען אין איהר קאַמער... און די ידיעה איז געווען אַ ריכטיגע.

באַלד האָט זיך בעוויזען אויפ׳ן הויף דער אויבער-אויפ-זעהער. ער איז געלאָפען און געשריען און געוויזען מיט די הענד אויף אונזערע פענסטער: פערמאַכען! אַוועק פון די פענסטער! נישט קוקען! און אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט מען אַרויסגעטראָ־גען אויפ׳ן הויף אונטער אַ וואָך פון אַ טוך געזונדטע בעוואָפענ־טע זשאַנדאַרמען אַנ׳אָרים קינדערטרומנעלע. דאָס קליינע מיידעל איז אַוועק אין מתים-שטיבעל...

„שפּיאָנען" און „פעררעטער"—דאָס רוב, אויב נישט אַלע, אין געגנזענפּיסלעך—זענען ביי אונז אין געפענגניש געווען אָהן אַ שיער. ווער איז נישט געווען פערדעכטיג? וועמען האָט מען נישט אַריינגעזעצט? און עס זענען דאָ צונויפגעשלעפּט געוואָרען מענשען פון די פערשידענסטע קלאַסען און פּראָפעסיעס.

אָט האָב איך, למשל, געטראָפען אַ גאַנצע גרופּע פון פּוי-לישע פּויערים — פון אַ קליין שטעדטעל אין קיעלצער גובערניע. אַז עס האָט זיך אָנגעהויבען די מלחמה און די רוסישע „נאַ-

טשאַלסטוואָ" האָט געמאַכט פּיס, האָבען די פּויערים אָרגאַניזירט אַ מיליציע, כּדי אָבצוהיטען די אָרדנונג; די „נאַטשאַלסטוואָ" גופא, פאַר'ן אַנטלויפען, האָט זיי דאָס געהייסען טהאָן, און האָט זיי נאָך געזאָגט: אויב דער שונא וועט קומען, זאָלט איהר זיך פיה-רען רוהיג און פאָלגען, וואָס ער וועט אייך זאָגען. דער שונא איז טאַקי געקומען, שפּעטער איז ער אָבער ווידער אַוועק. די רוסען האָבען זיך ווידער אומגעקעהרט. עס האָבען זיך, ווי דער שטייגער איז, אָנגעהויבען שיטען מסירות און דער סוף איז גע-ווען—געפּענגניש. מען האָט אַרעסטירט סיי די מיליציאַנטען און סיי די נישט-מיליציאַנטען און זיי בעשולדיגט, אַז זיי זענען כּלומרשט אַריינגעטראָטען אין די פּוילישע לעגיאָנען, בעגאַנגען אַ פעררעט, מיטגעהאָלפען די פיינדליכע אַרמעע און אַזוי ווייטער.

איינער פון דידאָזיגע „לעגיאָניסטען" איז געווען אַ זקן פון פיעראונזיעבעציג יאָהר, וואָס האָט זיך קוים געקאָנט האַלטען אויף די פיס.

אַ קאַטוילישער גלח איז מיט אונז געזעסען, אַ קאַפּוצינער, אין אַ לאַנגען ברוינעם מלבוש: אַ לעבעדיגער, וויציגער, קלוגער מאַן. „די רוסען, פלעגט ער זיך חכמה'נען, ווילען מיר מכבּד-זיין מיט אַ שטריקעל; און זיי וועלען עס מסתמא געוויס טהאָן, וואָרום שטריק האָט מען דאָ גענוג". צי מען האָט איהם טאַקי געהאָנגען, ווייס איך נישט, אָבער אַרויסצופיהרען ביי דער עוואַ-קואַציע האָט מען איהם בעוויזען.

אַ צווייטע גייסטליכע פערזאָן איז דאָ געווען: אַ ליוטעראַ-נישער פּאַסטאָר, וואָס האָט געדיענט אַלס פעלד-פּרעדיגער. זענען אַמאָל געקומען צו איהם צוויי לעטישע זעלנער און געבעטען, ער זאָל זיי געבען ביכער צום לעזען. האָט מען זיך צושמועסט און דערביי האָט דער פּאַסטאָר אַרויסגעזאָגט אַ פּאָר פּעסימיסטי-שע ווערטער וועגען דער מיליטערישער לאַגע. די זעלנער האָ-בען איהם גע'מסר'ט, און דער פּאַסטאָר איז אַרעסטירט און בע-שולדיגט געוואָרען אין פעררעט.

צוויי קרייז-שעפען (פּאָוויאַטאָווי נאַטשעלניקעס) זענען גע-זעסען. איינער פון זיי—אַ געוועזענער ראָטמיסטער פון דעם וואַר-

שאָווער אולאַנער גוואַרדיען-פּאָלק;ביידע בעשולדיגט אין שפּיאָנאַזש.

געווען אַ באַהן-בעאַמטער, וואָס האָט עפּיס אויפגעטהאָן פאַר דער רוסישער אַרמעע אַ וויכטיגע זאַך און דערנאָכדעם—אויך בעשולדיגט אין שפּיאָנאַזש!

אַ דיענסטמאַן (פּאָסלאַניעץ), ביי וועלכען מען האָט געפונען איין עקזעמפּלאַר פון עפּיס אַנ׳אויפרוף, וואָס מען האָט איהם געהייסען ערגעץ-וואו אַוועקטראָגען; אַ גוטסבעזיצער, וואָס האָט כלומרשט געהייסען די פויערים, זיי זאָלען נישט אַוועקגעבען די פערד ביי דער רעקוויזיציע; אַ שוסטער, אַ בעל-הבית, וואָס האָט געלייענט אַנ׳אונלעגאַלען זשורנאַל, אַ יונגערמאַן, אַ טעכניקער, וואָס האָט געאַרבייט אין די אָקאָפּעס און געמאַכט צייכנונגען, וועלכע זענען געווען נויטוועדיג פאַר דער אַרבייט גופא; אַ מאַסע יודען פון כל-המינים, אָבער ווער קען זיי אַלע געדענקען? הונדערטער און איבער הונדערטער פערשיעדענסטע מענשען זענען דאָ אלע געזעסען און געוואַרט אויפ׳ן מיליטער-געריכט.

און אַלע, אַלע זענען געווען אָנגעקלאָגט לויט דעמזעלבען גרויזאַמען פּאַראַגראַף 108, יענעם פּאַראַגראַף, וואָס ווערט אָנגעווענדעט נאָר אין מלחמה-צייט, וואָס נעהמט-אַריין אין זיין קוישוק-ראַמען אַלץ, וואָס מען וויל, און וואָס האָט נאָר איין-איינציגע שטראָף:

טויט דורך אויפהענגען!

אַלטער ברייף.

עס איז געקומען דער חודש יולי. אַ שווערע כוואַליע פון היץ איז געלעגען איבער דער גאַס און דעם געפענגניש. און ביינאַכט, בעת די פענסטער האָבען געמוזט זיין געשלאָסען—אַזוי האָט געפאָדערט די אָרדנונג פון געפענגניש,— פלעגען מיר ליעגען אין שוויס, נישט געקאָנט כאַפּען דעם אָטעם פון זאָרג און אונרוה. און בייטאָג—האָבען מיר ווידער געמוזט נעהען זעק, צונויפקליבען צוקער און מאַכען זיך ווידער גרייט צו אַ נייעם וועג: עס האָט זיך אָנגעהויבען די גרויסע אָפּענסיווע פון׳ם 1915 יאָהר.

דאָס דריטע מאָל האָט מען זיך גענומען צו דער עוואַקואַציע פון די וואַרשאָווער געפענגנישען. צוערשט—קאַרג, ביסלעכווייז, אַקוראַט ווי מען וואָלט זיך נאָך נישט בעשליסען. שפּעטער אָבער איז דאָס געגאַנגען ווי אַ שטראָם, וואָס האָט צוריסען די שליוזען.

אַלע טאָג פלעגען זיך בעוויזען אויפ׳ן הויף די סאָלדאַ-

טען פון „קאָנוואָי”. אַלע טאָג פלעגט מען אַוועקשיקען אַרעסטאַנ-
טענפּאַרטיעס—צו פינף, זעקסהונדערט מאַן אויף אַמאָל.

מיר פלעגען שטעהן בּיים פענסטער און ווידער אָנקוקען
פון דאָסניי די גרויזאַמע פּראָצעדור, וואָס אונז אַליין איז אויך
בּעשערט געווען צו דערלעבּען—און אפשר שוין דעם מאָרגענדי-
גען טאָג!.. בּייז און אויפגערעגט זענען די סאָלדאַטען: זיי האָ-
בּען געמוזט אַרבּייטען וואָכענלאַנג אָהן אַנ'אונטערבּרעכונג טאָג
און נאַכט. מיט שעלטען און מיט שלאָגען האָבּען זיי געאַרבּייט.
די אונשולדיגסטע זאַכען פלעגען זיי צונעהמען בּיים רעווידירען
די אַרעסטאַנטען,—צונעהמען, צובּרעכען, צורייסען, פונאַנדערוואַר-
פען, און אַז נאָך אַזאַ „אַרבּייט”, וואָס פלעגט דויערן לאַנ-
גע שעה'ען, פלעגט די פּאַרטיע אַרויסגעהן פון טויער אַרויס,
האָט אַלעמאָל דער הויף אויסגעזעהן ווי אַ פעלד פול חורבות
און בּיז אויף מאָרגען פלעגען די וועכטערס אַרומבּלאָנדזשען אי-
בּער דעם אויסגעלעדיגטען הויף, זיך גראָבּען אין די אָבּפאַלען
און אַריינשטאָפּען אין די קעשענעס טאַבּאַק און פּאַפּיראָסען און
עסענוואַרג. ווי שוואַרצע זשוקעס אויף אַ גרויסען מיסטהויפען
פלעגען זיי אויסזעהן.

און דעם צווייטען טאָג פלעגט קומען אַ צווייטע פּאַרטיע,
און ווידער פלעגט זיך אָנהויבּען פון דאָסניי דאָס גרויזאַמע
שפּיעל. מיר פלעגען אַלץ שטעהן בּיים פענסטער און... ניין, דו
קאָנסט דיר נאָך נישט פאָרשטעלען, וואָס אַ מענש פיהלט בּיי אַזאַ
בּליק, און נאָך דערצו אַזאַ מענש, וואָס האָט דאָס שוין אַמאָל
איבּערגעלעבּט און וואָס מוז עס נאָכאַמאָל אַדורכמאַכען אין עט-
ליכע טעג אַרום...

אָבּער דאָס איז נאָך נישט אַלץ. נאָך אַ צווייטע זאַך איז
צוגעקומען דערצו. וואָס נעהנטער ס'האָט זיך צוגערוקט די גרוי-
סע כוואַליע פון דער אָפּענסיווע,—אַלץ אַיילענדיגער פלעגען אַר-
בּייטען די מיליטער־געריכטען. צו פערשפּאָרען אָרט און צייט,
האָט איין פעלד-געריכט זיך אינגאַנצען אפילו אַריבּערגעקליבּען
צו אונז אין געפענגניש־קאַנצעלאַריע. און אַזוי האָבּען מיר גע-
האַט בּיי זיך אַ שרעקליכע טויט-לאַבּאָראַטאָריע. און מיט היציגער

שנעלקייט פלעגט מען פאבריצירען איין טויט-אורטייל נאך א צווייטען! טאג-טעגליך פלעגט מען ארויסרופען באלד דעם, באלד יענעם. מען פיהרט דעם מענשען ארויס, און אויב ער האט בע-קומען צו הערען דעם טויט-אורטייל, פלעגט מען איהם שוין נישט אריינלאזען צוריק אין קאמער אריין. און אזוי זיצען מיר פאר-נאכט און ווארטען, און דער מענש קומט נישט: אנשטאט איהם קומט א וועכטער און טראגט אוועק זיינע זאכען. און דעמאלט ווייסען מיר: דאס געריכט האט זיך געענדיגט און דער מענש זיצט אין אנ'איינצעלקאמער און ווארט אויפ'ן טויט.

אזוי פלעגען זיי פערשוואונדען ווערען, איינער נאכ'ן צוויי-טען. דער פאסטאר איז ארויסגערופען געווארען — און איז נישט מעהר צוריקגעקומען: טויט-שטראף. צי מען האט איהם שפעטער בעגנעדיגט — ווייס איך נישט. דעם דיענסטמאן, ביי וועלכען מען האט געפונען איין עקזעמפליאר פון א פראקלאמאציע — האט מען „בעגנעדיגט" צו 20 יאהר קאטארגע, נאכדעם ווי ער האט וואכענלאנג געווארט יעדע נאכט, מען זאל אויספיהרען דעם טויט-אורטייל.

צוויי ברידער זאלצמאן האט מען פער משפט אויפצוהענגען. בעת מען האט זיי געפיהרט, איז צופעליג מיינער א פריינד גע-ווען אין קארידאר און געזעהען: בלויז א פאר טריט האבען זיי געדארפט אדורכגעהן פון דער קאנצעלאריע ביז דער איינצעל-קאמער, וואו זיי האבען געדארפט ווארטען אויפ'ן טויט, און פונדעסטוועגען האט מען זיי ארומגערינגעלט מיט א טוץ וועכטער און זשאנדארמען: האלב טויט, קוים זיך געהאלטען אויף די פיס, זענען זיי געגאנגען, די אונגליקליכע, און הינטער זיי איז געלא-פען אנ'אויפזעהער און געשריען צו די וועכטער: האלט זיי פאר די הענד!

אלץ נייע און נייע זענען אוועק אויפ'ן שרעקליכען וועג, און אנדערע זענען געזעסען און געווארט אויף זייער רייה... א שרעקליכע אטמאספערע האט אונז ארומגענומען. נישט צום אויסהאלטען איז דאס געווען.

קראנק און שוואך בין איך געווען — און איך בין געגאנגען

צו דעם געפענגניש-דאָקטאָר און געבעטען, ער זאָל מיך נעהמען אין שפּיטאָל—אין געפענגניש-שפּיטאָל, פערשטעהט זיך. דער דאָקטאָר איז געווען אַנ׳אינטעליגענטער, ליעבענסווירדיגער מאַן און האָט דערפילט מיין בקשה, און אַזוי בין איך געקומען אין שפּיטאָל.

עס איז געווען נישט קיין גרויסער, נאָר רעכט שען און ריין איינגעאָרדענטער בנין. אָבער אויך דאָ איז געווען געגוג טרויעריג. די עפּידעמיע פון טיפוס האָט געווילדעוועט. מאַסען שווידנזיכטיגע און כמעט אַלע טאָג פלעגט מען אַרויסטראָגען באַלד דעם, באַלד יענעם אין מתים-שטיבעל פונ׳ם געפענגניש. אויך פון דעם פערשאָלטענעם עטאַפּ איז מען דאָ נישט געווען פריי. מעהר ווי איינעם האָט מען מיט רויהען געוואַלט אַרויסגעריסען פון בעט, אַרויסגעיאָגט אויפ׳ן הויף, ער זאָל אויך געשלעפּט ווערען אויפ׳ן וועג—טיעף אין רוסלאַנד אַריין. בלייך, אָבגעמאָגערט, אָהן כח, פלעגען זיי זיך אַרויסשלעפּען פון דער טהיר,—מיר פלעגען אַלץ זיצען ביים פענסטער — און מיט אייניגע מינוטען שפּעטער פלעגען זיי פערשוואונדען ווערען אינמיטען דער הונדערט-קעפּיגער מאַסע פונ׳ם גרויסען עטאַפּ.

עס איז געווען טרויעריג, אָבער אַ ליכט-שטראַהל האָט דאָ פּאָרט אויפגעבלישטשעט, אַ פרעהליכע בשורה איז געקומען, בעגעגענט מיט האָפנונג און ספקות, אַ ידיעה האָט זיך פערשפּרייט: עס איז בעשלאָסען געוואָרען—האָט מען דערצעהלט—צו בעפרייען די שווער-קראַנקע פון דער וואַנדערונג און איבערלאָזען זיי אין וואַרשא. אַזוי האָט מען דערצעהלט. גלויבען האָב איך נישט געקענט: ווער וואָלט געקענט זיך פאָרשטעלען, אַז די רוסישע „נאַטשאַלסטוואָ״ וועט זיך רעכענען מיט אַזעלכע זאַכען, ווי קראַנקהייט אָדער אפילו טויט? און פונדעסטוועגען—האָב איך געקלערט—פונדעסטוועגען... ווער ווייס... אפשר... און זעה: אין אַ שענעם פריהמאָרגען קומט טאַקי אונזער דאָקטאָר און האַלט אין דער האַנד אַ גרויסען בויגען פּאַפּיר און בעקוקט די קראַנקע און מאַכט אַ צעטעל פון יענע, וואָס קענען נישט פאָהרען. און מיין נאָמען שטעהט אויך אין דעם צעטעל!

שרייען ווילט זיך פון שמחה! אָבער איך קאָן פאָרט נאָך נישט גלויבען. איז דאָס טאַקי מעגליך? איז מיר טאַקי בעשערט פריי צו ווערען? איז עס שוין זיכער?

ניין. עס איז דורכאויס נישט געוועזן זיכער. גלייך זענען געשטאַנען די וואָגשאָלען, אויפ'ן שפיץ פון אַ מעסער האָט זיך נאָך געהאַלטען די ענטשיידונג. און עס האָבען זיך אָנגעהויבען לאַנגע טעג פון אָנגעשפּאַנטען, קוועלענדיגען וואַרטען.

ו. מעדעם.

ניינטער בריעף.

איך ליעג אין שפּיטאָל און וואַרט. אַ האָפנונג איז פאַרהאַן. די רשימה ליעגט אין דער קאַנצעלאַריע, די רשימה פון יענע גליקליכע, וואָס בלייבען; און צווישען אַנדערע שטעהט דאָרט מיין נאָמען. איך וואַרט און האָף: איין טאָג לאַנג.

ווייל דעם צווייטען טאָג קומט שוין אָן אַ נייע, אַ פינסטערע בשורה: די רשימה איז נישט גילטיג. דער גענעראַל-גובערנאַטאָר האָט נישט קיין צוטרויען צום געפענגניש-דאָקטאָר, עס וועט צוגעשיקט ווערען אַ ספּעציעלע קאָמיסיע. זי וועט אונז אונטערזוכען און בעשטימען: צי מיר קענען פאָהרען, צי נישט.

און קוים איז די ידיעה דערגאַנגען צו אונז, — זעה, די קאָמיסיע איז שוין דאָ. טריט הערען זיך אין קאָרידאָר. ברייט עפענט זיך די טהיר און עס בעווייזט זיך דער נייער טריבונאַל: צוויי פרעמדע דאָקטוירים און דער געפענגניש-אינספּעקטאָר.

איך ליעג און וואַרט. אָבער די פּראָצעדור איז מאָדנע

קורץ: אַ קוק געטהאָן אויפ'ן מענשען, אַ פּאָר ווערטער געזאָגט איינער דעם צווייטען,—און אַוועק. און אונזער גורל איז בעשטימט געוואָרען. אָבער מיר ווייסען נישט,—אין וואָסער זין.

די קאָמיסיע איז אַוועק און מיר ליעגען ווייטער און וואַרטען... וואָס וועט זיין?

אַ וועכטער קוקט־אַריין אין אונזער קאַמער, אַנ'אַלטער, גוטמוטיגער מענש. אפשר ווייס ער עפּיס. „ווי בלייבט? וואָס איז בעשלאָסען?" — „יאָ וואָס זאָל איך אייך זאָגען... דער איינער פּאָהרט, דער צווייטער בלייבט..." „אָבער ווער? זאָגט, וואָס איהר ווייסט, שווייגט נישט!" איך הויב זיך אויף פון בעט און וואַרט אָהן אָטעם אויפ'ן ענטפער. נאָך אַ פּאָר סעקונדען, נאָך אַ רגע קען איך האָפען, מוז איך מורא האָבען, דאַן—קומט די זיכערקייט „ווי שטעהט עס מיט מיר?"

„איהר פּאָהרט".

איך לאָז זיך אַנידער אויף מיין בעט—גאַנץ שטיל, גאַנץ פּאַמעליך — און קעהר אָב דעם פּנים צו דער וואַנד. איך וויל נישט, מען זאָל זעהן, ווי מיר איז, אָבער עס טהוט וועה. וואָלט איך גאָר פריהער נישט געהאַט קיין האָפנונג! צוגעוועהגען קען מען זיך צו אַלעם. און אַז מען געוועהנט זיך צו אין דער רעכטער צייט, שוין פאָראויס, אַפילו צו דעם שרעקליכסטען געדאַנק, קען מען דערנאָכדעם רוהיג פערטראָגען אויך דאָס ערגסטע. מען מוז זיך נאָך פאָראויס אַריינלעבען אין יענער שווערער צוקונפט, וואָס קומט און וואָס מען קען פון איהר נישט אַנטלויפען. דאַן איז אַלץ גוט, אַלץ אין אָרדנונג. אָבער האָבען אַ האָפנונג—מעג זי זיין נאָך אַזוי שוואַך, אַזוי קליין — און דאַן ווידער אַוועקגעשטעלט ווערען פאַר יענעם שרעקליכען טויער, פון וועלכען מען וועט זיך אפשר קיין מאָל נישט אומקעהרען,— יאָ, וואָס קען דען זיין שרעקליכער אויף דער וועלט?... און אַזוי ליעג איך, ווי אַ בעטויבטע חיה אין אַ שעכטהויז, מיד אָהן אַ שיעור, אָבגעלאָזט, אָהן געדאַנקען, אָהן פערלאַנגען, דערשלאָגען און טעמפּ.

ווידעראַמאָל ווערט אויפגעמאַכט די טהיר—אונזער געפענג.

ח. מ'עדעם.

ניש-דאָקטאָר איז דאַ. מען רעדט עפּיס, מען שמועסט... איך ליעג אָבער גלייכגילטיג און הער זיך קוים צו צו זייער קול. מיט אַמאָל אָבער הער איך: עמיצער רופט אָן מיין נאָמען. און אַ צווייטע שטים זאָגט: „ער בלייבט". ניין, ווער זאָגט דאָס? דאָס איז דאָך דעם דאָקטאָרס קול. איך שפּרינג אויף. „דאָקטאָר, וואָס רעדט איהר?"—אָבער יאָ, אָבער געוויס, איהר בלייבט. זייט רו-היג. איהר בלייבט".

און ווידער בליהט אויף די האָפנונג און ווידער ווערען אָנגעצויגען די צורודערטע נערוועז. איך לעב ווידער!... ביז אַ נייער שוואַרצער בשורה...

די עוואַקואַציע געהט זיך פונדעסטוועגען איהר וועג. אונ-זער געפענגניש האָט זיך פערוואַנדעלט אין אַנ'אמת'ן עטאַפּען-צענטראַל. שטענדיג ברענגט מען נייע מענשען פון אַנדערע גע-פענגנישען, אפילו פון אַנדערע שטעדט, מען גרופּירט זיי אין פּאַר-טיעס און מען שיקט אַוועק. איך מיינע פריינד זעה איך, ווי זיי פערשווינדען אין געפענגניש-טהיר איינער נאָכ'ן צווייטען... און דער שפּיטאָל ווערט אויך אַלץ מעהר אויסגעלעדיגט. בלויז שווער-קראַנקע און גוסס'ע בלייבען-איבער. טאָג-טעגליך קומט צו פּאָה-רען דער שוואַרצער מתים-קאַסטען. און שטענדיג הער איך דעם אַלטען אַרעסטאַנטישען טרייסט-וויץ: „יאָ, יאָ, קיין איין מענש פערבלייבט נישט אייביג אין טורמע; יעדער מוז אַמאָל אַרויס, צי לעבעדיג, צי טויט—דאָס איז שוין אַ נעבענזאַך".

אַלץ שטילער און פּוסטער ווערט אין דעם גרויסען גע-פענגניש. דאָס לעבען פערשטומט; דאָס געפענגניש שטאַרבט. די לעצטע פּאַרטיע געהט פונ'ם טויער אַרויס, שווערע וואָגענס און אויטאָמאָבילען פיהרען-אַרויס דעם גאַנצען אינווענטאַר. עס בליי-בען נאָר די ווענד... אַ סוף! אַלץ איז אַוועק! לעדיג, שטיל און פינסטער ליעגט פאַר אונז דער גרויסער שווערער בנין; און נאָר ביי אונז אין דעם שפּיטאָל-הייזעל ליעגט אַ הייפעל קראַנקע מענשען און וואַרט—דאָס געפענגניש אָבער איז טויט.

און אין אַ פריהמאָרגען קומט מען צו אונז, מען הייסט אונז אויפשטעהן און מען פיהרט אונז אויפ'ן הויף אַרויס; די, וואָס

האַלטען ביים שטאַרבען, טראָגט מען אויך מיט אונז צוזאַמען. דאַן קומען צו פאָהרען די אַרעסטאַנטענוואָגענס, מען שפאַרט אונז אַריין און מיר פאָהרען אַוועק... אין אַ צווייטען געפענגניש.

אונזער נייע היים טראָגט דעם שטאָלצען נאָמען „וואַרשויער הויפּט-קרימינאַל-געפענגניש”. דאָס איז אָבער אַנ׳אַלטער, ברודיגער ציגעל-קאַסטען, וועלכער ווערט געוועהנליך גערופען: דער „אַרסענאַל”. אַמאָל איז דאָרטען אין דער׳אמת׳ן געווען אַנ׳אַרסענאַל. שוין לאַנג אָבער זענען אַרויס פון איהם די ביקסען מיט די שווערדען, און אָנשטאָט זיי, האָבען זיך איצט בעזעצט מייז, שטשורעס, וואַנצען און... אַרעסטאַנטען.

מיר פאָהרען אין הויף אַריין און קריכען-אַרויס פונ׳ם שוואַרצען וואָגען; דאָ איז די עוואַקואַציע נאָך נישט פערענדיגט און עס איז נאָך גאַנץ לעבעדיג. גלייך ביי דער רעוויזיע ווילען אונז די וועכטער צונעהמען אַלע „איבעריגע” זאַכען, און קודם-כל דאָס בעטגעוואַנד. „וואָס דאַרפט איהר דאָס — זאָגען זיי — דער קאָנוואָי וועט דאָס סיי-ווי אַרויסוואַרפען”. — „וואָסער קאָנוואָי? מיר פאָהרען דאָך אינגאַנצען נישט, מיר בלייבען אין וואַרשא!” — „וואָס רעדט איהר נאַרישקייטען! דאָ ווערט אַלץ אויסגעלעדיגט, קיינער בלייבט נישט!” — ווידער אַ נייעס?

מען פיהרט אונז אַריין אין אַנ׳איינגער קאַמער. דאָס פענסטער איז גאָר אין דער-הויך, אונטער דעם סאַמע באַלקען, אַזוי אַז מען קען נישט אַ קוק טהאָן אויפ׳ן הויף; עס איז פינסטער. די וועגד זענען ביז צו דער הויך פון אַ מענשען בעוואָרפען מיט שוואַרצען פעך... נישט גאָר קיין מחיה׳דיגע דירה. אָבער ווער פערנעהמט זיך איצט מיט אַזעלכע קליינינקייטען!

מיר ליעגען, פון צייט-צו-צייט הערען זיך קולות אין קאָרידאָר. אַ וועכטער קומט, מיט אַ צעטעל אין האַנד, און רופט-אַרויס יענע, וואָס מוזען אַוועק מיט דער נאָהענטסטער פּאַרטיע. און מען רופט און רופט — און מיר הערען זיך צו: צי רופט מען אַמאָל נישט אויס אויך אונזערע נעמען? — און אויך דאָ ווערט אַלץ שטילער און פוסטער.

עטליכע טעג פערגעהען און דאָ קומט אַ ידיעה: מאָרגען ווערט אויך דאָ געמאַכט אַ סוף. דריי-אַדער פיערהונדערט אַרע-סטאַנטען, וואָס זענען פער׳משפט צו קליינע שטראָפען, לאָזט מען אינגאַנצען אַרויס. אַלע אַנדערע פאָהרען מאָרגען אינדערפריה אַרויס צוזאַמען מיט דער געפענגניש-אַדמיניסטראַציע. דער „אַר-סענאַל" ווערט געשלאָסען.

דער לעצטער טאָג, הייסט עס! און עס הערען זיך טאַקי הונדערטער שטימען אויפ׳ן הויף, מען רופט, מען לויפט, דאָס טויער קלאַפּט: יאָ, עס שטימט, די ידיעה איז אַ ריכטיגע, מען לאָזט-אַרויס די גנבים.

דער געפענגניש-קוכער, אונזער אַ בעקאַנטער, איינער פון די, וואָס ווערען בעפרייט, קומט צו לויפען: ער וויל זיך געזע-גענען מיט אונז. ער איז אויפגערעגט און פרעהליך, אין אַ פּאָר מינוטען אַרום וועט ער שטעהן אויף דער גאַס אַ פרייער מענש. „אַדיע, מיינע הערן, איך געה! אַ שאָד, וואָס מען לאָזט אייך נישט אַרויס. אַ ביטערע מעשה איז עס. איך וויל אייך זאָגען בסוד"...—דער קוכער דרעהט זיך שטענדיג אין קאַנצעלאַריע און ווייס גאַנץ גענוי, וואָס עס טהוט זיך. זיינע ידיעות זענען אַלע-מאָל רעיעל—„מאָרגען פריה פאָרט איהר אַוועק. איך טאָר אייך דאָס אייגענטליך נישט זאָגען. אָבער אַ פאַקט איז דאָס, איך האָב דאָס אַליין געהערט אין קאַנצעלאַריע. מאָרגען, ניין אַ זייגער אינדערפריה, וועט איהר זיין אויף דער באַהן!... אַדיע, מיינע הערן, איך ווינש אייך פיעל גליק אויפ׳ן וועג"!

עס איז ווידער געוואָרען שטיל. די גנבים זענען אַוועק. דער אָווענד קומט, אַ קליין עלענד נאַפט-לעמפעל ברענט אין אַ ווינקעל, אין אַ קאַרגער, אָרימער בעלייכטונג שטעהען אַרום אונז די פער-שוואַרצטע ווענד. מיר געהען שלאָפען, אָבער עס שלאָפט זיך נישט. שטיל. אַ וועכטער געהט אָהן געררויש ביי אונזער טהיר אַריבער... אַנ׳אמת׳ע טהיר איז דאָס אייגענטליך נישט, בלויז אַ פיערעקיג לאָך און גראַטעס, וואָס מען מאַכט אויף און צו...

„הער וועכטער!"... די שוואַרצע פיגור בעוויזט זיך פון דער פינסטערניש אַרויס און קומט צו די גראַטעס: „הער וועכטער!

ווייסט איהר שוין? מאַרגען פאָהרען מיר אַוועק!"... — „איך ווייס נישט דערפון". — „הערט דאָך אויף מיט אייערע סודות; ס'איז דאָך אַ בעוואוסטע זאַך! וואָס דאַרפט איהר זיך שפּיעלען מיט אונז!" — „איך ווייס נישט דערפון"...

דער מאַן זעהט אויס עפּיס צומישט... ער ווייס — סוד'ען מיר זיך צווישען אייבאַנדער — ער זאָגט ליגען. — געוויס, זאָגט ער ליגען. — און טאָמער דאָך... — אַך, הערט דאָך אויף מיט אייער שטות. אַ סוף און אַנ'עק! — אָבער טאָמער... הערט דאָך, וואָס איך זאָג... טאָמער... — נו, גוט, צעהן אַ זייגער קומט דער אַנדערער וועכטער, יאָ? וועלען מיר איהם אויספרעגען, אפשר וועלען מיר זיך עפּיס דערוויסען, קיין חכם איז ער נישט...

צעהן אַזייגער, עס הערען זיך טריט אין קאָרידאָר, דער „נייער" איז דאָ.

„גוטען אָוועגד אייך, הער", — „זעהט נור, איהר שלאָפט דאָך נישט, חברה?" — „וואָס פאַר אַ שלאָפען! מאָרגען פאָהרען מיר אַוועק. ווייסט איהר אפשר, וואו-אַהין שיקט מען אונז אַרויס?" אַ פּאָר גוטמוטיגע אויגען קוקען אונז פער'חדוש'ט-אָן: „וואָס פאָהרען? ווער פאָהרען? דער בירגער-קאָמיטעט איז דאָ".

ווי אַ בליץ פליהען מיר אַרויס פון אונזערע בעטען: „וואָס איז דאָס? ווי מיינט איהר דאָס? וואָס וויל דער בירגער-קאָמיטעט?" — „יאַ, חברה, זייט איהר דען נישט ביים זינען, אַז איהר פערשטעהט נישט די פּשוט'סטע זאַכען? אַלזאָ, דער בירגער-קאָמיטעט נעהמט איצט איבער דאָס געפענגניש, די אַדמיניסטראַציע פאָהרט מאָרגען; נו, עמיצער מוז זיך דאָך פערנעהמען מיט אייך..." — „מענש, איהר מאַכט חוזק פון אונז!" — „ווי געפעלט דאָס אייך! איך זאָג אייך דאָך: די הערן פונ'ם בירגער-קאָמיטעט זענען שוין דאָ, געהען שוין אַרום איבער די קאַמערן... זייט איהר טויב געוואָרען, צי וואָס?" — אַ שטאַרק גערויש פון שטימען און טריט דערהערן זיך פּלוצלונג דאָ, גאָר נאָהענט. דער וועכטער לויפט אַוועק. די גראַטעס-טהיר ווערט געעפענט און צוויי בעקאַנטע וואַרשאָווער אַדוואָקאַטען קומען צו אונז אַריין.

„גוטען אָוועגד, מיינע הערן. פון היינט-אָן, זאָרגען מיר

פאַר אייך. דער בירגער-קאָמיטעט איז איצט אייער הויז-בעל-הבית. מיר האָפען, אַז עס וועט אייך איצט בעסער געהן!"—„יאָ, אָבער דאָס אַוועקפאָהרען... מען האָט אונז דאָך געזאָגט, אַז..."—„איהר מעגט זיין גאַנץ רוהיג",—די הערן שמייכלען גוטמוטיג—פון אַוועקפאָהרען איז איצט נישטאָ קיין רייד. שלאָפט נאָר רוהיג ווייטער. אַ גוטע נאַכט!"

און זיי זענען אַרויס. ווידער ווערט פערמאַכט די גראַטעס-טהיר. די טריט שטאַרבען-אָב אין קאָרידאָר.. מיר אָבער, וואָס זענען דאָ געבליבען אַליין, מיר ווערען פשוט משוגע פון שמחה, מען קושט זיך, מען דריקט די הענד. מען שפרינגט-אַרויס פון די בעטען און מען איז גרייט צו טאַנצען אַ פרעהליכס.

איך בלייב אָבער ליגען. איך בין אַ ביסעל צומישט, דאָס שטענדיגע פלוצלונגע אַריבערשפּרינגען פון האָפנונג צו יאוש, פון פערצווייפלונג צו נייעם בטחון, ווירקט אַ ביסעל צו-שטאַרק אויף די נערווען. און דאָ פאַלט מיר איין מיט אַמאָל אַ מאָדנער געדאַנק אין קאָפּ: ביזטו זיכער, אַז דאָס אַלץ איז נישט קיין חלום?...

און איך הויב-אָן גאַנץ ערנסט, טיעף ערנסט צו קלערען וועגען דעם: צי איז דאָס נישט קיין חלום? איך וויל דיר וואָס זאָגען: איך האָב געהאַט אַ גרונד אַזוי צו קלערען. עס איז נישט קיין שפּאַס. ווייל איך האָב שוין מעהר ווי איין מאָל טאַקע גע-האַט אַזעלכע חלומות. מעהר ווי איינמאָל האָט זיך מיר גע׳חלומ׳ט, אַז איך בין פריי. און איך געה אין חלום אַרום איבער די גאַסען און אַלץ, וואָס איך זעה אַרום מיר—הייזער און מענשען, וואָגענס און טראַמוואַיען, דאָס אַלץ פלעג איך זעהן פאַר מיינע אויגען מינדעסטענס אַזוי דייטליך און קלאָר, ווי איך האָב איצט געזעהן די שוואַרצע פעלווענד פון דער פינסטערער שטוב, און אַלעמאָל, אַז איך פלעג זעהן אַזאַ חלום, פלעג איך מיך פרעגען—פונקט ווי איצט—צי איז דאָס נישט קיין חלום. און פונקט ווי איצט, פלעג איך מיר נישט קאָנען פערענטפערן די האַרבע שאלה. און איך פלעג זיך דערמאָהנען אָן אַנ׳אַלטען מיטעל: זיך אַ קניפּ טהון. אויב עס איז אַ חלום, טהוט דאָס נישט וועה. און

איך פלעג זיך קנייפען, און דאָס האָט ווען געטהאָן און אין אַ פּאָר מינוטען אַרום פלעג איך זיך פּאָרט אויפכאַפּען אין געפענגניש, אויפ'ן שטרוי-זאַק, אַנ'אַרעסטאַנט הינטער די גראַטעס. מעהר ווי איינמאָל האָב איך געהאַט אַזעלכע חלומות. און פונקט אַזוי ווי דעמאָלט, בין איך איצטער געלעגען צווישען חלום און ווירקליכקייט און נישט געוואוסט, אויף וועלכער זייט איך בין

און דו זאָלסט וויסען זיין: דאָס איז געווען נישט קיין גרינגער נסיון. אין אַזאַ צושטאַנד איז דער מענש אַ סך נעהנטער משוגע צו ווערען, ווי מען וואָלט דאָס געקענט מיינען. אַ גליק נאָר, וואָס דאָס האָט געדויערט בלויז אַ קורצע רגע. ווייל איך האָב תיכף דערצעהלט וועגען מיינע ספקות די קאַמער-חברים, און אַז זיי האָבען זיך דערוואוסט וועגען דער נישט-געלונגענער קניפּ-פּראָבע, האָב איך בעקומען פון אַ פריינדליכער, אָבער קרעפטיגער האַנד אַזאַ שטורך, וואָס קען אין חלום בשום-אופן נישט פּאָרקומען! דאָס האָט געווירקט מיט גרויסער איבערצייגונגס-קראַפט, און פרעהליך האָט אויך מיין שטים גענומען קלינגען אינ'ם ברויזענדיגען געלעכטער, וואָס האָט זיך צוגאָסען אַרום מיר!

ווערסטו אָבער מיינען, אַז דערמיט האָט זיך געענדיגט אונזער פּיין און מיר האָבען שוין געקענט מיט רוהיגער האָפנונג וואַרטען אויף דעם נאָהנטען טאָג פון גאולה?

חלילה! עס הויבט זיך גאָר נישט אָן. זענען קוים אַריבער צוויי טעג נאָך יענעם גליקליכען אָווענד, קומט באַלד אָן אַ נייע בשורה און מיר זענען ווידער טויטע מענשען. און די בשורה הייסט: דער מיליטער-פּראָקוראָר האָט זיך דערוואוסט, אַז מיר בלייבען, און האָט וועגען דעם דעפּעשירט קיין פּעטערבורג, און איצט, אַז מען האָט זיך שוין געכאַפּט, איז נישטאָ קיין האָפנונג אויף אַ גינסטיגען אויסגאַנג. יעדע שעה קען קומען אַנ'ענטפער; מוזען מיר זיך ווידער גרייטען אין וועג אַריין.

און מיר לעגען ווידער צונויף אונזערע זאַכען און וואַרטען ווידער... און דאָס וואַרטען געדויערט גאַנצע צעהן טעג.

צעהן טעג געהען לאַנגזאַם אַריבער. מיר זענען אַזוי אויס-

ג. מעדעם.

געמאַטערט, אַז עס נעהמט אונז אַרום אַ טעמפּע גלייכגילטיגקייט: מעג זיך קומען, וואָס עס וויל און וואָס עס איז בּעשערט, און אַזוי איז געקומען דער 4-טער אויגוסט.

אין דעם טאָג האָט שוין גאַנץ וואַרשאָ געוואוסט: היינט ווערט געמאַכט אַ סוף, מאָרגען זענען דאָ די דייטשען. און מיר האָבּען דאָס אויך געוואוסט.

אָבּער דער טאָג איז לאַנג. און די פּאָליציי מיט די זשאַנדאַרמעס זענען נאָך נישט אַוועק. און די ווייכסעל-בּריקען זענען נאָך נישט אויפגעריסען! דער וועג קיין רוסלאַנד איז נאָך אָפען.

לאַנג ציהט זיך דער טאָג. דער אָווענד קומט-אָן, די נאַכט איז דאָ. מיר ליעגען אין אונזערע בּעטען — ווער קען דאָ שלאָפען — און בּיי יעדען שאָרך, וואָס דערטראָגט זיך פון קאָרידאָר, כאַפּט זיך עמיצער אויף, אַנ׳אויפגערעגטער.

מאָדנע שטיל אין די גאַסען. מען הערט נישט קיין טראַמוואַיען.

צעהן אַזייגער. די שומרים בּייטען זיך, אַ נייער וועכטער קומט. „וואָס הערט זיך אין שטאָדט?“—„שטיל און פּוסט“.—„און די פּאָליציי? איז זי נאָך דאָ?“—„די פּאָליציאַנטען שטעהען אויף די ראָגען“.

שעה׳ען פערגעהען, צוועלף, איינס אַ זייגער... פון צייט-צו-צייט דערהערט זיך אַ קנאַלען, פּונקט ווי טויזענדפודיגע האַמערס וואָלטען אַראָבּגעפאַלען. אַ שיסעריי פון האַרמאַטען? אָדער אפשר צושטערט מען די בּאַהן-סטאַציעס?... דריי אַ זייגער, פיער... עס הויבּט-אָן בּיסלעכווייז צו טאָגען... און ענדליך, ענדליך, רייסט זיך אַריין אין דער שטילקייט פון אונזער קאַמער אַ לאַנג-געצויגענער דונער פון אַ גאַנץ בּעזונדערן קלאַנג: איין מאָל, און נאָך אַ מאָל, און נאָך אַ דריטען, און די מינוט ווייסען מיר: די ווייכסעל-בּריקען זענען אויפגעריסען געוואָרען. מיר זענען געראַטעוועט.

איך פאַל-אַריין אין אַ טיעפען שלאָף. אָבּער ער געדויערט נישט לאַנג. פלוצלונג בּין איך ווידער וואַך. דער זייגער איז זעקס. עס איז אַ ליכטיגער טאָג. אַ וועכטער שטעהט אין אונזער

קאַמער, אין ציווילער קליידונג: „די דייטשען זענען ביי דער וויענער באַהן". אַ צווייטער קומט: „נאָר־וואָס געזעהן אויף דער גאַס אַ פּאָר פּיקעל־הויבען". און דאַן ווייטער: „אַ דייטשישער אָפיציר איז געקומען אין דער געפענגניש־קאַנצעלאַריע".

נישטאָ קיין ספקות, גיך אויפגעשטאַנען, אַרויס פון דער שפּיטאָל־קאַפּאָטע, זיך אָנגעטהאָן, געפּאַקט די זאַכען, פאַרטיג. איצט קומט עס.

דערווייל קומט נאָך אָבער אַנ'אַנדער זאַך: האַרמאַטען הויבען־אָן זייער מוזיק,—גאָר נאָהנט. איך הער נישט נאָר דעם קנאַל פון שיסען,—איך הער אפילו דאָס וויינען פון די שראַפּ־געלען. און מען דערצעהלט שוין: די רוסען האָבען זיך אָבגעשטעלט אויף פּראַגע און שיסען קיין וואַרשא אַריין. און דער עולם קוקט אַרויף צו די פענסטער, וואָס געהען־אַרויס אויפ'ן ברייטען הויף—און דער הויף ליעגט גראָד אין דער זייט פון דער וויכסעל—און מען הויבט אָן צו ווערען אַ ביסעל אונרוהיג. עס וואָלט טאַקי געווען אַ צו־גרויסע עולה, גראָד איצט ביים טויער פונ'ם נייען לעבען געטראָפען צו ווערען פון אַ רוסישען שראַפּנעל! די חברה ווערט אויפגערעגט. מען וויל געהן צום פּערוואַלטער, ער זאָל אונז דערווייל אַריבערפיהרען ערגעץ אין אַ זיכערען אָרט...

אָבער דאָ קומט שוין דער פערוואַלטער אַליין. אַ צעטעל האָט ער אין האַנד. און די הערן פונ'ם בירגער־קאָמיטעט זענען דאָ אויך: פירשט ליובאָמירסקי און זיין סעקרעטאַר. מען רופט אויס נעמען. אַלע פּאָליטישע זענען אין דער רשימה. „די הערן זענען פריי".

איך הויב־אויף מיין זאַק און געה־אַרויס.

די גאַס איז פּוסט. מען שיסט נאָך אַלץ. אַנטקעגען דעם געפענגניש, אין אַ הויז־טויער, שטעהט מיין פרוי און וואַרט אויף מיר... אַ דייטשע באַטערייע פאָרט־אַריבער, זיך אויפצושטעלען ערגעץ־וואו נישט ווייט... אַ דראָבנער רעגען פאַלט... איך קוק מיר אָן די „פעלד־גרויע". און איך וויים עס, ענדליך: עס איז דער סוף. דער ענדגילטיגער סוף.

ח. מערעס.

מיר נעהמען אַ דראָזשקע. אין אַ פערטעל שעה אַרום זיך איך ביי ליעבע קרובים, אויף אַנ׳אמת׳ען, ווייכען שטוהל, פאַר אַנ׳אמת׳ען שענעם טיש, און דאָס פענסטער איז אָפען, און קיין גראַטעס זענען נישטאָ; און אַז איך וויל, מעג איך אַרויסגעהן אויף דער גאַס און אַרומבלאָנדזשען איבער דער שטאָדט אַזויפיעל, וויפיעל מיר גלוסט זיך, און איך בין פריי, פריי, פריי...

און ערשט מיט אַ טאָג שפעטער דערוויס איך מיך פון די צייטונגען: אינ׳ם לעצטען מאָמענט, פאַר׳ן אויפרייסען די בריקען, זענען די זשאַנדאַרמען אַריין אין שפיטאָל, וואו עס זענען געלעגען דריי פאָליטישע אַרעסטירטע פרויען, געכאַפּט און אַרויסגעפיהרט זיי מיט זיך קיין רוסלאַנד. אינ׳ם לעצטען מאָמענט!...

דער מלאך פון טויט, דער שוואַרצער מלאך-המות איז געשטאַנען ביי מיין געלעגער. דאָס רוישען פון זיינע פליגלען האָב איך געהערט איבער מיר. און ווער עס האָט געשפירט זיין קאַלטען אָטעם, דער וועט איהם קיינמאָל נישט פערגעסען.

אַרטיקלען

אַ קליין פֿאָרוואָרט.

צו דערדאָזיגער זאַמלונג האָב איך געמוזט אויסקלויבן אַ בעגרענצטע צאָהל פון מיינע אַרטיקלען. פון די פיעלע טעמען, אויף וועלכע ס'איז מיר אויסגעקומען צו שרייבען, האָב איך דאָ אויסגעוועהלט די איינע: די פּרינציפּעלע אַוועקשטעלונג פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע בכלל און פון דער יודישער—בפרט. בלויז די צוויי לעצטע אַרטיקלען געהען צום טייל אַרויס איבער די גרעניצען פון דער טעמאַ.

עס איז שוין לאַנג געזאָגט געוואָרען: ריכטיג אַוועקשטעלען אַ פראַגע, הייסט אָבטהאָן די וויכטיגסטע העלפט פון אַנ'אַרבייט. כל זמן עס זענען פעסטגעשטעלט געוואָרען די פּרינציפּעלע הויפּט־יסודות, איז שוין פערהעלטניסמעסיג גרינג צו קומען צו געהעריגע קאָנקרעטע אויספיהרונגען. דער וועגווייזער, דער לייכטשטערן איז די וויכטיגסטע זאַך.

דידאָזיגע אויפגאַבע איז נישט קיין גרינגע. און נאָכדעם, ווי איך האָב צום ערשטען מאָל שריפטליך פאָרמולירט מיינע געדאַנקען וועגען דעם אייגענעם ענין—דאָס איז געווען מיט 13 יאָהר צוריק, האָב איך אין פערלויף פון די ווייטערדיגע יאָהרען ווידער און ווידער זיך אומגעקעהרט צו דערדאָזיגער פראַגע זיך געסטאַרעט אַלץ אַריינצוטראָגען די נויטווענדיגע אויסבעסערונגען און הוכפות און זיך געפרובט צו פערטיעפען און קלערער צו

ו. מעדעם.

מאַכען מיין שטאַנדפּונקט. די נאַציאָנאַלע פראַגע איז פאַר מיר קיינמאָל נישט געווען אַזאַ זאַך, וואָס קאָן אַרויסגעריסען ווערען פון דער אַלגעמיינער ראַהם פון אַנ׳איינהייטליכער וועלטאַנשוי-אונג. איך שטעה אויף דעם שטאַנדפּונקט פון וויסענשאַפטליכען סאָציאַליזם, און מיין ליטעראַרישע אַרבייט אויף דעמדאָזיגען גע-ביט האָט שטענדיג געהאַט אַלס ציעל אַריינצוברענגען די נאַ-ציאָנאַלע פראַגע אין דעם האַרמאָנישען סיסטעם פונ׳ם מאַרקסי-סטישען געדאַנק. אין דער צייט, ווען דער נאַציאָנאַליסטישער לאַגער האָט געוואָלט מאַכען פון נאַציאָנאַליזם אַנ׳אָבגאָט, וואָס מען מוז איהם דיענען בלינד און אָהן קריטיק; אין דער צייט, ווען דער אַסימילאַטאָרישער לאַגער—און ספּעציעל די סאָציאַל-אַסימילאַטאָרען פון דער רוסישער און פּוילישער סאָציאַל-דעמאָ-קראַטיע, מיט וועלכער עס איז מיר אויסגעקומען צו קעמפען, האָבען געוואָלט בכלל אָוועקמאַכען דעם גאַנצען ענין אונטער דער האַנד, האָב איך געשטרעבט צו אַ העכערן סינטעז, וואָס זאָל איינג און פעסט פערקניפּען די גרונד-יסודות פון אינטערנאַציאָנאַ-לען סאָציאַליזם מיט דעם וואַרימען, לעבעדיגען און טיעפען אינ-טערעס צו דעם נאַציאָנאַלען פּראָבלעם, צו דעם פּראָבלעם פון יודישען פאָלקסלעבען.

דער אויפמערקזאַמער לעזער וועט בעמערקען, אַז דאָס, וואָס איך האָב געשריבען אין 1904, אונטערשיידט זיך אין מאַנ-כע פּרטים, אפשר אויך אין אַלגעמיינעם טאָן, פון דעם, צו וואָס איך בין געקומען אין 1916. ביי דער ערשטער פּראָבע אָוועק-צושטעלען אַ פראַגע, קומט אויס מיט אַ גרעסערער שאַרפקייט צו בעטאָנען דאָס, וואָס עס טיילט אונז אָב פון די אַנדערע. אַמאָל בעקומט זיך דערביי אַנ׳איינזייטיג בילד. דער געדאַנק אַרבייט אָבער ווייטער, און דאָס לעבען גופא, וואָס שטעהט נישט אויף איין אָרט און וואָס האָט זיך גראַד אויף דעמדאָזיגען געביעט מורא׳דיג געענדערט אין די לעצטע פאַר צעהנדליגער יאָהר, טראָגט-אַריין די נויטיגע קאָרעקטיווען. איך האָב זיך בעמיהט צו פאָלגען דעם לעבען—נישט קנעכטיש, נאָר קריטיש—און ענטוויק-לען ווייטער דעם ריכטיגען קערן.

אָבער מיינע פּרינציפּיעלע פּאָראויסזעצונגען זענען שטענדיג געבליבען דיזעלבע, און די איבערשטע מאָס, מיט וועלכער איך האָב געמאָסטען און מעסט מיט איהר אויך איצט אַלע ערשיינונגען פון געזעלשאַפטליכען לעבען, זענען די אינטערעסען פונ׳ם קעמ־פענדיגען פּראָלעטאַריאַט, יענע אינטערעסען, וועלכע זענען אידענ־טיש מיט די אינטערעסען פון דער נאַציאָנאַלער און דער מענש־ליכער ענטוויקלונג. און אַזוי אַרום בילדען די אַרטיקלען, וואָס איך ברענג דאָ צוזאַמען, נישט־געקוקט דערויף, וואָס זיי זענען געשריבען אין פערלויף פון לאַנגע יאָהרען, איין־איינהייטליכע גאַנצע זאַך.

דער אַרטיקעל „נאַציאָנאַליטעט, אַסימילאַציע און סאָציאַלדע־מאָקראַטיע" איז אַ פערקירצטער אויסצוג פון דער בראָשור „די נאַציאָנאַלע פראַגע און די סאָציאַלדעמאָקראַטיע", וואָס איז ער־שיענען אין דער רוסישער און יודישער שפּראַך אין יאָהר 1906.

דער צווייטער אַרטיקעל — „נאַציאָנאַליזם אָדער נייטראַ־ליזם" — איז ערשינען אינ׳ם בונדישען זאַמעלבוך „צייט־פראַגען" אין יאָהר 1910.

די ווייטערדיגע צוויי אַרטיקלען זענען געוועזן געדרוקט אין די „לעבענספראַגען" אין יאָהר 1916 אונטער דעם טיטעל פון „מיין נאָטיץ־בוך". דער אַרטיקעל „יודיש" איז אויך גענומען פון די „לעבענספראַגען" פאַר דעמזעלבען יאָהר.

דער לעצטער אַרטיקעל „די אַלוועלטליכע יודישע נאַציע" איז גענומען פון דעם רוסישען זאַמעלבוך „וואָפּראָסי יעווריעיסקאָי זשיזני" („פראַגען פון יודישען לעבען"), אַ ביילאַגע צו דעם אונ־פּאַרטייאשען זשורנאַל „יעווריייסקי מיר" (1911). אין די אַלע אַרטיקלען האָב איך געמאַכט מעהר אָדער ווייניגער בעדייטענדי־גע פערקירצונגען און סטיליסטישע אויסבעסערונגען. דעם עצם אינהאַלט אָבער האָב איך געלאָזט אָהן שום ענדערונגען.

וו. מעדעם.

וואַרשאַ, אויגוסט 1917.

װ. מעדעם.

נאַציאָנאַליזם, אַסימילאַציע און סאָציאַל־דעמאָקראַטיע.

א גרויסען טעות האָבען יענע, וואָס מישען-צונויף אין איין טאָפּ די צוויי בעגריפען „נאַציאָנאַליזם” און „נאַציאָנאַלע בעפרייאונג”. דער נאַציאָנאַליזם קאָן אָננעהמען צוויי געשטאַלטען: די פאָרם פון אונטערדריקונג און די פאָרם פון קאַמף פאַר נאַציאָנאַלע בעפרייאונג. צווישען דיביידע אַרטען איז דאָ אַ גרויסער חילוק, אָבער ביידע געהען-אַרונטער אונטער איין־און-דעמזעלבען בעגריף „נאַציאָנאַליזם”. און עס פערשטעהט זיך, אַז אויב מיר ווילען בעשטימען דעם עצם פון דערדאָזיגער ערשיינונג, דאַרפען מיר איהם זוכען נישט אין דעם, מיט וואָס די ביידע אַרטען אונטערשיידען זיך איינער פון דעם צווייטען, נור אין דעם. וואָס איז פאַר זיי ביידען געמיינזאַם. מען קען זיין אַ נאַציאָנאַליסט אַנ׳אונטערדריקער, און פון דער צווייטער זייט קען מען קעמפען פאַר נאַציאָנאַלער בעפרייאונג, נישט-ווילענדיג וויסען פון קיין שום נאַציאָנאַליזם. עס פערשטעהט זיך דעריבער, אַז נישט אין די פּאָליטישע פאָדערונגען גופא דאַרף מען זוכען די גרונד-סימנים פון נאַציאָנאַליזם, ווייל פערשיעדענע ריכטונגען,

וועלכע זענען בעצם פיינדליך איינע צו די אַנדערע קאָנען פונדעסטוועגען האָבען אַמאָל דיזעלביגע פאָדערונגען. עס איז, אַלזאָ, קלאָר, אַז ווען מיר ווילען בעשטימען וואָס איז דאָס אַזוינס נאַציאָנאַליזם, דאַרף מען נעהמען יענע סימנים, וועלכע עס געהערען צו אַלע אַרטען און מינים פון דערדאָזיגער ערשיינונג.

ס'איז אָנגעוויזען געוואָרען אין אַנ'אַרטיקעל אין דעם „יודישען אַרבייטער"*) דערויף, אַז דער וואָרצעל פון דעם נאַציאָנאַלען קאַמף אין דער פאָרם, וועלכע איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג, „ליעגט אין דעם, וואָס די בורזשואַזיע פון דער הערשענדיגער נאַציע שטרעבט צו מאָנאָפּאָליזירען פאַר איהר נוצען דעם מאַרק פון אייגענעם לאַנד". צו דעם צוועק איז וועניג צו בעזייטיגען מעכאַניש, דורך געזעצליכע און אַדמיניסטראַטיווע בעגרענצונגען די „פרעמדע" פון מאַרק, מען מוז נאָך „פערניכטען אַלץ, וואָס עס בילדעט זייער נאַציאָנאַלע פיזיאָנאָמיע, און קודם־כל די פערשידענהייטען אין דער שפּראַך, וועלכע שטערען אויף אַזויפיעל דעם פרייען פערקעהר פון די סחורות אין לאַנד, אויף וויפיעל די גרעניץ־אָבצאָהלונגען צווישען פערשיעדענע מלוכות".

די בורזשואַזיע קעמפט פאַר די מערק, און דער קאַמף פאַר'ן מאַרק ווערט אומגעוואַנדעלט אין אַ קאַמף פאַר דער נאַציאָנאַליטעט. די בורזשואַזיע פון דער הערשענדיגער נאַציע, ווילענדיג בעוואָרענען פאַר זיך דעם אָבזאַץ פון די סחורות צווישען די קונדען, וואָס געהערען צו אַנדערע נאַציאָנען, בעמיהט זיך מיט אַלע כחות צונויפצוגיסען זיי מיט זיך, אָבפאַרבען זיי אין איהר אייגענעם נאַציאָנאַלען קאָליר. די בורזשואַזיע פון דער אונטערדריקטער נאַציע, נישט זענענדיג ביכולת אָנצופאַלען, מוז זיך בענוגענען מיט דעם, וואָס זי פערהיט און פערשטאַרקט איהר אייגענעם מאַרק, דאָס הייסט—איבערגעלעגט אויפ'ן לשון פון נאַציאָנאַלען קאַמף—פערשטאַרקען די אייגענטימליכקייט פון דער אייגענער נאַציע. ביידע—אי די הערשענדיגע, אי די אונטערדריק-

*) „נאַציאָנאַליטעט און אַסימילאַציע" אין „יודישען אַרבייטער" נ. 15.

טע נאַציע—זעהן צו פערגרעסערן ווי ווייט מעגליך די צאָהל קונדען, די צאָהל מיטגלידער פון זייער נאַציאָנאַליטעט.

דער חילוק צווישען זיי איז נאָר אַנ׳אויסערליכער; בייט זיך נאָר איבער די מאַכט פון דער אָדער יענער נאַציע, בייט זיך אויך איבער איהר פּאָליטיק, איהר ראָליע: דער אונטערדריקטער ווערט אַנ׳אונטערדריקער.

דער נאַציאָנאַליסט זוכט קונדען—סיי פאַר מאַטעריעלער סחורה, סיי פאַר גייסטיגע פּראָדוקטען. די צאָהל קונדען ווענדט זיך אָבער אָן דער פערשפּרייטקייט און שאַרפקייט פון דעם נאַציאָנאַלען קאָליר. און דער נצחון פון דעם נאַציאָנאַלען קאָליר— דאָס איז דער אידעאַל פון דעם נאַציאָנאַליסט. און אַזוי ווי דער נאַציאָנאַלער קאָליר דריקט זיך אויס אין דער שפּראַך און קולטור, דעריבער ווערט דאָס יאָגען זיך נאָך די מערק מגולגל אין אַ קאַמף פאַר דעם נאַציאָנאַלען כאַראַקטער פון דער קולטור. דער קאַמף פאַר׳ן אָבזאַץ פון סחורות וויקעלט זיך איין אין אַ טלית פון אַ הויכען אידעאַל: פערטיידיגען די נאַציאָנאַלע אידעע. דער מארק-אינטערעס צווינגט איינצופלאַנצען, אָבצוהיטען, האָדעווען אַלץ, וואָס עס טראָגט אויף זיך דעם נאַציאָנאַלען שטעמפּעל. עס ענטוויקעלט זיך אַ בעדערפניש איינצוהאַלטען און פערשטאַרקען אַלץ, וואָס איז נאַציאָנאַל, אַלץ, וואָס איז אייגענטימליך; דערמיט פערוואָרענט מען זיך פון „פרעמדע״ קאָנקורענטען. די נאַציאָנאַלע פערשידענהייטען שפּיעלען דאָ אַ ראָליע פון די גרעניץ-אָבצאָהלונגען. דער נאַציאָנאַליסט פערטיעפט דידאָזיגע פערשידענהייטען, ציעלט זיך אָבצוגרעניצען זיין נאַציע מיט אַ פעסטען צוים און אַ בעזונדערער מלוכה-אָרגאַניזאַציע. ער ווערט אַ הייסער פאַנאַטיקער פון פּאָליטישער זעלבסטשטענדיגקייט. אין דעם חשק פון פערשידענע נאַציאָנען אַריבערצושטייגען איינע די צווייטע זעהט ער דעם תּוכן פון דער מענשליכער געשיכטע, דער קאַמף פאַר׳ן נאַציאָנאַלען „גייסט״ איז פאַר איהם דאָס העכסטע סאָציאָלאָגישע געזעץ. לגבי דעמדאָזיגען יסוד פון דער געשיכטע ווערען פערטוישט אַלע איבריגע אַרטען פון געזעלשאַפטליכען קאַמף, עס ווערען פערדונקעלט, אָדער עס פערשווינדען איינגאַנ-

צען די סאָציאַלע היפּוכים. פון דעם גאַנצען גרויסען וועלט-בילד ווערט ביי איהם אַ בימה, וואו עס ווערט געפיהרט אַ קאַמף צו-ליעב נאַציאָנאַלע עצמ׳ס, וועלכע קאָנקורירען איינע מיט די אַנ-דערע. די נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ—דאָס איז די ערשטע און הויפּט-אויפגאַבע פון דעם מענשען.

פערשידענע מינים בעשאַפען פערשידענע אַרטען פון אי-דעאָלאָגיע. דער נאַציאָנאַליזם פון אַ הערשענדיגער, שטאַרקער נא-ציע, שטיצענדיג זיך אויף אַ מעכטיגער אַרמעע און פלאָט, הויבט אויף מיט גדלות זיין חוצפּה׳דיגען קול, ער אַרבייט מיט הילכע-דיגע—אָבער פּוסטע—אימפּעריאַליסטישע פראַזען, קלינגט מיט די שווערדען, דראָהט מיט דער געפּאַנצערטער פויסט. דער ציטער-דיגער נאַציאָנאַליזם פון דעם קליינבירגער נעהמט־אָן אַנ׳אַנדער פאַרב. אַ דערשלאָגענער און אַ שוואַכער, ברעכענדיג אַלע ווײלע האַלז און נאַקען אויפ׳ן אייז פון די „היינט-מאָדישע" געזעל-שאַפטליכע פערהעלטנישען, אַרויסגעשטויסען דורך דעם גרויסען קאַפּיטאַל, וואָס פערפלאָנטערט איהם פון אַלע זייטען, פערלירט ער יעדען פונדאַמענט אונטער זיינע פיס: ער צאַפּעלט זיך, וואַרפט זיך אויף אַלע זייטען, כאַפּט זיך אָן פאַר דעם ערשטען מיטעל, וואָס עס פאַלט איהם אַריין אין די הענד. לעבענדיג מיט די אידעאַלען פון דער פערגאַנגענהייט, וועלכע ער איז נישט בכח אומצוקעהרען, נישט קאָנענדיג דערוואַרטען קיין ישועה פון דער צוקונפט, וועלכע ער קאָן נישט בעגרייפען, כאַפּט ער זיך אָן פאַר יעדען אַוואַנטוריסט, פאַר יעדען שווינדלער. ער לאָזט זיך פערפיהרען פון די נאַציאָנאַליסטישע חלומות, וועלכע העלפען איהם פערמאַכען די אויגען אויף די אמת׳ע געזעלשאַפטליכע פער-העלטנישען, וואָס זענען פאַר איהם אַזוי אונהיימליך און שרעק-ליך. ער ווערט פערכאַפּט—אויב ער איז נישט קיין יוד—פון דעם שטראָם פון אַנטיסעמיטיזם; אויב ער איז יאָ אַ יוד, לעגט ער נאָך צו צו דער דערשלאָגענהייט און פער׳חושכ׳טקייט פון דעם עקאָנאָמיש שוואַכען די ספּעציעלע אייגענטימליכקייט פון דער שקלאַפישער געטאָ-פּסיכאָלאָגיע. איינוויקלענדיג זיין קלאַסען-אינ-טערעס אין אַ שלייער פון נאַציאָנאַלע פאָדערונגען, האָט ער

אפילו נישט קיין כח צו קעמפען פאַר דידאָזיגע פאָדערונגען; ער קאָן נאָר פאַנטאַזירען וועגען זיי. קוקען דעם לעבען גלייך אין די אויגען—דאָס קאָן ער נישט; ער איז שוואַך, אויסגעמאַטערט, שרעקעווידיג, ער האָט מורא פאַר׳ן לעבען, ער חלומ׳ט.

ער חלומ׳ט וועגען זעלבסטשטענדיגקייט און פרייהייט, ער חלומ׳ט וועגען אַנ׳אייגען לאַנד, אויף וועלכען ער וועט זיך שאַפען זיין אייגענע קולטור—זיין אייגענעם מאַרק. ער פערדולט זיך דעם קאָפּ מיט׳ן דונסט פון נאַציאָנאַליסטישע פראַזען, פערמאַסקירענדיג דערמיט זיין אייגענע שוואַכקייט און פּאָליטישען באַנקראָט.

גענוג, די קאָלירען זענען פערשידען, דער עצם איז דערזעלביגער. דער עצם איז—דאָס בוקען און קניהען זיך פאַר דער אייגענער נאַציאָנאַליטעט; דער נאַציאָנאַלער אינטערעס און די נאַציאָנאַלע אייגענטימליכקייטען—דאָס איז דער פונדאַמענט פון דעם גאַנצען סאָציאַל-פּאָליטישען בנין.

דאָס איז דער נאַציאָנאַליזם. די אידעאָלאָגיע פון דער אַסימילאַציע איז אָבער פונקט דיזעלבע זאַך, נאָר... אויף דער לינקער זייט. דער אַסימילאַטאָר שטעלט זיך פונקט דיזעלבע ציעלען, אָבער נישט פאַר זיין אייגענער, נאָר פאַר אַ פרעמדער נאַציע. זיין נאַציאָנאַלער מאַרק איז פאַר איהם צו-איינג,—וויל ער זיך אַריינכאַפּען אין אַ פרעמדען, און מאַכט זיך פון דער פרעמדער נאַציאָנאַלער „אידעע” פונקט אַזאַ אָבגאָט, ווי דער נאַציאָנאַליסט מאַכט עס פון דער אייגענער. דער נאַציאָנאַליסט זעהט אַרויפצולעגען אויף וואָס עס איז נאָר מעגליך זיין נאַציאָנאַלען שטעמפּעל, כדי מען זאָל עס חס-ושלום נישט פערבייטען מיט פרעמדע; דער אַסימילאַטאָר בעמיהט זיך אויסצוואָרצלען אַלע זיינע נאַציאָנאַלע סימנים לכבוד אַ פרעמדער נאַציאָנאַליטעט. אי דער, אי יענער זענען שטאַרק פער׳דאגה׳ט וועגען דעם גורל פון דער נאַציאָנאַלער פיזיאָנאָמיע; אי דער, אי יענער ציעלען זיך צו ווירקען אויף דעם נאַציאָנאַלען קאָליר; אי דער, אי יענער זענען אַריינגעטהאָן אין די נאַציאָנאַלע עצמ׳ס, אין דעם נאַציאָנאַלען „גייסט”. די תשובות, וואָס זיי געבען אויף די געשטעלטע פראַגען, זענען פערשידען. די פראַגען גופא שטעלען זיי

אָבער אויפ׳ן זעלביגען שטייגער. ביי זיי זענען דיזעלביגע אויסגאַנגס-פונקטען, דיזעלביגע חקירות, דיזעלביגע אידעען, דיזעלביגע מאָס אויף אָבצושאַצען די פּאָליטישע, סאָציאַלע און קולטורעלע ערשיינונגען. דער תּוכן פון דערדאָזיגער מאָס איז: דער חילוק צווישען מיינס און יענעמס. דער, וואָס איז אַנ׳אַסימילאַטאָר בנוגע די יודען, איז אַ נאַציאָנאַליסט בנוגע די רוסען אָדער פּאָליאַקען. דער אַסימילאַטאָר איז דערזעלבער נאַציאָנאַליסט, נאָר מיט׳ן „אונטערשלאַק אַרויף”.

אָט דאָס זענען די סימנים, וואָס זענען כאַראַקטעריסטיש פאַר דער פּאָליטיק פון דער גאַנצער בורזשואַזיע, וועלכע ליעגען אַזוי גוט אין די אַסימילאַטאָרישע ווי אין די נאַציאָנאַליסטישע שטרעבונגען. די אינטערעסען פון דער נאַציע—דאָס איז זייער לאָזונג; די אויפגאַבען פון דער נאַציע אַלס אַ גאַנצען, אונטיילבאַרען סאָלידאַרישען כּלל בעשטימען זייער פּאָליטיק.

ווי-זשע דאַרף זיין די פּאָזיציע פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע?

אַנ׳ענטפער דערויף דרינגט ממילא פון דער אַלגעמיינער וועלט-אַנשויאונג פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע. אין דעם גאַנצען סיסטעם פון איהרע אַנשויאונגען און פון איהר טעטיגקייט געהט זי אַרויס פון איין גרונד-פּרינציפּ: פון דעם פּראָלעטאַרישען קלאַסען-קאַמף. דאָס איז נישט נאָר דער הויפּט-יסוד פון אונזער גאַנצער אַרבייט, דאָס איז אויך דער איינציגער יסוד.

דער פּראָלעטאַרישער קלאַסען-קאַמף, דער אינטערעס פון זיין ברייטער ענטוויקלונג, דאָס איז דער גרונד-מאַסשטאַב, מיט וועלכען מיר מעסטען אַלע ערשיינונגען פון סאָציאַלען און פּאָליטישען לעבען, אַלע אויפגאַבען, וועלכע דאָס לעבען שטעלט אַרויס, אַלע אופנים, וועלכע עס רוקט-אַרויס צו לעזען זיי. מיט דעמדאָזיגען העכסטען קריטעריום מעסטען מיר אַלע פראַגען, נאָך איהם שאַצען מיר זיי אָב, טיילען זיי פונאַנדער, ווייזען אָן יעדערער איהר פּאַסענדען פלאַץ אין דעם אַלגעמיינעם איינהייטליכען מאַרקסיסטישען סיסטעם. מיט דעמדאָזיגען העכסטען מאַסשטאַב געהען מיר צו אויך צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע, איהר

מאַכען מיר אונטערטעניג די נאַציאָנאַלע שאלה, אַריינגעהמענדיג זי אין דער אַלגעמיינער קייט פון אונזער גאַנצען סיסטעם, ווי איין בעזונדער רינג.

דער נאַציאָנאַליסט, זייענדיג פערקאָכט אין די אינטערעסען פון זיין מאַרק, מאַכט פאַר אַ העכסטען פרינציפּ דעם נאַציאָנאַליזם, וועלכער האָט אין זיינע אויגען אַנ'אַבסאָלוטען ווערט. דער אַסימילאַטאָר, וועלכער קוקט־אויס אויף די פרעמדע מערק, בעמיהט זיך אויסצומעקען זיין נאַציאָנאַלע געשטאַלט. מיר, וועלכע ווילען נישט וויסען פון קיין יאָגען זיך נאָך מערק, מיר, וועמען עס איז פרעמד דער שטרייט פון די בורזשואַזע גרופּען, וואָס רייסען זיך אין קאָנקורענץ-קאַמף איינע מיט דער אַנדערער, מיר זענען ווייט פון דעם קאַמף פאַר דער שליטה אויף פרעמדע מדינות, מיר בוקען זיך נישט פאַר'ן אָבגאָט פון נאַציאָנאַליזם; די נאַציאָנאַלע אייגענטימליכקייט מאַכען מיר נישט פאַר אַ רעליגיע. מיר קניהען זיך אָבער נישט אויך פאַר דער אַסימילאַציע. סיי דאָס איינהאַלטען „ביד חזקה” די כאַראַקטעריסטישע נאַציאָנאַלע סימנים, סיי דאָס אויסוואָרצלען דעם נאַציאָנאַלען גייסט— דידאָזיגעביידע ציעלען זענען אונז פרעמד און ווייט. אונזערע אינטערעסען און אויפגאַבען ליעגען אין אַ גאַנץ אַנדערען שטח.

וועלכע זענען די אויפגאַבען און די ציעלען פון אַ נאַציע? אַזאַ פראַגע עקזיסטירט פשוט נישט פאַר אונז, אַקוראַט ווי עס עקזיסטירען פאַר אונז נישט יענע קלאַסען-אינטערעסען, פון וועלכע זי ווערט געבוירען. די פראַגען, וועלכע מיר פערענטפערן, ווערען געשטעלט גאָר אַנדערש.

לאָמיר נאָר ריכטיג פערשטעהן דעם ענין. וואָס איז אַזוינס די נאַציאָנאַלע קולטור, וואָס איז אַזוינס דער נאַציאָנאַלער פרינציפּ,—יענער אָבגאָט פון די בורזשואַזע אידעאַלען? וואו ליעגט דאָס פערבאָרגען דער מיסטישער נאַציאָנאַלער גייסט?

אַ נאַציאָנאַלע קולטור, אַלס אַ זעלבסטשטענדיגע זאַך, אַלס אַ פערשלאָסענער קרייז מיט אַנ'אייגענטימליכען איינהאַלט, עקזיסטירט בכלל נישט. נאַציאָנאַל איז יענע אייגענטימליכע פאָרם,

אין וועלכע עס גיסט זיך אַריין דער אַלגעמיין-מענשליכער אינהאַלט. דער תּוכן פון נאַציאָנאַלען לעבען, וועלכער איז אומעטום דער אייגענער, נעהמט-אָן פערשידענע קאָלירען, פערשידענע נאַציאָנאַלע פאָרמען, וויבאַלד ער געהט אַריין אין פערשידענע גרופּען מיט פערשידענע געזעלשאַפטליכע פערהעלטנישען. אָט דידאָזיגע פערהעלטנישען, ביי וועלכע עס ווערען געשטעלט און פערענטפערט די געזעלשאַפטליכע אויפגאַבען, ביי וועלכע עס שפּיעלען זיך אָב די געזעלשאַפטליכע סכסוכים, אין וועלכע עס פליסט דאָס געזעלשאַפטליכע לעבען, ווערען צייטיג די גייסטיגע שטרעמונגען,—אָט זיי, דידאָזיגע פערהעלטנישען לעגען-אַרויף אַ נאַציאָנאַלען שטעמפּעל אויף דער קולטור. דער שטראַהל פון געזעלשאַפטליכען לעבען, פון סאָציאַלען קאַמף, אַריינטרעטענדיג אין אַ בעזונדערער סביבה, אין אַ גרופּע מיט אַ בעשטימטען נאַציאָנאַלען קאָליר, נעהמט אויך אָן אַ בעשטימטע פאַרב.

עס ענטוויקעלט זיך דאָס לעבען. די פערהעלטנישען בייטען זיך. עס שטויסען זיך צוזאַמען פערשידענע אידעען, און אינווענינג, אין דעמדאָזיגען פערפּלאָנטערטען און פערוויקעלטען פּראָצעס ליעגט פערבאָרגען דער גוף פון דער געזעלשאַפטליכער ענטוויקלונג, ריכטיגער געזאָגט, זיין רוקען-ביין, די הויפּט-פּרוזשינע: דער קלאַסען-קאַמף.

מיר לעגען-צו אונזערע קרעפטען צו דערדאָזיגער הויפּט-פּרוזשינע און דרעהען זי אַזוי, ווי עס פּאַסט פאַר אונז. די פיינדליכע קרעפטען שלעפען זי אין אַנ׳אַנדער זייט. מיר ראַנגלען זיך. אויפ׳ן גרונד-יסוד פון דעם קאַמף גרופּירען זיך די אַלע ערשיינונגען פון לעבען, וואָס שפּראָצען פון דעמדאָזיגען פונדאַמענט. עס ווערען בעשאַפען געזעצען, דינים, תּקנות, עס קומען-אויף פערשידענע גייסטיגע שטרעמונגען, עס שניידט זיך אויס דער אָדער יענער פּסיכאָלאָגישער טיפּ; בקיצור, עס וויקעלט זיך פונאַנדער דאָס לעבען אין אַלע זיינע רייכע פערשידענפאַרביגע פאָרמען און געשטאַלטען.

מיר נעהמען דאָס לעבען, וואָס האָט אויסגעבליהט אין די גרעניצען פון אַ בעשטימטען נאַציאָנאַלען אָרגאַניזם, פערגלייכען

איהם מיט'ן בילד פון אונזערע נאַציאָנאַלע גרופען. מיר בעמער־קען, אַז אין געוויסע פּרטים זענען זיי עהנליך, אין אַנדערע איז דאָ צווישען זיי אַ חילוק; די שפּראַך איז נישט די אייגענע, די פּסיכאָלאָגיע איז אַנ׳אַנדערע, עס זענען פערשידען די פערהעל־טנישען פון די געזעלשאַפטליכע קרעפטען א. אַז. וו.; דער גוף איז דערזעלבער, די אויבערשטע הויט איז אַנ׳אַנדערע.

וואָס־זשע פאַר אַ בעדייטונג האָט פאַר אונז די פערשידענ־הייט פון דער הויט? צי דאַרפען מיר זאָרגען דערפאַר, אַז די פערשידענהייט זאָל האָבען אַ קיום, אַז דער אָדער יענער גוף זאָל איינגעוויקעלט ווערען דווקא אין פערשידענע פאָרמען? דאַר־פען מיר דאגה׳ן, אַז די פערשידענהייטען זאָלען זיך פערשטאַר־קען און פערבלייבען אויף שטענדיג?

אוודאי נישט—מיר זענען נישט קיין נאַציאָנאַליסטען.

קוקען מיר מיט אַ קרומען אויג אויף די פערשידענהייטען? איז פאַר אונז וויכטיג, אַז די גופים זאָלען זיין איינגעוויקעלט דווקא אין דערזעלבער הויט? דאגה׳ן מיר דערפאַר, אַז די פער־שידענע נאַציאָנאַלע געשטאַלטען זאָלען אָננעהמען דיזעלבע פאָרם?

אוודאי נישט.—מיר זענען נישט קיין אַסימילאַטאָרען.

מיר פיהרען דעם קלאַסען־קאַמף, קעהרען די הויפּט־פּרוזשי־נע, גיבען אַ בעשטימטע ריכטונג דעם הויפּט־שטראַהל. אָט דאָ ליעגט אונזער אויפגאַבע, אָט דאָ איז דאָס פעלד פון אונזערע ציעלען. מיר ראַמען אָב אַלץ, וואָס לאָזט אונז נישט קירעווען די פּרוזשינע לויט אונזער בעגעהר. פון דעמדאָזיגען שטאַנדפּונקט שאַצען מיר אָב אַלע ערשיינונגען.

אין זיין ענטוויקלונג נעהמט־אָן דער קלאַסען־קאַמף פער־שידענע נאַציאָנאַלע פאָרמען, פערוויקעלט זיך אין אַנ׳אייגענטימ־ליכען שלייער. דער שטראַהל פאַרבט זיך אָב אין דעם אָדער יענעם נאַציאָנאַלען קאָליר. דאָס ליעגט שוין מחוץ לתחום פון אונזערע ציעלען. דאָס זענען די רעזולטאַטען פון אַ בלינדען פּראָ־צעס, אויף וועלכען מיר האָבען נישט קיין שליטה.

דער טעות פון די נאַציאָנאַליסטען און אַסימילאַטאָרען בע־שטעהט אין דעם, וואָס דידאָזיגע רעזולטאַטען נעהמען זיי

אָן פאַר ציִלען.

זאָל זיין, אַז די געשיכטע האָט גוזר-געווען, אַז די יודען דאַרפען זיך אַסימילירען מיט אַנדערע פעלקער. מיר פון אונזער צד וועלען נישט לעגען קיין כחות אויף אָבצוהאַלטען דעמדאָזיגען פראָצעס און נישט אויף אונטערצוהאַלטען איהם. מיר מישען זיך נישט אין דעם. מיר זענען נייטראַל. אמת, מיר זענען געגען די אַסימילאַטאָרען, וועלכע ציִלען זיך צו דערדאָזיגער אַסימילאַציע; נאָר מיר קעהרן זיך אָב פון זיי נישט דערפאַר, וואָס מיר האָבען מורא פאַר דער אַסימילאַציע, נאָר דערפאַר, ווייל זי קאָן נישט געשטעלט ווערען אַלס אַנ׳אויפגאַבע. זי קאָן נאָר זיין אַ רעזולטאַט פון דער געזעלשאַפטליכער ענטוויקלונג.

מיר זענען נישט געגען אַסימילאַציע, מיר זענען געגען אַסימילאַציאָנס-שטרעבונגען.

זאָל זיין, אַז דער געשיכטע געלוסט זיך, אַז ביי יודען זאָל פונאַנדערבליהען אַנ׳אייגענטימליכע קולטור. מיר וועלען זיך נישט בעמיהען אָבצוהאַלטען דעמדאָזיגען גאַנג, מיר וועלען אויך נישט דאגה׳ן פאַר זיין ערפאָלג. מיר מישען זיך נישט דערין, מיר זענען נייטראַל. אמת, מיר זענען געגען די נאַציאָנאַליסטען, וועלכע שטעלען זיך פאַר אַנ׳אויפגאַבע נישט אַנדערש ווי איינצוהאַלטען די יודישע קולטור. נאָר געגען זיי זענען מיר נישט צוליעב דעם, וואָס מיר ווילען נישט אַ נאַציאָנאַלע קולטור, נאָר דערפאַר, וואָס מיר האַלטען נישט פאַר אַנ׳אויפגאַבע דאָס איינפלאַנצען די נאַציאָנאַלע אייגענטימליכקייטען. מיר זענען נישט געגען דעם נאַציאָנאַלען כאַראַקטער פון דער קולטור, מיר זענען געגען דער נאַציאָנאַליסטישער פאָליטיק.

מיר פערהאַלטען זיך נייטראַל צו יענע פראַגען, וועלכע זענען כאַראַקטעריסטיש פאַר דער בורזשואַזיע. אין דערדאָזיגער פאָרם לייקענען מיר אָב די נאַציאָנאַלע פראַגע, אין דערדאָזיגער געשטאַלט איז זי אונז נישט נוגע.

אָבער אויף אַנ׳אַנדער אופן שטעלען מיר זי אַוועק פון דאָסניי. אין אַנ׳אַנדער זין זענען מיר נישט גלייכגילטיג. מיר מישען זיך יאָ אַריין אין דעם גאַנג פון לעבען מיט דער גרע-

סטער ענערגיע און שטייפקייט. און אָט אין וואָס פאַר אַ זין עס עקזיסטירט פאַר אונז די נאַציאָנאַלע פראַגע.

וואָס פאַר אַ גאַנג די געשיכטע זאָל נישט אָננעהמען, וועלכע האָפנונגען דער היסטאָרישער פּראָצעס זאָל נישט געבען דער נאַציע, — צי איז איהר בעשערט אָנצעווערען אָדער צו פערשטאַרקען איהר אייגענטימליכע נאַציאָנאַלע געשטאַלט, — דערדאָזיגער פּראָצעס מוז-על-כל פנים אָבגעהן פ ר י י. יעדער צוואַנג, יעדע אונטערדריקונג, סיי דירעקטע, סיי אונדירעקטע, מוז בעזייטיגט ווערען; נאָר די אינווענינסטע בעדערפנישען פון דעם פאָלקסלעבען דאַרפען שפּיעלען אַ ראָליע אין דעם פּראָצעס פון אויסאַרבייטען קולטורעלע פאָרמען. נאָר דידאָזיגע אינווענינסטע בעדערפנישען האָבען דאָס רעכט אויסצו׳טענה׳ן זיך ביים דין-תורה צווישען די „אייגענע״ און „פרעמדע״ פאָרמען פון דעם נאַציאָנאַלען לעבען; אָהן שום מניעות מוז זיך ענטוויקלען די מלחמה פאַר׳ן לעבען פון די קולטורעלע פאָרמען, יענע מלחמה, וואו די ווענינער-צוגעפּאַסטע געהען צום גרונד, אָבטרעטענדיג זייער פּלאַץ פאַר די, וואָס טויגען און פּאַסען בעסער פאַר די מענשליכע בעדערפנישען. דער פאָלקס-אָרגאַניזם, פריי פון יעדען אויסערן דרוק, דאַרף אַליין, דורך זיין אייגענער ענטוויקלונג, בעשטימען זיין גורל.

עס וואָלט געווען אַ גראָבער פעהלער אַרויסצוטרויסלען די קאָרן אינאיינעם מיט די פסלת, אָבצולייקענען אינגאַנצען די נאַציאָנאַלע פראַגע בלויז צוליעב דעם, וואָס מיר קאָנען נישט מסכים-זיין מיט דעם, ווי די בורשזואַזיע שטעלט דידאָזיגע פראַגע. עס וואָלט געווען אַ גראָבער פעהלער, ווען די קריטיק פון די פיינדליכע שטרעמונגען זאָל אונז אַזוי ווייט פערבלענדען, אַז מיר זאָלען הינטער דידאָזיגע פיינדליכע שטרעמונגען נישט בעמערקען די מעגליכקייט ריכטיג צו שטעלען די נאַציאָנאַלע פראַגע פון אונזער פּראָלעטאַרישען שטאַנדפּונקט; עס וואָלט געווען אַ פעהלער צו טענה׳ן, אַז מיר מוזען זיך פון איהר אָבזאָגען אָנשטאָט צו פּרובען אַוועקצושטעלען זי אויף אַ ריכטיגען און פעסטען יסוד.

זײַן אַנ׳אַנדער פאָרם, אין אַנ׳אַנדער שטח, אין אַנ׳אַנדער אופן און צוליעב אַנדערע אויפגאַבען עקזיסטירט די נאַציאָנאַלע פראַגע אויך פאַר אונז.

דער קאַמף פאַר נאַציאָנאַלער פרייהייט הייסט נאָך נישט נאַציאָנאַליזם,—האָבען מיר אויבען געזאָגט. ער ווערט נאַציאָנאַליסטיש נאָר פון יענעם מאָמענט אָן, ווען אויף דער נאַציאָנאַלער בעוועגונג ווערט אַרויפגעלעגט יענע אייגענטימליכער נאַציאָנאַלער שטעמפעל, וועלכען מיר האָבען אויבען כאַראַקטעריזירט. אָבער דערדאָזיגער קאַמף געגען דער נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג קאָן פריי זײַן פון יעדען בורזשואַזען ריח, און דעמאָלט וועט דאָס זײַן אַ בעפרייאונגס-קאַמף, אַנ׳אמת-פראָגרעסיווע אַרבייט.

אָבער נישט נאָר וואָס זי קאָן—זי דאַרף זיך פיהרען אין דערדאָזיגער רייבער געשטאַלט, פריי פון אַלע רעאַקציאָנערע עלעמענטען. דער פראָלעטאַריאַט דאַרף זי אַרײַנשטעלען אין דעם סיסטעם פון זײַן בעפרייאונגס-קאַמף. עס איז נישט גענוג פאַר׳ן פראָלעטאַריאַט אָבצוטרויסלען זיך פון די בורזשואַזע נאַציאָנאַליסטישע שטרעבונגען, ער מוז נעהמען די זאַך אין זײַנע הענד, פיהרען אויף זײַן שטייגער, ווייל דאָס פאָדערט זײַן אייגענער קלאַסען-אינטערעס.

די נאַציאָנאַלע אונטערדריקונג איז נישט גערי́כטעט דווקא ספעציעל געגען דעם אַרבייטער-קלאַס; זי איז געריכטעט געגען דער גאַנצער נאַציע. פאַלענדיג אויף איהרע פערמעגליכע און געבילדעטע קלאַסען, לעגט זי זיך אָבער מיט דער גאַנצער משא אויפ׳ן אַרבייטער-קלאַס, וועלכער פערנעהמט די אונטערשטע שטופע אויף דעם געזעלשאַפטליכען לייטער און וועלכער פיהלט נאָך שטאַרקער אויף זײַנע פלייצעס די קלעפּ, וועלכע עס שטעהט-אויס די גאַנצע נאַציע.

די נאַציאָנאַלע אונטערדריקונג שטיקט דאָס קולטורעלע לעבען. די מניעות, וועלכע די מוטער-שפּראַך און די ליטעראַטור בעגעגענען, מוזען זיך אָברופען אויפ׳ן שעדליכסטען אופן אויף די אונמיטעלבאַרע אינטערעסען פון דעם אַרבייטער. ער קאָן נישט קיין פרעמדע שפּראַך, ער לעזט נישט קיין פרעמדע צייטונגען. זײַן

אונטערדריקטע שפראַך און ליטעראַטור איז דאָס איינציגע פענ-סטער, דורך וועלכען ער קאָן אַריינציהען אין זיך דאָס קולטו-רעלע לעבען, ענטוויקלען זיין בעוואוסטזיין, פערברייטערן זיין השכלה. דאָסדאָזיגע פענסטער ווערט פאַר איהם צוגעמאַכט, דער פראָלעטאַריער ווערט אָבגעשניטען פון קולטורעלען לעבען.

די אונטערדריקענדיגע מלוכה אָנערקענט נישט זיין מוטער-שפראַך. זי גיט-אַרויס געזעצען און דרוקט פעראָרדנונגען אין אַ שפראַך, וועלכע איז אונבעקאַנט דעם פראָלעטאַריער; די משפטים ווערען אויך געפיהרט אויף אַן׳אונבעקאַנטער שפראַך. דאָסזעלביגע איז מיט אַלע ענינים, וואָס טהוען זיך אָב אין די קאַנצעלאַריעס. דער אַרבייטער איז אָבגעשניטען פון דעם מלוכה-לעבען, ער בלייבט שטעהן אויסער דעם בירגערליכען און פּאָליטישען לע-בען. די מלוכה-מאַשין שטיקט איהם און ווערגט איהם אָהן רחמנות, און ער איז נישט בכח צו פערטיידיגען זיך.

די נאַציאָנאַלע אונטערדריקונג בעשאַפט אַ פעראַכטונג צו די אונטערדריקטע, זי מאַכט זיי שפל, אַקוראַט ווי זיי וואָלטען גע-הערן צו אַ נידעריגערן סאָרט מענש, פלאַנצט אין זיי איין די פסיכאָלאָגיע פון אַ שקלאַף, און דאָס איז אַ מורא׳דיגער קלאַפּ פאַר דער ענטוויקלונג פון דער קלאַסען-פסיכאָלאָגיע פונ׳ם זעלבסט-בעוואוסטען פראָלעטאַריאַט.

די נאַציאָנאַלע אונטערדריקונג—און דאָס איז איינער פון איהרע גרעסטע חסרונות—שמידט-צונויף אַלע טיילען פון דער אונטערדריקטער נאַציע. דאָס נאַטירליכע געפיהל פון ווידער-שטאַנד איז מקרב איינע מיט די אַנדערע די פיינדליכע קלאַסען.

דער „אויסערער" פיינד שטויסט-אַרויס דעם „אינערן", די נאַציאָנאַלע היפכים פערשטעלען די קלאַסען-געגענזאַצען. די דרשות וועגען נאַציאָנאַלער אחדות אין נאָמען פון געמיינזאַמען קאַמף געגען דעם געמיינזאַמען פיינד פערהילכען דעם אויפרוף צום קאַמף פונ׳ם עקספּלאָאַטירטען קלאַס געגען זיינע עקספּלאָאַטאַ-רען. די נאַציאָנאַליסטישע און שאָוויניסטישע געפיהלען בליהען-פונאַנדער שטאַרק און ברייט, פערגיפטענדיג די לופט, אָנפילענדיג זי מיט אַלערליי רעאַקציאָנערע שטימונגען און אינסטינקטען. עס

ווערען בעשאַפען די אונגינסטיגסטע בעדינגונגען פאַר דער ענטוויקלונג פון פראָלעטאַרישען קלאַסען-בעוואוסטזיין

ווען מיר זאָלען זיך נאָך דערמאָהנען אָן יענער שעדליכער ווירקונג, וואָס די נאַציאָנאַלע אונטערדריקונג ברענגט אויך פאַר דער הערשענדיגער נאַציע, אפילו פאַר איהרע פראָלעטאַרישע שיכטען, וועלען מיר בעקומען אַ פאָלשטענדיג בילד פון יענע אַלע צרות, וועלכע די נאַציאָנאַלע אונטערדריקונג ברענגט דעם אַרבייטער-קלאַס.

און וויבאַלד עס איז דאָ אַזאַ צרה, מוז מען געגען איהר קעמפען. וויבאַלד עס איז דאָ אַזאַ אונטערדריקונג, מוז מען געפינען מיטלען צו בעזייטיגען זי.

מען מוז—אויף וויפיעל דאָס איז בכלל מעגליך אין דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג—פערהיטען יעדע נאַציע פון דער אונטערדריקונג. מען מוז שאַפען גאַראַנטיעס, וועלכע פערזאָרגען פאַר יעדער נאַציע די פאָלשטענדיגע פרייהייט פון קולטורעלער ענטוויקלונג, וועלכע בעזייטיגען אַלץ, וואָס עס דריקט און צוקריפּעלט איהר לעבען.

אַזוי שטעהט די פראַגע, און אַן ענטפער אויף איהר גע-גען מיר אין אונזער פּראָגראַם

די אַלוועלטליכע יודישע נאַציע.

אויף יעדען שריט און טריט קומט-אויס צו הערען אַ פאָרוואורף: פאַרוואָס ענדיגט זיך פאַר אייך די יודישע נאַציע אין איידקונען און אַלעקסאַנדראָוו. פאַרוואָס עקזיסטירט פאַר אייך נישט דאָס יודענטום, וואָס לעבט פון יענער זייט גרעניץ! וואָס איז דאָס פאַר אַ פעטישיזם פון גרעניץ-סלופּ! נישט שוין-זשע שטעהט דער צאָל-בעאַמטער העכער פון אַ לעבעדיגער נאַציע! און אַזוי ווייטער.

צום בעדויערן, האָבען מיר נאָך עד-היום נישט געהאַט קיין גרינדליכען שמועס מיט די, וואָס מאַכען אונז אַזעלכע פאָרוואורפען. דער ענין איז אָבער ווערט, מען זאָל איהם בעהאַנדלען. און די טעמע איז אַנ׳אינטערעסאַנטע: וועמען-זשע האָבען מיר דאָס אין זינען, בעת מיר זאָגען-אַרויס די ווערטער „יודישע נאַציע?" דידאָזיגע ווערטער ווערען דאָך אַרויסגעזאָגט יעדע מינוט, און זיי וואָלטען געדאַרפט, דאַכט זיך, בעקומען אַ גאַנץ בעשטימטען זין. דאָס איז אָבער נישט אַזוי. עס הערשט אַ מישמאַש. מען מוז פראָבירען זיך דורכצוריידען וועגען דער זאַך. וואָרום דאָס איז נישט גלאַט אַזוי אַ טעאָרעטישע פראַגע פון וויסענשאַפטליכער טערמינאָלאָגיע; ניין, דידאָזיגע פראַגע רופט זיך תמיד אָב אויף דער פראַקטיק פון דער געזעלשאַפטליכער און פּאָליטישער בעוועגונג און בעקומט צוליעב דעם שוין אַ גאַנץ ממשות׳דיגע בעדייטונג.

די אַלוועלטליכע יודישע נאַציע.

I.

אַלס אַ טעאָרעטישע פראַגע איז זי גאָר נישט קיין אָנגענעהמע, ווי יעדע פראַגע, ביי וועלכער עס האַנדעלט זיך וועגען טערמינאָלאָגיע, קלאַסיפיקאַציע, בעצייכנונג. וואָס דאַרפען מיר אָנרופען מיט אַזאַ און אַזאַ נאָמען? וואָס איז אַזוינס אַ נאַציע? אַ העכסט דערעסענע טעמאַ! אַ דערעסענע און אין אַ זעהר גרויסער מאָס אַנ'אומפּרוכטבאַרע, אויף וויפיעל זי אָפּערירט נישט מיט דער לעבעדיגער דינאַמיק פון יענער זאַך, וועלכע מען וויל דעפינירען, נאָר מיט סכאָלאַסטישע „סימנים“. ווייל דאָ איז אייגענטליך נישטאָ וואָס צו דערווייזען: יעדע בעצייכנונג איז אייגענטליך אַ תנאי-זאַך און שטיצט זיך נישט אַזוי פיעל אויף אַרגומענטען, ווי אויף אַנ'אַלגעמיינעם הסכם, אַ שווייגענדיגען הסכם, וואָס דריקט זיך אויס אין דעם טראַדיציאָנעלען וואָרט-געברויך. און די אַזוי-גערופענע בעווייזען לאָזען זיך דאָ גאַנץ אָפט אַרויס צו אַנ'אונפּראָדוקטיווען דרעהען זיך אין אַ פער'כשופ'טען קרייז. און טאַקע: עס שטרייטען צוויי מענשען וועגען דעם, למשל, צי

איז אַ נויטוועגדיגער סימן פון אַ נאַציע די שפראַך; איינער זאָגט „יאָ“, דער צווייטער „ניין“. בעוויזען? לאָמיר אַ קוק טהאָן אויף די שווייץ—זאָגט איינער פון זיי—און מיר וועלען אַרויסזעהן, אַז עס קאָן יאָ עקזיסטירען איין נאַציע אָהן אַן׳אַלגעמיינער שפראַך. וואָס-זשע ענטפערט דערויף דער צווייטער? „אמת,—זאָגט ער—אין דער שווייץ איז טאַקי נישטאָ אַן׳איינציגע געמיינזאַמע שפראַך, אָבער אין דער שווייץ איז טאַקי פאַרהאַן נישט איין נאַציע, נאָר דווקא דריי, וואָס וואוינען מעהר נישט אונטער איין מלוכה-דאַך.“ ס׳איז קלאָר, אַז אַזאַ וכוח מוז בלייבען אָהן רעזולטאַטען, ווייל יעדער פון די דיספּוטאַנטען געהט-אַרויס פון דעם, וואָס עס דאַרף ערשט דערוויזען ווערען. ער בויט זיין דעפיניציע אויף אַ סומע פון סימנים; און די סומע פון סימנים נעהמט ער פון דער דעפיניציע.

ניין, מיט אַזעלכע זאַכען וועלען מיר זיך נישט פערנעהמען. אָבער דאָס שליסט נאָך נישט אויס אַן׳אַנדער זאַך. זאָל די פראַגע וועגען אַן׳אויסשעפּענדער סומע פון סימנים זיין אַ לעדיגע, מען קאָן אָבער פונדעסטוועגען זיך פאָרשטעלען אַ געוויסען מינימום, וואָס ווערט פון אַלעמען אָנערקענט, וואָס קאָן אַרויסגענומען ווערען פון אַלע דעפיניציעס, אַ מינימום, וועגען וועלכען מען פיהרט כלל נישט קיין וכוחים, וועלכער בינדט זיך אָרגאַניש צונויף אין יענעמס פאָרשטעלונג מיט דעם בעגריף גופא פון דער נאַציע.

דאַכט זיך, אַזאַ אַלגעמיינער, פון אַלעמען אָנערקענטער מינימום איז דאָ פאַרהאַן, און אַמבעסטען קען מען איהם אויסדריקען מיט דעם דייטשען טערמין „קולטורגעמיינשאַפט“: געמיינזאַמקייט פון קולטור, אַ געמיינזאַמע קולטור-סביבה.

איך זאָג נאָכאַמאָל: דאָס איז מעהר נישט אַ מינימום. דאָס איז נישט קיין אויסשעפּענדיגע דעפיניציע; דאָס איז כלל נישט קיין דעפיניציע; ווייל אַ דעפיניציע מוז אַרויסכאַפּען דאָס, מיט וואָס אַ זאַך אונטערשיידט זיך פון אַלע אַנדערע זאַכען, בעת אין דעם בעגריף פון „קולטור-געמיינשאַפט“ קאָן אַריינגעהן נישט נאָר די נאַציע, נאָר אויך—אין אַ געוויסער מאָס—אַ גאַנצע רייהע פון אונזערע מענשליכע קאָלעקטיוען; אַ פּראָפעסיע, אַ קלאַס—דאָס

זענען אויך ביז אַ געוויסען גראַד קולטורגעמיינשאַפטען. אָבער איך זוך גאָרנישט קיין דעפיניציעס. פאַר מיר איז דאָ גענוג צו האָבען אַזאַ מינימום, מיט וועלכען אַלע זאָלען זיין איינשטימיג, כּדי אַזוי אַרום צו בעקומען אַ געמיינזאַמען באָדען פאַר דעם וויטערדיגען ווכּוח. און מיר דאַכט זיך, אַז דערדאָזיגער מינימום איז טאַקי גילטיג פאַר אַלעמען. ווייניגסטענס, אויף וויפיעל מען קאָן אורטיילען לויט די ליטעראַרישע ערקלערונגען.

איך וועל ברענגען עטליכע ציטאַטען פון פערשידענע יודישע שרייבער; איך פעררוף זיך בכּיון אויף מענשען, וואָס געהערן גראָד צו אַזעלכע ריכטונגען, מיט וועלכע איך געה זיך פונאַנדער אין דער עצם פראַגע, וואָס אינטערעסירט אונז דאָ; דווקא מיט זיי איז מיר וויכטיג צונויפצוריידען זיך וועגען דעם־דאָזיגען מינימום. נעהמט דעם ערשטען בעסטען: יעדער אָנערקענט דעם פרינציפ פון קולטורעלער געמיינשאַפט. איך מישאַדורך די בראָשור פון ח. זשיטלאָווסקי: „סאָציאַליזם און נאַציאָנאַלע פראַגע" און איך לייען: „אַ נאַציאָנאַליטעט, דאָס איז אַ גרופּע מענשען, וואָס האָט דורות־לאַנג געלאָזט די קולטור־אויפגאַבען פון דער מענשהייט *פאַר* זיך און האָט דערביי געלעזט מאַנכע פון זיי *אַנדערש*, ווי עס טהוען אַנדערע גרופּען פון מענשען... אַדאַנק דעם האָבען זיך אויסגעאַרבייט בעזונדערע „נאַציאָנאַלע פאָרמען פון שאַפען"*). דער ציוניסט א. האַרטגלאַס (עס פאַלט מיר גראָד אין דער האַנד אַריין זיינע אַ בראָשור „טעריטאָריע און נאַציע") פּרובט זיך צו דעפינירען די נאַציע, אַלס אַנ׳עקאָנאָמישע ערשיינונג, אָבער אויך ער זאָגט: „אַ נאַציע איז אַ ווירטשאַפטליכע איינהייט, וואָס בעשטעהט פון סאָציאַלע גרופּען, וועלכע פיהרען אַ קלאַסען־קאַמף, נאָר וואָס זענען פעראייניגט דורך *אַ געמיינזאַמע קולטור*, וואָס האָט זיך געבילדעט אַדאַנק דער עקאָנאָמישער ענטוויקלונג אויף אַ בעשטימטער געמיינזאַמער טעריטאָריע." ש. דובנאָוו ציטירט (מיט צושטימונג) די ווערטער פון רענאַן: „אַ נאַציע—דאָס איז די נשמה, אַ גיי-

*) די ציטאַטע איז גענומען פון דעם רוסישען טעקסט פון דער בראָשור. וו. מ.

סטיגער מאָמענט. צוויי זאַכען, וואָס זענען אין תוך איינס און דאָסזעלבע, בילדען דידאָזיגע נשמה, דעמדאָזיגען גייסטיגען מאָמענט... די איינע איז דאָס פערמעגען פון אַ געמיינזאַמען רייכען אוצר פון ערינערונגען; די צווייטע בעשטעהט אין דעם הסכם און דעם וואונש ווייטער צו פיהרען דאָס געמיינזאַמע לעבען און אָבהיטען די געמיינזאַמע ירושה... די נאַציע—דאָס איז אַ גרויסע איינינקייט" א. אַז. וו. און פון זיך גיט דובנאָוו צו, אַז יענער „עפּעס", וואָס האַלט אונטער דעם נאַציאָנאַלען פערבאַנד פונ'ם יודענטום, איז „די געמיינזאַמקייט פונ'ם היסטאָרישען גורל". און ער דערקלערט ווייטער, אַז רײדענדיג וועגען דערדאָזיגער געמיינזאַמקייט, האָט ער אין זינען אונזער נאַציאָנאַלען רוהם (?) (סלאַוואַ), אונזערע הונדערטיעהריגע ליידען...", די ענדלאָזיגקייט פון די גלייכאַרטיגע איינדרוקען, וואָס אונזערע אבות האָבען איבערגעלעבט, וואָס האָבען זיך יאָהרהונדערט-לאַנג אָנגעקליבען אין דער פאָלקס-נשמה און איבערגעלאָזען דאָרטען אַ געוויסען פעסטען רעשט (אָסאַדאָק)"*)—דאָס איז אַלץ דיזעלביגע „קולטורגעמיינשאַפט".

צום גרויסען בעדויערן, האָב איך נישט אונטער דער האַנד די שפּעטערדיגע אַרבייטען פון דובנאָוו. איבעריגענס, זענען זיינע אַנשויאונגען וועגען דעם „גייסטיגען" און, הייסט עס, קולטורעלען כאַראַקטער פון דער נאַציע אַזוי בעקאַנט, אַז ווייטערדיגע ציטאַטען זענען איבעריג. און בכלל געגוג ציטאַטען. מיר זעהען, אַז סיי פאַר'ן אידעאַליסט דובנאָוו, סיי פאַר'ן „מאַטעריאַליסט" האַרטגלאַס, סיי פאַר'ן עקלעקטיק זשיטלאָווסקי בינדט זיך צונויף דער בעגריף „נאַציע" דורכאויס מיט דער פאָרשטעלונג וועגען דער קולטורעלער געמיינשאַפט. און אַזוי איז דאָס ביי אַלעמען. דערדאָזיגער עלעמענט קאָן זיך געפינען אין דעם אָדער אין אַנ'אַנדערן צוזאַמענבונד—דאָס ווענדט זיך פון דער אַלגעמיינער וועלט-אַנשויאונג—פאַר איינעם וועט עס זיין אַ זאַך, וואָס

---

*) ש. מ. דובנאָוו „וועגען דער געשיכטע-אויספאָרשונג פון די רוסישע יודען".
(„אָב איזוטשעניע איסטאָרי רוסקיך יעווריעוו") פעטערבורג 1891 (רוסיש.)

געניגט פאַר זיך אַליין, פאַר אַ צווייטען ווערט דאָס זיין אַ רע־זולטאַט פון דער עקאָנאָמיק, פאַר אַ דריטען—נאָך עפּיס אַנדערש. אָבער אַלע וועלען איהם האָבען, דען אָהן איהם איז נישטאָ קיין נאַציע.

אָבער דאָס איז נאָר אַזוי לאַנג, ווי מען רעדט וועגען אַ נאַציע בכלל. קוים נעהמט מען זיך אָבער צו ריידען וועגען יו־דען,—און די נויטווענדיגסטע פּאָרויסזעצונגען ווערען, דאַכט זיך, אָן זייער קראַפט.

וואָרום אויב די פּאָרויסזעצונג וועגען דער נאַציע אַלס „קולטורגעמיינשאַפט", וואָלט געבליבען אין איהר גאַנצער קראַפט,—צי וואָלט מען דעמאָלט געקאָנט ריידען וועגען אַן אַלוועלטליכער יודישער נאַציע? בשום אופן נישט! ווייל וואָס פאַר אַ קולטור־געמיינזאַמקייט קאָן מען געפינען צווישען דעם יודענטום פון׳ם תחום און די פראַנצויזישע יודען? אָדער די דייטשע? אָדער האָ־לענדישע? אָדער בולגאַרישע? וואו זענען דאָס אין דער דינאַ־מיק פון קולטורעלען לעבען יענע עלעמענטען, וואָס זאָלען זיי אַלעמען פעראייניגען? וואו איז יענע „געמיינזאַמע קולטור", וואָס עס פאָדערט פּאָרט גלאָס? וואו איז יענעס געמיינזאַמע שאַפען די קולטור „פאַר זיך", וועגען וועלכען עס רעדט זשיטלאָווסקי? וואו איז יענע „קייט פון גלייכאַרטיגע איינדרוקען", אויף וועל־כער עס פעררופט זיך דובנאָוו? קיין זאַך פון דעם אַלעמען איז דאָ נישטאָ. עס זענען נישטאָ יענע רעאַלע פעדים, וואָס זאָלען זיך ציהען פון יחיד צו יחיד, פון גרופּע צו גרופּע, צונויפפלעכטענ־דיג זיך אין איין קאָמפּלעקס פון שטענדיגער פּסיכישער געגענזיי־טיגער ווירקונג, פון געגענזייטיגען קולטורעלען איינפלוס. נישטאָ קיין קאָלעקטיוו לעבען, נישטאָ, הייסט עס, קיין געמיינזאַם נאַציאָנאַל לעבען. צי קאָן מען זיך פאָרשטעלען אַ נאַציע אָהן אַ נאַציאָנאַל לעבען?

אמת, מען קאָן מיר זאָגען: און ביי אַ געוועהנליכער, „אמת"ער נאַציע—ביי אַ רוסישער אָדער אַ דייטשער—עקזיסטירט דען אין פולער מאָס דידאָזיגע געמיינזאַמקייט פון קולטורעלען לעבען? צי זענען נישט די אונטערשטע שיכטען אָבגעשניטען פון

דער נאַציאָנאַלער קולטור? אָט דערװייזט דאָך אָטאָ באױער, אַז אין יעדער היסטאָרישער עפּאָכע בילדעט די נאַציאָנאַלע קולטור אַ חזקה פון איינעם אָדער פון עטליכע העכערע קלאַסען, און אַז די פערװירקליכונג פון אַנ׳אמת׳ער קולטורגעמיינזאַמקייט קאָן דערגרייכט װערען נאָר דורכ׳ן ראַדיקאַלען איבערבוי פון דער גאַנצער סאָציאַלער אָרדנונג.

עס פאַלט מיר נישט איין אָבצולייקענען דעמדאָזיגען קלאָרען פאַקט. איך האַלט אָבער, אַז מען מוז נעהמען אין בעטראַכט פאָלגענדע צוויי זאַכען. ערשטענס, אויב די אונטערשטע שיכטען האָבען בלויז אַ שוואַכען און דערשוועכטען צוטריט צו דער קולטור פון די אויבערשטע קלאַסען, געפינען זיך דערפאַר דידאָזיגע אויבערשיכטען פאָרט אונטער אַ שטענדיגער ווירקונג פון דער קולטור (אָדער האַלבקולטור) פון די פאָלקסמאַסען. נישט-געניסענדיג פון די אוצרות פון דער נאַציאָנאַלער קולטור, האָבען דאָך דידאָזיגע מאַסען אַ קאָלאָסאַלען איינפלוס אויף איהר גאַנצע געשטאַלט; דאָס לעבען פון „אונטען” גיסט זיך אַריין ווי אַ ברייטער שטראָם אין דאָס קולטורשאַפען פון דער אינטעליגענץ, דרינגט זי אַדורך, לאָזט אומעטום איבער זיין שטעמפּעל, און דאָרדאָזיגער שטעמפּעל גיט דאָס סוף-כל-סוף דער קולטור איהר נאַציאָנאַלען כאַראַקטער, בעשאַפט איהר אייגענאַרטיגען פּנים. אַ געמיינזאַמקייט—הגם אַנ׳איינזייטיגע—איז הייסט עס, יאָ פאַרהאַן, דער אינערליכער צוזאַמענבונד פון קולטורעלען שאַפען איז דאָ.

אָבער וויכטיגער איז אַ צווייטע זאַך. זאָל זיין, אַז די אונטערשטע שיכטען זענען אין אַ גרויסער מאָס אָבגעשניטען פון נאַציאָנאַלען לעבען. אָבער זיי זענען פון איהם אָבגעשניטען אויף אַזויפיעל, אויף וויפיעל זיי האָבען כלל נישט קיין קולטורעל לעבען. אויף וויפיעל אַזאַ לעבען איז אָבער ביי זיי יאָ פאַרהאַן, פליסט עס נישט אַנדערש ווי אין נאַציאָנאַלע פאָרמען. אויסערהאַלב פונ׳ם נאַציאָנאַלען קאָליר שטעהט נאָר דאָס, וואָס איז געבליבען אויסערהאַלב פון דער קולטור בכלל. יעדער קולטורעלער שטראַהל ווערט בעפאַרבט נאַציאָנאַל.

גאָר אַנדערש האַלט עס מיט די איינצעלנע טיילען פון

יודענטום. נעהמט די מערב-אייראָפּעאישע יודען. אויב זיי זענען
אָבגעשניטען פונ׳ם קולטורעלען לעבען פון דעם מזרח-יודענטום,
איז דאָס גאָר נישט אויפ׳ן זעלבען שטייגער, ווי דער רוסישער
פויער איז אָבגעשניטען פון דער רוסישער אינטעליגענץ. זיי
שטעהען נישט אויסערהאַלב פון דער קולטור. זיי זענען גאַנץ
קולטורעלע מענשען,—קולטורעלער ווי מיר. און זייער קולטור
איז יאָ בעפאַרבט מיט אַ נאַציאָנאַלען קאָליר. אָבער דער קאָליר
איז אַ פרעמדער. זיי געפינען זיך נישט גלאַט אַזוי אויסער די
גרעניצען פון דער יודישער קולטורגעמיינשאַפט, ניין, זיי זענען
טיעף אַריין אין אַ פרעמדער קולטורעלער סביבה. דער פראַנצוי-
זישער יוד האָט אַ געמיינזאַם קולטור-לעבען מיט די פראַנצוי-
זען, דער דייטשער יוד—מיט די דייטשען. ער רעדט אויף זייער
שפראַך—נישט ער „רעדט“ זיך סתם אויף דעמדאָזיגען לשון, נאָר
דאָס איז טאַקע זיין אייגענע, זיין היימישע, זיין מוטער-שפראַך
און אומגאַנגס-שפראַך; אַ צווייטע קאָן ער גאָרנישט. און די
שפראַך—דאָס איז דאָך גלייכצייטיג אי אַ סימן פון קולטורעלער
געמיינזאַמקייט, אי (און דאָס איז וויכטיגער) דער נויטווענדיגער
תנאי פון אַזאַ געמיינזאַמקייט. אַזאַ יוד וואַקסט-אויס אויף זייער
ליטעראַטור, ווערט געשפּייזט מיט זייער וויסענשאַפט, מיט זייער
קונסט, מיט דעם גאַנצען קולטורעלען שאַפען פון זייער וועלט.
פאַר איהם איז דאָס נישט „זייער“ שפראַך, נישט „זייער“ לי-
טעראַטור, נישט „זייער“ קונסט, נאָר „מיין“ שפראַך, „מיין“ לי-
טעראַטור, „מיין“ קונסט. ער רעדט וועגען זיי אין דער ערשטער
פּערזאָן, און אַנדערש קאָן ער נישט, וואָרום אויב נישט וועגען
דעם, איז וועגען וואָס-זשע וועט ער ריידען אין דער ערשטער
פּערזאָן, ווי וועגען „מיינער“ אַ זאַך? וועגען דעם „זשאַרגאָן“,
וואָס ער אָנערקענט נישט? וועגען העברעאיש, וואָס ער קאָן
נישט? ניין, ער רעדט וועגען די פראַנצויזען און די דייטשען,
ווייל ער בילדעט אַ טייל פון זייער קאָלעקטיווען גאַנצען. מיט
זיי לעבט ער—נישט נאָר געאָגראַפיש, נאָר אויך אינ׳ם זין פון
גאַנצען מין לעבען. צי ער לעבט מיט זיי אין פריינדשאַפט אָדער
נישט, דאָס איז אַ צווייטע פראַגע; זאָל זיין, אַז זיי פערפאָלגען

איהם, אָבער ער שפּייזט זיך פּאָרט פון דעם פּערפאָלגערס קולטור. מעג דאָס זיין נישט שען פון עטישען, אָדער פון וועלכען שטאַנדפּונקט איהר ווילט, עס איז אָבער פאָרט אַ פאַקט, וואָס מיר דאַרפען דאָ קאָנסטאַטירען און נישט אָבשאַצען.

מיט זיי לעבט ער. און וועגען דעם יודענטום דערמאָהנט ער זיך—אין בעסטען פאַל חלומ'ט ער וועגען איהם. צו דעם יודענטום ציהט ער אויס—אויך אין דעמדאָזיגען „בעסטען פאַל"—זיינע הענד. אָבער דידאָזיגע הענד ציהען זיך איבער אַ תהום, וואָס טיילט-פונאַנדער צוויי קולטור-וועלטען. דאָס איז אַ בריק איבער אַ תהום. צי קאָן אַזאַ בריק בעשטעהן, וועגען דעם קאָנען זיין פערשידענע מיינונגען; אָבער ער ווערט אַריבערגעוואָרפען פּאָרט איבער אַ תהום, און די שמועסען, וואָס מען פיהרט אָהן אַ שיעור וועגען דערדאָזיגער בריק, בעשטעטיגען נאָך אַן'איבעריג מאָל, אַז דער תהום איז פאַרהאַן, אַז אַן'איינהייטליכע יודישע סביבה איז נישטאָ.

דאַכט זיך, דאָס אַלץ איז אַזוי קלאָר. אָבער די אידעע פון אַן'אַלוועלטליכען יודענטום האַלט זיך מיט אַן'אונגעוועהנליכער עקשנות. זי זוכט די פערשידענסטע שטיץ-פונקטען, בענוצט זיך מיט אַלעראַרט קולעס, אַבי נאָר צו בלייבען אויף די פיס.

די געוועהנליכסטע קולע איז—דאָס פעררופען זיך אויף דעם נאַציאָנאַלען בעוואוסטזיין. דאָס נאַציאָנאַלע בעוואוסטזיין, די נאַציאָנאַלע אידעע—דאָס זאָל פעראייניגען דאָס צוזייהטע יודענטום. עס איז מיר שווער צו געפינען גענוג העפליכע ווערטער, מיט וועלכע מען וואָלט געקאָנט ענטפערן די טרעגער פון דערדאָזיגער קולע. און איך ווייס אפילו נישט, צי דאָס איז נויטיג. די פ[...]רצייטיגע פאָרשטעלונג, אַז דעם יסוד פון דער נאַציע בילדעט דאָס נאַציאָנאַלע בעוואוסטזיין, איז שוין אויף אַזוי ווייט קאָמפּראָמיטירט, אַז עס לוינט פּשוט נישט אויף איהם זיך אָבצושטעלען. מען ברויכט נישט זיין קיין היסטאָרישער מאַטעריאַליסט, כדי אָבצוזעגענען זיך איין מאָל פאַר אַלעמאָל מיט דעמדאָזיגען פערשימעלטען היסטאָרישען ספּיריטואַליזם. עס איז גענוג פּשוט אָבצוטרייסלען פון זיך דעם היפּנאָז פון דער פראַזע און פרעגען:

וואָס-זשע הייסט דאָס אייגענטליך, אַז דאָס נאַציאָנאַלע בעוואוסטזיין בילדעט די נאַציאָנאַלע איינהייט? אַזאַ בעוואוסטזיין דאַרף דאָך האָבען פאַר זיך עפּעס אַנ'אָביעקט, אַ געגענשטאַנד. אויב נישט, איז דאָס נישט קיין בעוואוסטזיין, נאָר אַ האַלוצינאַציע. דער אָביעקט פון נאַציאָנאַלען בעוואוסטזיין דאַרף דאָך זיין אַ נאַציע! און אָט וועגען דערדאָזיגער נאַציע פרעגען מיר דאָך: אויף וואָס שטיצט זי זיך, וואָס איז זי אַזוינס, אין וואָס דריקט זי זיך אויס? און אויב זי דריקט זיך אויס מעהר נישט אין דעם נאַציאָנאַלען בעוואוסטזיין, אין דעם נאַציאָנאַלען געפיהל, פרעגט זיך ווידער: פון וואָס ציהט דאָסדאָזיגע בעוואוסטזיין און דאָסדאָזיגע געפיהל זיין יניקה? פון וואַנען נעהמען זיי זיך? אויף וואָס האַלטען זיי זיך?

ווער עס איז נישט בכח צו געבען אַנ'ענטפער אויף די־דאָזיגע פראַגען, מיט דעם האָבען מיר מעהר נישט וועגען וואָס צו ריידען. אָבער אַנדערע גיבען יאָ אַנ'ענטפער. און מיט דעמדאָזיגען ענטפער מוז מען זיך רעכענען, ווייל ער ווערט געגעבען פון זעהר ערנסטע מענשען און ווייל צווישען דעם טרוקענעם שטרוי פון דער אידעאַליסטישער וועלט-אַנשויאונג קאָן מען ביי זיי געפינען אויך גאַנץ נוצליכע זאַנגען פון אַ געזונטען סאָציאָלאָגישען געדאַנק.

כּדי צו געבען דעמדאָזיגען ענטפער, העלפט מען זיך דוקא מיט דעמזעלבען בעגריף פון קולטור-געמיינשאַפט, וועגען וועלכען איך האָב פריהער גערעדט. אָבער מען מאַכט מיט איהם אַ גאַנץ וויכטיגע אָפּעראַציע: פון דער געגענוואַרט טראָגט מען איהם אַריבער אין דער פ ע ר ג אַ נ ג ע נ ה יי ט. מען איז מודה: אַ געמיינזאַמקייט איז איצט טאַקע נישטאָ, אָבער זי איז ג ע ו ו ע ן. און אויפ'ן סמך פון דעמדאָזיגען ג ע ו ו ע ז ע נ ע ם צוזאַמענבונד זאָגט מען: די יודען בילדען איין גאַנצעס עד היום.

איך וועל זיך דערלויבען צו ברענגען אַ גרעסערן אויסצוג פון דעמזעלבען בוך פון דובנאָוו, וואָס איך האָב שוין אויבען ציטירט, ווייל דערדאָזיגער שטאַנדפּונקט איז דאָרטען פאָרמולירט געוואָרען מיט דער גרעסטער בעשטימטקייט. איך ווייס נישט, צי

ו. מערעם.

דער מחבר וואָלט זיך היינט איינגאַנצען אונטערגעשריבען אונטער דעם, וואָס ער האָט דעמאָלט געזאָגט; דאָס איז אָבער פאַר מיר נישט נויטיג; וויכטיג איז, אַז אַ בעשטימטער געדאַנק איז דאָ אַרויסגעזאָגט געוואָרען מיט דער פולער קלאָרקייט, אויסגעהאַלטענקייט און ריינקייט. „אין וואָס בעשטעהט דער עצם פון דער יודישער נאַציאָנאַלער אידעע?—שרייבט דובנאָוו—אַנדערש גערעדט, פון וואָס בעשטעהט יענער צעמענט, וואָס פערבינדט און פעראייניגט אונז אין איין קאָמפּליצירטען אָרגאַניזם? די מאַטעריעלע סמנים פון אַ נאַציע—אַ טעריטאָריע און אַ מלוכה—האָבען מיר שוין לאַנג נישט. זיי זענען פערביטען מיט אַבסטראַקטע עלעמענטען: רעליגיע און אָבשטאַמונג. דאָס זענען, אָהן קיין שום ספק, מעכטיגע פאַקטאָרען, אָבער צי האַלטען זיי אַליין אונטער דעם נאַציאָנאַלען פערבאַנד פונ׳ם יודענטום? ניין. וואָרום אויב מיר וואָלטען דאָס אָנערקענט, וואָלטען מיר אויך געדאַרפט אָננעהמען, אַז דאָס אָבשוואַכען פון דעם רעליגיעזען עלעמענט ביי די פריידזיניגע יודען און פון די ראַסענבעזונדערהייטען אין די „קולטורעלע” שיכטען פונ׳ם יודענטום דאַרף פערהעלטניסמעסיג אָבשוואַכען אָדער אפילו איינגאַנצען אונטערגראָבען אונזערע נאַציאָנאַלע יסודות, און דאָס זעהען מיר אין דער ווירקליכקייט נישט. פערקעהרט, מיר זעהען געוועהנליך מענשען פראָגרעסיווע, אפילו רעליגיעז-גלייכגילטיגע און פריידזיניגע אינ׳ם אַוואַנגאַרד פון אַלע אונזערע נאַציאָנאַלע בעוועגונגען. וואָס-זשע בינדט זיי צוזאַמען מיט׳ן פאָלק, וואָס דאָס אָנגעהערן צו איהם איז על-פּי-רוב אַ גבורה, וועלכע ווערט גאַנץ אָפט פערבונדען מיט מסירת-נפש? עס איז, הייסט עס, פאַראַן עפּעס געמיינזאַמעס, עפּעס, וואָס נעהמט אַלץ אַרום, וואָס בינדט-צונויף אין איין גאַנצעס מענשען פון פערשידענסטע אָנשויאונגען און קולטור-צושטאַנדען. דאָסדאָזיגע „עפּעס” איז די געמיינזאַמקייט פון דעם היסטאָרישען גורל פון אַלע צוזייהטע טיילען פונ׳ם יודענטום. אונז בינדען-צונויף געמיינזאַמע זכרונות וועגען אונזער עבר, וואָס איז רייך אין געשעהענישען, וועגען אונזער אַמאָליגען רוהם, אונזערע פיעלהונדערט-יאָהריגע ליידען, אונזער קלאָגפולע נע-

ונד'עווען; עס פעראייניגט אונז די אונענדליכע קייט פון גלייכאַרטיגע איינדרוקען, וואָס זענען דורכגעלעבט געוואָרען פון אונזערע אבות, איינדרוקען, וואָס האָבען זיך אין פערלויף פון הונדערטער יאָהרען אָנגעקליבען אין דער יודישער נשמה און איבערגעלאָזט אין איהר אַ געוויסען פעסטען רעשט. מיט איין וואָרט, די אַליודישע נאַציאָנאַלע אידעע בעגרינדעט זיך הויפּטזעכליך אויפ'ן היסטאָרישען בעוואוסטזיין".

עס וואָלט געווען לעכערליך אָבצולייקענען יענעם בעדייטענדען אָרט, וועלכען עס פערנעהמט די „געמיינזאַמקייט פון היסטאָרישען גורל" סיי אינ'ם בעגריף „נאַציע", סיי אין דער עקזיסטענץ גופא פון דער נאַציע. פערקעהרט, גראָד מיר, וועלכע שטעהען אויפ'ן מאַטעריאַליסטישען שטאַנדפּונקט, שטרעבען אומעטום אַוועקצושטעלען אויפ'ן צענטראַלען אָרט אָנשטאָט די טויטע סטאַטיק—די לעבעדיגע דינאַמיק. און וואָס איז דאָס אַזוינס די דינאַמיק פון נאַציאָנאַלען לעבען, אויב נישט די געמיינזאַמקייט פונ'ם היסטאָרישען גורל?

עס איז זעלבסטפערשטענדליך: נאָר אויף אַזאַ אופן ווערט טאַקי בעשאַפען אַ נאַציע, נאָר אין דער קוזניע פון דער געשיכטע ווערט זי אויסגעשמידט, און אויב רענאַן, וואָס ווערט ציטירט פון דובנאָוו, זאָגט, אַז דער בעגריף „נאַציע" דאַרף אונבעדינגט האָבען אַלס פאָרבעדינג אַ געוויסע פערגאַנגענהייט, קלינגט דאָס אין אונזערע אויערן טאַקי ווי אַ זעלבסטפערשטענדליכקייט. געוויס קאָן אַ נאַציע נישט עקזיסטירען אָהן אַ פערגאַנגענהייט.

אָבער קאָן אַ נאַציע זיך שטיצען *בלויז* אויף פערגאַנגענהייט אַליין? אָט אין וואָס עס בעשטעהט די גאַנצע פראַגע. אַנ'איינהייטליכע יודישע נאַציע איז געווען. צי הייסט דאָס אָבער, אַז זי איז? ביי דובנאָוו בילדעט זיך, ווילענדיג-נישט-ווילענדיג, אַזאַ פאָרמולע פון נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ: „איך בין געווען,—הייסט עס, אַז איך בין." די היסטאָרישע פערגאַנגענהייט—דאָס איז „דער געזעלשאַפטליכער קאַפּיטאַל, אויף וועלכען עס איז געבויט די נאַציאָנאַלע אידעע"—זאָגט רענאַן—, דאָס איז די געמיינזאַמע ירושה." טויזענד מאָל גערעכט! אָבער אַ געמיינזאַמע

ירושה קאָן מען אָבהיטען אַלס גאַנצעס, מען קאָן זי פערמאָגען בשתּפות, אָבער מען קאָן זי אויך צוטיילען. און אין דעם בע-שטעהט די גאַנצע פראַגע: צי איז די ירושה צוטיילט געוואָ-רען, צי ווערט זי צוטיילט, אָדער נישט? וואָרוס אויב זי ווערט יאָ צוטיילט, ווערט ממילא אויך צוטיילט די נאַציע.

די בעדייטונג און די ראָלע פון דער געמיינזאַמקייט פון היסטאָרישען גורל איז קאָלאָסאַל. דער אייגענאַרטיגער היסטאָרי-שער גורל לאָזט זיך שפּירען נאָך לאַנג נאָכדעם, ווי דער גורל גופא איז אַוועק אין פערגאַנגענהייט. און ער לאָזט זיך שפּירען נישט אין דער געשטאַלט פון היסטאָרישער איבערלעבעניש, נישט אין דער געשטאַלט פון היסטאָרישען באַלאַסט, וואָס שלעפּט זיך נאָך אויפ'ן וועג פון דער נאַציע, ווי אַ שווערע משא, וואָס איז צוגעבונדען צו איהרע פיס; ניין, זיין ראָליע בעשטעהט קודם כל אין דעם, וואָס דער נאַציאָנאַלער קאָלעקטיוו, וועלכער איז דורך איהר געשאַפען געוואָרען, נעהמט-אַריין אויף זיין שטיי-גער און אַרבייט-איבער אויף זיין שטייגער דאָס אַלץ, וואָס איהם קומט-אויס אַריינצונעהמען אין זיך שפּעטער, בשעת ער טרינקט שוין פונ'ם בעכער פון דער „אַלגעמיינער" אָדער, ריכטי-גער געזאָגט, פרעמדער קולטור. עס ווערט בעשאַפען אַ ספּעציפיש נאַציאָנאַלע פּריזמע, און אַ דאַנק דערדאָזיגער פּריזמע דרינגען-אַריין די אייגענע פאַקטאָרען פון געזעלשאַפטליכען, פּאָליטישען און עקאָנאָמישען לעבען פון אַ לאַנד, וועלכע האָבען תּמיד אַ ווירקונג אויף אַלע נאַציעס פונ'ם לאַנד,—די אייגענע פאַקטאָרען דרינגען אַריין אין יעדע נאַציאָנאַלע סביבה אין אַנ'אַנדערש איבערגעבראָ-כענער פאָרם. די קאָנקרעטע היסטאָרישע אוצרות קאָנען אַוועק-שטאַרבען, אָבער דערדאָזיגער פאָרמאַלער עלעמענט פון היסטאָ-ריש-אייגענטימליכען אַנדערש-ווערען—דאָס, וואָס באויער האָט בע-צייכענט מיט'ן געלונגענעם טערמין „נאַציאָנאַלע אפּערצעפּציע"—דאָס בלייבט.

אָבער שוין פון דעם אַליין איז צו זעהען—, אַז מיר האָבען דאָ צו טהאָן מיט צוויי עלעמענטען: מיט דעם סוביעקט, וואָס האָט זיך אויסגעבילדעט אַלס רעזולטאַט פונ'ם „היסטאָרישען

גורל" און מיט יענעם נייעם לעבען, וואָס ער נעהמט אויף אין זיך. און די ווייטערדיגע עוואָלוציע ווערט בעשטימט דורך דער געגענזייטיגערווירקונג פון ביידע פאַקטאָרען. צוויי קינדער, וואָס האָבען בעקומען איין-און-דיזעלבע דערציהונג, וואָס האָבען אַנ'עהנליכען כאַראַקטער, האָבען אַ געמיינזאַמע גייסטיגע ירושה, דידאָזיגע צוויי קינדער, אַריינפאַלענדיג אין צוויי פערשידענע סביבות, ווערען פערשידענע מענשען, נישט-קוקענדיג דעריף, וואָס די אפערצעפּציע איז אַ גלייכע. עס איז דאָך אַזוי פשוט. די היסטאָרישע ירושה איז דאָך נישט אַזאַ פאָרם, וואָס איז פערגליווערט געוואָרען איין מאָל פאַר אַלעמאָל, די געשיכטע בלייבט נישט שטעהן אויף איין אָרט, דער „היסטאָרישער גורל"— דאָס איז נישט נאָר דאָס, וואָס איז געווען, נאָר אויך דאָס, וואָס איז, און דאָס, וואָס וועט זיין.

די געמיינזאַמע געשיכטע האָט אונז איבערגעלאָזט בירושה אַ רייה „איינדרוקען, וואָס קאָנען נישט אויסגעמעקט ווערען"; אָבער פון יענער צייט אָן זענען מיר זיך פונאַנדערגעגאַנגען אין פערשידענע זייטען און לעבען-איבער אַ ווייטערדיגע געשיכטע, אפילו נישט קיין געמיינזאַמע, נאָר פאָרט אַ געשיכטע; און זי לאָזט-איבער אויך אַזעלכע „איינדרוקען, וואָס קאָנען נישט אויסגעמעקט ווערען", און וואָס לעגען זיך אַרויף אַלס אַ נייע שיכט אויף די אַלטע, וואָס געהען-אַריין אַלס אַ בעשטאַנד-טייל אין אַלטען אויפנאַהם-אַפּאַראַט, מאָדיפיצירענדיג איהם, איבעראַרבייטענדיג איהם אויף דאָסניי. די געמיינזאַמע ירושה עוואָלוציאָנירט. און אויף וויפיעל זי עוואָלוציאָנירט צוטיילטערהייד, אין די הענד פון פערשידענע יורשים, אין פערשידענע לענדער, אין פערשידענע מלוכות, אין פערשידענע ווירטשאַפטליכע בעדינגונגען, אין דער אַטמאָספערע פון פערשידענע קולטורען,—איז גאַנץ קלאָר, וואָס פאַר אַ גורל זי וועט האָבען. דער איינער אָדער דער צווייטער יורש קאָן בכלל אָנווערען זיין ירושה און אַריבערגעהן אין אַ פרעמד הויז; וועגען זייריידען מיר נישט. אָבער אויך די, וואָס היטען-אָב דעם קאַפּיטאַל, קאָנען זיך פונאַנדערגעהן אויף גאָר פערשידענע וועגען; יעדער פון זיי וועט האָבען זיין הויז, אָבער איי-

נער פאַר'ן צווייטען וועלען זיי זיין פרעמד.

קנאַפּ ביישפּיעלען האָבען מיר געזעהן אין דער געשיכטע, וואָס פון אַמאָליגען געמיינזאַמען אָרגאַניזם האָבען זיך אויפ'ן וועג פון צוטיילונג אָדער אָבטיילונג געבילדעט גאַנץ נייע זעלבסט-שטענדיגע בעשעפּענישען. איך וועל אָנווייזען, למשל, אויף דער האָלענדישער נאַציע, אויף וועלכער עס פּעררופט זיך אגב אויך באוער. די האָלענדער זענען אַרויס פון דער דייטשער סביבה, אָבער „דער גורל פון דער האָלענדישער פאָלקסווירטשאַפט, וואָס איז געווען גאָר פערשידען אַנטקעגען דעם דייטשען גורל, האָט דאָרטען בעשאַפען אַנ'אייגענאַרטיגע קולטור; זייענדיג אָבגעטיילט פון די דייטשען אין ווירטשאַפטליכער און קולטורעלער הינזיכט, האָבען זיי איבערגעריסען די „פערקעהרס-געמיינשאַפט" מיט די דייטשע שבטים; די רינגען, וואָס פלעגען זיי פעראייניגען צווישען זיך, זענען געווען צו-ענג, די פעדים, וואָס פלעגען זיי צונויפבינדען מיט די איבעריגע דייטשע שבטים—צו-שוואַך; זיי האָבען זיך אַזוי-אַרום געשאַפען זייער אייגענע שפּראַך, אַלס אַ ווערקצייג פון זייער קולטור, און האָבען אויפגעהערט צו בעטייליגען זיך אינ'ם פּראָצעס פון דער קולטור-פעראייניגונג פון דער דייטשער נאַציע מיט דער הילף פון איין געמיינזאַמער דייטשער שפּראַך *).

דאָס אייגענע קומט איצט פאָר מיט'ן יודענטום. און אויב מען קאָן היינט נאָך נישט ריידען פון עטליכע יודישע נאַציעס, קאָן מען שוין נישט ריידען וועגען אַנ'איינהייטליכער יודישער נאַציע. צי דען פערפליכטעט אונז דער היסטאָרישער פּראָצעס, וואָס קומט-פאָר פאַר אונזער'ע אויגען.

גענויער געזאָגט: נישט וואָס קומט-פאָר, נאָר וואָס פערענדיגט זיך. ווארום עס וואָלט טאַקי געווען אַ מאָדנע זאַך, אויב ער וואָלט זיך ערשט אָנגעהויבען נאָך צוויי טויזענד יאָהר פון צושטרייאונג. ער האָט זיך צוגעגרייט אינ'ם גאַנצען משך פון

*) אָ. באוער: „נאַציאָנאַליטעטען-פראַגע און סאָציאַל-דעמאָקראַטיע" ז. [illegible]
150 (דייטשע אויסגאַבע).

דערדאָזיגער לאַנגער עפּאָכע. אָבער כּדי ער זאָל זיך קאָנען פערענדיגען, האָט געדאַרפט אָנקומען יענע קריטישע עפּאָכע, וועלכע עס האָט געבראַכט מיט זיך דאָס ניינצעהנטע יאָהרהונדערט. עס האָט זיך געדאַרפט אָנהויבען דאָס איבערבויען פון דעם גאַנצען נאַציאָנאַלען לעבען אויף נייע יסודות.

דאָס צווייטויזענד-יעהריגע לעבען אין צוזייהונג האָט געוויס צוגעגרייט די עלעמענטען פון צוטיילונג פון דער—אַמאָל איינהייטליכער—נאַציע. אָבער עס איז געווען ווענִיג. עס איז נאָך געווען נויטיג, אַז עס זאָל צוגעהן דער אייז פון מיטעלאַלטער, וואָס פלעגט צונויפשמידען דאָס, וואָס אָהן איהם האָט עס געדאַרפט צופאַלען. דאָס איז געווען דער אייז פון רעליגיעזער קולטור.

די „געמיינזאַמע ירושה" איז געווען פערפרוירען, קאָנסערווירט, אָבגעצוימט פון די איינפלוסען פון דער אויסערליכער וועלט; אַזעלכע איינצעלנע מאָמענטען, ווי דער יודיש-אַראַבישער פעריאָד, זענען געווען מעהר נישט ווי אויסנאַהמען. די רעליגיעזע קולטור פלעגט זיך פערנעהמען מיט זעלבסטבעשטעטיגונג, זעלבסטפערשטאַרקונג, זעלבסט-אַרומרינגלונג. זי פלעגט שעפען פון זיך אַליין; זי האָט נישט געוואוסט פון קיין עוואָלוציע. עס איז געווען אַ פער׳חתמ׳טע יודישע וועלט; אַ וועלט, פערשלאָסען מיט צוויי שלעסער: איינער, מיט וועלכען זי פלעגט זיך אַליין אָבצוימען פון דער פרעמדער וועלט, און אַ צווייטער, מיט וועלכען זי פלעגט יענע פרעמדע וועלט פערמאַכען אינ׳ם געטאָ די אין זיך פערשלאָסענע יודישע קבוצים, זייענדיג פונאַנדערגעוואָרפען איבער דער גאַנצער ערד, פלעגען נישט אַריינזויגען אין זיך די אויסערליכע קולטור, פלעגען אַראָבפיהרען צום מינימום איהר השפעה. זיי האָבען געמוזט זיך בעגעהן אָהן דער אויסערליכער וועלט און האָבען געקאָנט זיך בעגעהן אָהן איהר. און אַ דאַנק דעם איז פאַר זיי גרינגער געווען אָבצוהיטען זייער געגענזייטיגען פערבאַנד. עס איז פערהעלטניסמעסיג גרינג אָבצוהיטען דאָס, וואָס בעוועגט זיך נישט. די רעליגיעזע קולטור איז אַנ׳אונבעוועגליכע; און נישט נאָר דאָס: זייענדיג אַליין אונבע-

וועגליך, פערהאַלט זי די בעוועגונגען. און אויף וויפיעל דאָס קול-טורעלע לעבען פלעגט פאָרט אַריינדרינגען פון דרויסען, פלעגט זי זיך מוזען בעהאַלטען אויף די הינטערטרעפלעך; דאָס בכבוד'ע אָרט פלעגט געהערן דעם רעליגיעזען עלעמענט—דעם אונבעוועגליכען און פעראייניגליכען. דאָס איז געווען אַזוי נישט נאָר ביי יודען. דאָס אייגענע איז געווען מיט דער אינטערנאַציאָנאַלער הערשאַפט פון דער קאַטוילישער קירך, פון דער סכאָלאַסטישער וויסענשאַפט און לאַטיינישער שפּראַך: דער אייגענער אייזערנער רינג פון אוניוערסאַליזם, וואָס האָט געדריקט די פאָלקס-קולטור, הייסט עס—די נאַציאָנאַלע קולטור.

עס האָט געדאַרפט קומען דער הייסער ווינד פון XIV-טען יאָהרהונדערט, כדי צו צושמעלצען דעמדאָזיגען אייז-רינג. עס איז געפאַלען דאָס געטאָ, און עס האָבען זיך אַ לאָז-געטהאָן מיט אַ ברייטען שטראָם די איינפלוסען פון דער אויסערליכער וועלט. עס האָט זיך אָנגעהויבען דאָס קולטורעלע שאַפען, און די יודען האָט דאָסדאָזיגע שאַפען געדראָהט מיט אַ חורבן. דער אַלטער יסוד פון יודישער אייניגקייט, די רעליגיעזע קייט, האָט בעקומען אַ קלאַפּ, וואָס זי וועט איהם קיינמאָל נישט גובר-זיין. דאָס וועלט-ליך-ווערען פון דער קולטור האָט געשטעלט אין קאָן די עקזי-סטענץ פון די אַלטע קאָלעקטיווען.

אין זיין שאַרפער פאָרם, הייסט עס, איז דערדאָזיגער פּראָצעס נאָך אַ יונגער. ער האָט זיך אָנגעהויבען דעמאָלט, בעת עס איז אַוועקגעשטעלט געוואָרען אויף דער טאָגאָרדנונג די פראַגע וועגען די נייע יסודות פון נאַציאָנאַלען קיום, און בעת פון דעמדאָזיגען שטאַנדפּונקט האָט זיך געמוזט שטעלען צום עקזאַמען דאָס יודענטום אַלס גאַנצעס און זיינע איינצעלנע טיילען. און עס איז תיכף קלאָר געוואָרען: קיום איז אַוועקגעפאַלען דער אַלטער רינג,—אפילו נישט אַוועקגעפאַלען, אפילו בלויז אָבגע-שוואַכט געוואָרען—און עס איז אַוועק דער צעמענט: עס זענען געבליבען נאָר איינצעלנע ציגעל. אַ גאַנצע רייה פון דידאָזיגע ציגעל זענען שוין אָבגעפאַלען, ווייל זיי האָבען זיך געהאַלטען נאָר ביי דער קראַפט פון געטאָ; נאָר דאָס געטאָ אַליין האָט אין

זיך געהאַט יענע פעראייניגונגס-קראַפט, וואָס פלעגט צושמידען די מזרח-ציגעל צו די מערב'דיגע. דער באַנד איז אַראָב און דער תהום איז אָפען.

אמת, מיר ווייסען, אַז אויך דאָרטען, פון יענער זייט תהום האָט זיך אָנגעהויבען אַ „קאַצעניאָמער", אַז אויך די אַסימילירטע איינראָפּעער האָבען אין זיך דערשפירט אַ ציה צו די „ליידענדיגע ברידער אין מזרח". אָבער דאָס בייט נישט די זאַך. אָנשטאָט דעם וואַרימען ווינד פון ליבעראַליזם האָט אַ בלאָז געטהאָן דער אייזיגער ווינד פון אַנטיסעמיטיזם, ער האָט אַ בלאָז און אַ שטויס געטהאָן, אָבער וואו אַהין זיך אָבצושטויסען האָבען זיי פאָרט נישט. דער פערבאַנד מיט דעם מזרח-יודענטום איז איבערגעריסען; בעשאַפען אַ זעלבסטשטענדיג נאַציאָנאַל לעבען זענען זיי נישט בכח. בלייבט מעהר נישט די בענקשאַפט נאָך אַ נאַציאָנאַלען לעבען. און דער מאַנגעל פון אַזאַ לעבען. דאָס איז אַנ'אמת טראַגישער קאָנפליקט: עס איז דאָ אַ נאַציאָנאַל בעוואוסטזיין און עס איז נישטאָ קיין נאַציאָנאַל זיין. אָבער אַנ'אויסוועג פון דעמדאָזיגען קאָנפליקט איז נישטאָ. ווייל אין עצם איז דאָס פאָרט נישט קיין טייל פון אַ יודישער נאַציע, נאָר טיילען פון דער פראַנצויזישער אָדער דייטשער נאַציע, וואָס ווילען ווערען צוריק יודען—און קאָנען דאָס נישט. ווי אינטענסיוו זאָלען נישט זיין דידאָזיגע וואונשען,—זענען דאָס פאָרט געוויקסען, וואָס טראָגען בלומען, נאָר נישט קיין פרוכטען. און עס איז קיין חידוש נישט, אַז זיי זענען אָדער ציוניסטען, אָדער... אַסימילאַטאָרען. זיי האָבען נישט קיין אַנדער ברירה. די אידעע פון דער איינהייט קאָן נישט פערבייטען די איינהייט גופא.

וואָלטען זיי, דידאָזיגע מערב-יודען, אָדער ווייניגסטענס אַ בעדייטענדיגער טייל פון זיי, פאָרגעשטעלט מיט זיך אַ קאָמפּאַקטע גרויסע מאַסע, וואָס זאָל בילדען אַ מעהר אָדער ווייניגער געשלאָסענע סביבה; וואָלטען זיי געהאַט אַ געמיינזאַמע שפּראַך, וואָס פעראייניגט זיי צווישען זיך און טיילט זיי אָב פון אַנדערע פעלקער, דעמאָלט וואָלטען מיר געקאָנט זיך ריכטען דערויף, אַז אויך צווישען זיי וועט זיך אָנהויבען דער אייגענער פּראָצעס

פון רעאַלער נאַציאָנאַלער אויפלעבונג, וואָס מיר זעהען ביי זיך אין דערהיים. און דעמאָלט וואָלט זיך אין מערב געבילדעט אַ בעזונדערע יודישע נאַציע, וואָס וואָלט זיך אונטערשיידען סיי פון די אַרומיגע פעלקער, סיי פון דעם מזרח-יודענטום. אָבער דאָס אַלץ „וואָלט נאָר" געווען, אין דער ווירקליכקייט איז נישטאָ קיין איינע פון די אָנגעוויזענע בעדינגונגען, און דעריבער זענען זייערע נאַציאָנאַלע שטרעמונגען מעהר נישט ווי פּראָבען צו גאַלוואַניזירען אַ מת. אַלענפאַלס קאָן מען ביי קיין פאַל נישט ריידען וועגען דעם, אַז זיי בילדען צוזאַמען מיט אונז אַן׳אייני-הייטליכע יודישע נאַציע, וואָרום ווען זיי וואָלטען אפילו נישט שטאַרבען, וואָלטען זיי פאַר אונז געווען אַ פרעמדער אָרגאַניזם.

עהנליך האַלט עס מיט יענע קליינע גרופּען יודען, וועלכע פערמאָגען זייער בעזונדערן „זשאַרגאָן"—דעם שפּאַניאָלישען. צי זיי זענען פעהיג צו אַ קולטורעלער אויפלעבונג, וועגען דעם וויל איך נישט אורטיילען, אָבער אויך פאַר זיי שטעהען אָפען בלויז דיזעלבע צוויי וועגען: אָדער אַריינגעהן אינ׳ם בעשטאַנד פון די אַרומיגע פעלקער, אָדער בילדען אַ בעזונדערע יודישע נאַציע, וועלכע וועט מיט זיך פאָרשטעלען אַן׳אייגענעם קולטור-קאָלעקטיוו, וואָס וועט זיין אינגאַנצען אָבגעטיילט און פערשידען פון אונזער „מזרח-יודענטום".

מעהר פערפּלאָנטערט איז די זאַך מיט דעמדאָזיגען מזרח-יודענטום גופא—דעם רוסישען, פּוילישען, בוקאָווינישען, רומעני-שען; אַהער געהערן אויך יענע צווייגען, וואָס טיילען זיך פון איהם אָב אינ׳ם פּראָצעס פון עמיגראַציע: דאָס יודענטום פון צפון-אַמעריקאַ, פונ׳ם לאָנדאָנער ווייטשעפּעל, פון די פּאַריזער יודישע קוואַרטאַלען, פון דרום-אַפריקאַ, אַרגענטינאַ א. אַ. וו.

אויב מען וועט צוקומען צו דערדאָזיגער פראַגע פונ׳ם שטאַנדפּונקט פון סטאַטיק, שטויסט מען זיך די מינוט אָן אויף אַ וואַנד. קיינער וועט נישט זיין אַזאַ פּעטישיסט פון מלוכה-גרע-ניצען, אום צו זאָגען, אַז די יודען פון וואַרשא און פון קראָקוי געהערן צו צוויי פערשידענע נאַציעס, די יודען פון לאָנדאָן—צו אַ דריטער און די יודען פון ניו-יאָרק צו אַ פיערטער. דאָס

וואָלט געקלונגען ווי אַ שפּאַס, פּונקט אַזוי ווי אַ שפּאַס וואָלט געוועז צו טענה׳ן, אַז אויפ׳ן צווייטען טאָג נאָך דער צוטיילונג פון פּוילען האָט זיך דאָס פּוילישע יודענטום, וואָס איז געווען מיט אַ טאָג פריהער איינוג, אויפגעכאַפּט אין אַ שענעם פריהמאָרגען אין אַ געשטאַלט פון דריי יודישע נאַציעס. דאָס זענען אַלץ זעהר לעכערליכע זאַכען, אָבער בלויז אַזוי לאַנג ווי מיר בלייבען אויפ׳ן סטאַטישען שטאַנדפּונקט. קוים וואַרפען מיר אָבער אַ קוק אויף דער דינאַמיק, בעקומט די זאַך אַנ׳אַנדער אויסזעהן.

דעם צווייטען טאָג נאָכ׳ן צוטיילען פּוילען איז נישט געווען קיין אונטערשיד צווישען אַ יודען פון וואַרשא און קראָקוי. אָבער פאָהרט איצט קיין וואַרשא און קראָקוי, און איהר וועט זעהן, אַז אַנ׳אונטערשיד איז דאָ. אמת, דער אונטערשיד איז נישט קיין גרויסער, אָבער ער איז גרעסער ווי מיט הונדערט יאָהר צוריק. הייסט עס, ער איז אויסגעוואַקסען, און ער וואַקסט ווייטער. און ער וועט וואַקסען, אויף וויפיעל דער „היסטאָרישער גורל” האָט אויפגעהערט צו זיין אַ געמיינזאַמער. ער האָט נאָך נישט געקאָנט אויסוואַקסען, ווייל דאָס גאַליציאַנער און בוקאָווינער יודענטום איז עד־היום נאָך נישט אַרויס פון זיין אונבעוועגליכקייט, פון׳ם צושטאַנד פון קולטור־פערגליווערונג, און דאָס רוסישע יודענטום הויבט אויך ערשט אָן אַרויסצוגעהן פון דעמדאָזיגען צושטאַנד. אָבער ווער קאָן גאַראַנטירען, אין וועלכער זייט אָדער אין וועלכע זייטען עס וועט איהם שטופּען דער אינטענסיווער טעמפּ פון היסטאָרישער ענטוויקלונג. איך וויל נישט זאָגען קיין נביאות, ווייל עס איז דאָ פאַרהאַן גענוג ראיות, אַז דידאָזיגע איינוגקייט קאָן בלייבען אָדער ווידער אויפגעשטעלט ווערען: די טעריטאָריאַלע שכנה׳שאַפט, די עהנליכקייט פון דער אַרומיגער סביבה און—וואָס איז אפשר דאָס וויכטיגסטע—די געמיינזאַמקייט פון דער שפּראַך. ביי אַ שפּראַכליכער איינהייטליכקייט, ביי דער עקזיסטירענדיגער טענדענץ צו פערברייטערן דעם יסוד פון קולטורעלען לעבען, צו פערגרעסערן דעם קולטור־מאַרק, אויפ׳ן סמך פון ע ה נ ל י כ ק י י ט פון לעבען קאָן זיך איינשטעלען די ג ע מ י י נ ז אַ מ ק י י ט פון לעבען, דאָס הייסט די נאַציאָנאַלע

איינהייט. צי דאָס וועט זיין אַזוי אָדער נישט—ווייס איך נישט,
און אויב איך האָב אָנגעריהרט דידאָזיגע פראַגע, איז דאָס נאָר
צום געגענגעוויכט אַנטקעגען די-יעניגע, וועלכע אינ׳ם בלויזען
אַוועקשטעלען פון אַזאַ פראַגע זעהען אַ פערשוועכונג פון איהר
מאַיעסטעט דער נאַציאָנאַלער אידעע.

אַנדערש האַלט עס שוין מיט צפון-אַמעריקאַ, אַפריקאַ, אַר-
גענטינאַ. אמת, אויב מיר וועלען בלייבען ביי דער סטאַטיק, ווע-
לען מיר אויך דאָ קומען צו דיזעלבע קאָמישע זאַכען: נישט שוין-
זשע ווערען די אַלע ליטווישע און פוילישע יודען, מיט וועלכע מיר
האָבען נאָר-וואָס געלעבט צוזאַמען, מיט וועלכע מיר האָבען צו-
זאַמען געאַרבייט, צוזאַמען זיך ענטוויקעלט, מיט וועלכע מיר זע-
נען צונויפגעבונדען דורך טויזענדער קולטור-פעדים—נישט שוין-
זשע ווערען פאַר אונז נאַציאָנאַל פרעמד די אַלע נאָהענטע, בע-
קאַנטע, אייגענע מענשען, קוים פאָהרען זיי אַריבער איבער׳ן ים?
שוין-זשע הערען זיי אויף צו זיין מיטגלידער פון דער אייגענער
רעאַלער יודישער נאַציע, אונזער נאַציע, וועלכע מיר פיהלען ווי
אַ לעבעדיגען קאָלעקטיוו? ס׳איז דאָך אַ געלעכטער? געוויס. אָבער
נעהמט די אייגענע יודען, וואָס זענען אַוועקגעפאָהרען מיט 30
יאָהר צוריק און גיט אַ קוק אויף זייערע קינדער, און איהר וועט
אויפהערען צו שמייכלען. דאָס זענען שוין נישט קיין קאָמישע זאַ-
כען; דאָ שטעלט זיך שוין אַוועק אַן׳ערנסטע פראַגע. און דאָס איז
בנוגע צו דעם צווייטען דור. און וואָס וועט זיין מיט׳ן דריטען?
אין דער היינטיגער צייט, בעת דאָס אַמעריקאַנער יודענטום בע-
שטעהט אין זיין גרעסטער מעהרהייט פון מענשען, וואָס זענען
נאָר-וואָס געקומען פון רוסלאַנד, און בעת דער אָנגעשוואָלענער
טייך פון עמיגראַציע גיסט דאָרטען אַריין אַלע יאָהר קאָלאָסאַלע
שטראָמען פון „גרינע”, האַלט זיך די נאַציאָנאַלע איינהייט;
האַלט זיך ממש פיזיש. אָבער אַזוי איז עס איצט, ווען דאָס
אַמעריקאַנער יודענטום געפינט זיך היסטאָריש נאָך אין זיינע
קינדעריאָהרען. אָבער עס וועט אונטערוואַקסען דער צווייטער,
דער דריטער, דער פיערטער דור; פון דער אַנדער זייט וועט די
עמיגראַציע שוואַכער ווערען; און אויב זי וואָלט אפילו נישט

שוואַכער ווערען אַבסאָלוט, ווערט פונדעסטוועגען דער פּראָצענט פון ניי-אָנקומענדיגע אַנטקעגען דעם עכטען אַמעריקאַניש-יודישען קערן פאַלען—די ניי-אָנגעקומענע וועלען צוגעהן צווישען די אַלטע. די אידעאישע פערבינדונג מיט רוסלאַנד ווערט שוואַכער אויף אונזערע אויגען. דאָס קאָלאָסאַלע אַמעריקאַנער לעבען מיט זיין מורא׳דיגער אינטענסיווקייט נעהמט-אַרום עס און מאָהלט-איבער. דאָס הייסט נאָך נישט, אַז די אַמעריקאַנער יודען מוזען נישט אַנדערש זיך פערוואַנדלען אין יענקיס, אָבער דאָס הייסט, אַז עס בילדעט זיך דאָרט אַ טיפּ פון אַמעריקאַנער יודענטום, וועלבער טיילט זיך אַלץ מעהר אָב פונ׳ם רוסישען יודענטום און וועלכער קאָן זיך פאָרמירען אין אַ נייעם נאַציאָנאַלען טיפּ.

שוין איצט זענען פאַרהאַן אינ׳ם יודיש-אַמעריקאַנישען לעבען מורא׳דיג פיעל זאַכען, וואָס זענען אונז פרעמד; ס׳איז גענוג דורכצומישען זייערע צייטונגען! שוין איצט בייט זיך די שפּראַך, פערענגלישט זיך. און דאָס איז אין פערלויף פון ווייניגע יאָהרען. וואָס-זשע וועט זיין ווייטער? צי וועט דערדאָזיגער פּראָצעס נישט געהן אַלץ ווייטער און ווייטער, און צי וועט ער נישט דערגעהן ביז׳ן סוף?

אויך דאָ פערנעהם איך זיך נישט מיט נביאות-זאָגען. אָבער איך זעה, אַז די טענדענץ איז איצט דווקא אַזאַ. אַזאַ איז די דינאַמיק.

דאָס אייגענע קומט-פאָר אין אַפריקאַ, דאָס אייגענע אין אַרגענטינאַ, אומעטום שטעהען די אייגענע צוויי אַלטערנאַטיוען: אַסימילאַציע אָדער אַ בעזונדערע נאַציע. און די דריטע מעגליכקייט—דאָס פערבלייבען אין נאַציאָנאַלער איינהייט מיט דעם אַלטען מוטערלאַנד—ווערט אַלץ מעהר און מעהר נעבעלדיג. צי קאָן מען ביי אַזעלכע בעדינגונגען ריידען וועגען דעם אַלוועלטליכען יודענטום ווי וועגען אַ דינאַמיש-רעאַלער זאַך?

דאָס אַלוועלטליכע יודענטום איז געוואָרען אַ פיקציע. דאָס רעאַלע לעבען קאָנצענטרירט זיך אין זייגע איינצעלנע טיילען. זיי לעבען לויט זייערע געזעצען, אַרונטערפאַלענדיג אונטער זייער גורל, און וואָס פאַר אַ נייע קאָמבינאַציעס עס וועלען זיך

ז. מעדעם.

בילדען פון זיי, ווענדט זיך בלויז אָן דעם גורל פון יעדען בע־זונדערן טייל. אָט דאָס זענען יענע רעאַלע זאַכען, מיט וועלכע מען מוז אָפּעריךען, דאָס איז דער באַזיס פון דער אַרבייט, דאָס איז דער גרונדשטיין. די איינצעלנע טיילען—דאָס זענען די רע־אַלע קאָלעקטיוען, אויף וועלכע מען קאָן בויען. דאָס אַלוועל־טליכע יודענטום—דאָס איז אַנ׳אַבסטראַקציע, און דערצו אַ פער־עלטערטע. אויף אַנ׳אַבסטראַקציע קאָן מען בויען נאָר לופט־שלעסער.

II.

אבער ביי אונז האָט מען ליעב צו בויען לופט-שלע-סער. עס בויען זיי סיי די אַסימילאַטאָרען, סיי די נאַציאָנאַליסטען. און אין דעם בעשטעהט טאַקע דער פאַטאַלער גורל סיי פון די ערשטע, סיי פון די צווייטע: עס איז זיי בעשערט דאָסדאָזיגע טרויעריגע בויען. און אפילו דעמאָלט, ווען זיי טהוען אַ נוצליכע זאַך, געהען זיי אַרויס פון „לופט"-פּאָרויסזעצונגען. וויפיעל שאָדען ברענגט דאָס!

איך בין מיך נישט מכין זיך צו פערנעהמען מיט רייניגען די אַסימילאַטאָרען. איך האָף אויך נישט, אַז די נאַציאָנאַליסטען וועלען „קומען צום שכל". אַ בעשטימטע אינטעליגענטיש-בירגערליכע סביבה, פון וועלכער עס וואַקסט הויפּטזעכליך אַרויס דער היינטיגער יודישער נאַציאָנאַליזם, דאַרף האָבען געוויסע מעהר אָדער ווייניגער נעבעלדיגע אידעאַליסטישע פּאָרויסזעצונגען און קאָן זיך נישט בעגעהן אָהן די פערשידענע אַבסטראַקציעס, וואָס בעציערען איהר אידעאיש האָב און גוטס. אָבער דערדאָזיגער נאַציאָנאַליזם פערנעהמט פונדעסטוועגען אַנ'אָנגעזעהענעם אָרט אין דער מאָדערנער קולטור-בעוועגונג פונ'ם יודענטום — נישט אין אַלע זיינע געשטאַלטען, נאָר אַלענפאַלס אין עטליכע זיינע שטרעמונגען. איך זעה פאָראויס, אַז פּראַקטיש, ביי דער גאַנצער פערשידענהייט פון די פּרינציפּיעלע אויסגאַנגס-פּונקטען, וועלען מיר פאָרט אין אַ רייה פראַגען זיין פערבינדעט, אין דידאָזיגע

פראַגען וועט זייער ערפאָלג זיין אונזער עהפאָלג. אָבער דער נויטוועגדיגער תנאי פון ערפאָלג איז—כֿאָטש אַ טיילווייזעס פטור-ווערען פונ׳ם באַלאַסט.

דער פּרינציפּ פון אַלוועלטליך־יודישען נאַציאָנאַלען בויען איז איינס פון יענע געוויכטען, אָהן וועלכֿע דער נאַציאָנאַליזם וואָלט זיך געקאָנט, ווי מיר דאַכֿט זיך, גאַנץ גוט בעגעהן. און וועגען דעם, אַז מען מוז עס אַוועקוואַרפען, דאַרף איך נישט ריידען קיין סך.

וואו אַהין שלעפּט דאָסדאָזיגע געוויכֿט? עס קלינגט פּאַראַדאָקסאַל: עס שלעפּט נישט אַראָב, נאָר אַרויף. אַזאַ טבע האָבען שוין די נאַציאָנאַליסטישע געוויכטען: זיי ציהען אַוועק פון דער ערד, אין די וואָלקענלאָזע הימלען פון אַבסטראַקציע.

וואָס איז טייער פאַר אַ נאַציאָנאַליסט, פאַר אַ מענשען, וואָס אין יסוד פון זיין אַרבייט ליעגט די נאַציאָנאַלע אידעע? פאַר איהם איז טייער דאָס, וואָס עס שטעלט־פאָר מיט זיך אַ נאַציאָנאַלען ווערט. און ס׳איז געוועהנליך דאָס, וואָס עס פעראייניגט די גאַנצע נאַציע, דאָס, וואָס איז פאַר איהר געמיינזאַם, דאָס, וואָס מען קאָן אַרויסטראָגען פון די קלאַמערן. דאָסדאָזיגע געמיינזאַמע ווערט קולטיווירט, וועגען איהם זאָרגט מען, איהם מאַכֿט מען פאַר אַ געגענשטאַנד פון געזעלשאַפטליכֿען קולט. און עס איז קלאָר, אַז דאָס אַרויסטראָגען פון די קלאַמערן (און, הייסט עס, דאָס אַוועקשטעלען אויפ׳ן פּיעדעסטאַל) די אָדער יענע זאַך הענגט אָב פון דעם, מיט וואָס פאַר אַ קרייז מען צייכענט אַרום די גרעניצען פון נאַציאָנאַלען קאָלעקטיוו. אויב אַ בעוועגונג געהט אַרויס, למשל, פון דער אויפגאַבע צו פערווירקליכֿען דאָס נאַציאָנאַלע אויפלעבען פונ׳ם רוסישען—אָדער לאָמיר אפילו זאָגען—פונ׳ם מזרח-יודענטום, דעמאָלט וועלען אַרויסגעטראָגען ווערען פון די קלאַמערן אַזעלכֿע קולטור-פאַקטאָרען, ווי די שפּראַך (דער „זשאַרגאָן"), די ליטעראַטור, וואָס איז געשאַפען געוואָרען אין דערדאָזיגער שפּראַך, די פאָלקס-שול, וואָס בויט זיך אויפ׳ן זעלבען יסוד, די פאָלקס-קונסט, דאָס טעאַטער א. אַז. ו.—אַלץ פאַקטאָרען, וואָס זענען מורא׳דיג וויכֿטיג און נויטי-

פאַקטאָרען, וואָס זיי דאַרף אָבגעגעבען ווערען די גאַנצע קולטור־עלע און אויפקלערונגס־ענערגיע. נאָר קוים פערברייטערן מיר דעם אָביעקט פון אַרבייט ביז די גרעניצען פון אַן׳אַלוועלטליכער יודישער נאַציע, ענדערט זיך אינגאַנצען די זאַך. פון די אַלע זאַכען, וואָס מיר האָבען נאָר־וואָס אויסגערעכענט, קאָן שוין קיין איינע נישט אַרויסגעטראָגען ווערען פון די קלאַמערן. ווייל דאָס זענען נישט אַזעלכע עלעמענטען, וואָס פעראייניגען אַלעמען. פערקעהרט, נישט נאָר וואָס זיי פעראייניגען נישט, נאָר זיי צוטיילען, און זיי קאָנען, הייסט עס, נישט פרעטענדירען אויף אַן׳אַלגעמיין־נאַציאָנאַלער ראָלע. מען מוז זוכען אַנדערע. און דידאָזיגע אַנדערע וועלען זיין: די רעליגיע, די העברעאישע שפּראַך און, אַלס צוגאָב, די אַבסטראַקטע אידעע פון סתם נאַציאָנאַלער איינהייט. און אַזוי־אַרום ווערען איבערגערוקט אַלע פערספּעקטיווען. דאָס, וואָס איז געווען וויכטיג, טרעט־אָב אויפ׳ן לעצטען אָרט; דאָס, וואָס איז געווען הינטען, רוקט זיך אַרויס אויף דעם ערשטען פּלאַץ. די רעליגיע און די העברעאישע שפּראַך טרעטען־אַרויס אין דער ראָלע פון אַלגעמיין־נאַציאָנאַלע פאַקטאָרען און שפּיעלען, הייסט עס, פון נאַציאָנאַליסטישען שטאַנדפּונקט די ערשטע ראָלע. די יודישע שפּראַך אָבער, די יודישע ליטעראַטור, די יודישע פאָלקס־קולטור,—דאָס זענען אַלץ אַזעלכע זאַכען, איבער וועלכע מען פיהרט ווייטער אַן׳אַרבייט, וועלכע מען האָט ווייטער ליעב, אויף וועלכע מען קאָן אָבער שוין נישט קוקען ווי אויף אַלגעמיין־נאַציאָנאַלע ווערטען. נישט אויף זיי האַלט זיך די נאַציאָנאַלע איינהייט, נישט זיי געהערט די ראָלע פון דער נאַציאָנאַלער פאָהן. און אויב מען לאָזט זיי פאָרט איבער בירגערליכע רעכט, זענען דאָס בלויז רעכט פון אַ בירגער פון צווייטען סאָרט. און אַזוי ווערט בעשאַפען אַ משונה׳דיגע אַנטקעגענשטעלונג פון דער נאַציאָנאַלער שפּראַך צו דער פאָלקס־שפּראַך, פון דער שפּראַך פון נאַציאָנאַלער איינהייט און דער שפּראַך פון נאַציאָנאַלען לעבען; אַ סתירה צווישען דער נאַציאָנאַלער אידעע און דער פאָלקס־קולטור. און עס בלייבט אָהן דער נאַציאָנאַלער סאַנקציע דאָס, וואָס האָט בעקומען אין דער

ווירקליכקייט די העכסטע סאַנקציע, וועלכע עס קאָן נאָר זיין,— די סאַנקציע פון לעבעדיגען לעבען.

אומעטום געהט־אַדורך דערדאָזיגער דואַליזם פון „נאַציאָנאַלען" און „פאָלקישען". אינ'ם בעסטען פאַל שטעלט מען זיי אַוועק אויף איין ברעטעל. אָבער געוועהנליך ווערט דאָס „פאָלקישע" געצוואונגען אַראָבצולאָזען זיך מיט דרך־ארץ אויף די קניה פאַר דעם אַלטען פעטיש. און מען טאָר נישט דערקלערן דעם־דאָזיגען פעטיש אַ קאַמף. מען טאָר נישט—און דער קאַמף איז אַזוי נויטיג, ווייל דער פעטיש האַלט זיך פעסט פאַר זיין לייבּלאָזען קיום און פערטיידיגט איהם מיט דער גרעסטער ענערגיע. ער קווענקעלט זיך נישט. ער מעג אַלץ. אַ קלאַפּ נאָך אַ קלאַפּ דערלאַנגט ער זיין געגנער, וואָס שטעהט אין אַ העפליכער פאָזע און לאָזט שיטען אויף זיך דעם האָגעל פון וויצען און חוזק־מאַכעריי.

דערדאָזיגער דואַליזם דערפרעסט אין וואָרצעל די נאַציאָנאַלע בעוועגונג, פאַראַליזירט די כחות, טויט־אָב די ענטשלאָסענהייט. ער בעשאַפט אַ קולט פון פאַרצייטיגע זאַכען, ער בעשאַפט אַנ'אָבשטויסענדיגע צבוע'צטווע, צוליעב וועלכער פרייזיניגע אפיקורסים טהוען־אָן אויף זיך אַ מאַסקע פון פאַלשער פרומקייט; ער ברענגט די לעבעדיגע שפּראַך אַלס קרבן לטובת דער טויטער; עס איז איהם נויטיג, אַז דידאָזיגע לעבעדיגע שפּראַך זאָל זיך נישט קאָנען אַרויסכאַפּען פון דער בלאָטע פון פעראַכטונג, אין וועלכער מען האָט זי אַריינגעוואָרפען. וואָס קאָסט אַליין די נויטווענדיגקייט צו פיהרען אין דער אייגענער יודישער סביבה אַ קאַמף פאַר דער אייגענער מוטער־שפּראַך! פערשטעהט זיך, אַז דערדאָזיגער קאַמף ווערט אַרויסגערופען נישט פונ'ם דואַליזם אַליין, נאָר אין וואָסער מאָס ווערט זי דורך דעם פערשוועכט! שוין דאָס אַליין, וואָס די פאָלקס־שפּראַך דערוועגט זיך עד־היום נישט אָנצורופען זיך מיט'ן נאָמען נאַציאָנאַלע שפּראַך! עס געהט דאָ נישט אין טיטלען. נאָר דער טיטעל האָט אַ סימבאָלישע בעדייטונג. און דער אָבזאָג פון טיטעל סימבאָליזירט אַ בעשטימטע בעציהונג: דו ביזט אַלץ נאָך נישט קיין אמת'ע שפּראַך, אַלץ

נאָך „נישט דאָס״, אַלץ נאָך אַ דיענסט-מיידעל. און אַזוי איז עס מיט אַלעם. די לעבעדיגע בעדערפנישען פונ׳ם לעבען ווערען פעריאָגט; דעם כסא הכבוד פערנעהמען די שאָטענס.

איך זאָג נאָכאַמאָל: בלויז אין בעסטען פאַל איז מען מכבד דאָס לעבעדיגע לעבען מיט אַנ׳אָרט נעבען די שאָטענס. און דערדאָזיגער בעסטער פאַל איז אויך גענוג קלאָגעדיג, ווייל ביי דער אָרימקייט פונ׳ם יודישען קולטור-לעבען, ביי דעם כראָנישען קריזיס, וואָס זי לעבט-איבער, ביי דער מאַסע מניעות, וואָס איהר קומט-אויס צו בעקעמפען, קאָן מען קלערען וועגען אַנ׳ערפאָלג נאָר דעמאָלט, ווען אַלע כחות פון דער קולטור-בעוועגונג וועלען פעראייניגט ווערען אין איין אויפגאַבע; עס איז נויטיג אַ קאָנצענטראַציע פון אויפמערקזאַמקייט, אַ מאַקסימום פון איינשפּאָרען זיך; ס׳איז נויטיג אַ מאָניזם. אַלץ דאַרף געהן אין איין וועג. עס פאָדערט זיך גרויסע עקשנות. עס פאָדערט זיך אַ פאַנאַטיזם פון קולטור־אַרבייט, אַ קאַמפּס-פאַנאַטיזם, וואָס ווייס נישט פון קיין שום פשרות, אַ קאַמפּס-שטימונג, וואָס ווייסט נישט פון קיין שום פעטישען און וואָס שלאָגט אַלץ, וואָס שטעלט זיך איהר קעגען אין וועג. און אויב עס שטעהט נישט אויפ׳ן וועג, אויב עס שטעהט ביים וועג,—פאַרביי! אַראָב דעם היטעל פאַר איהם, אויב דאָס איז אַ חשוב׳ער זקן, און—פאַרביי! ווער עס איז נישט מיט אונז, דער איז געגען אונז!

III.

אויפ'ן געביט פון געזעלשאַפטליך־אָרגאַניזאַטאָרישען בויען לאָזט זיך פיהלען דערזעלבער פעטישיזם, דערזעלבער דראַנג פון דער ערד אין די הימלען אַריין. אָט דאָ קומט טאַקי אויס מעהרסטענטיילס צו הערען דעם פאָרוואורף וועגען איידקונגען און אַלעקסאַנדראָוו. אַלץ דער אייגענער קאָנטראַסט צווישען אַ לעַ־בעדיגער רעאַלער זאַך און אַ חשוב'ען שאָטען. אַ לעבעדיגע אַר־בייט ביי די איינע, אַנ'אַבסטראַקטע נאַציאָנאַלע אידעע ביי די צווייטע.

פון שטאַנדפונקט פון דער אַבסטראַקטער אידעע איז די זאַך אַ פשוט'ע: אַז דו בויסט, זעה צו בויען אויף אַלגעמיין־נאַ־ציאָנאַלע יסודות. אויב עס איז נאָר פאַרהאַן אַנ'אויסערליכע מעגליכקייט. דאָס בויען אין אַנ'אַנדער מאַסשטאַב—דאָס איז איי־גענטליך מעהר נישט ווי אָפּאָרטוניזם, פשרה, מכה, וואָס מען דולדעט צייטווייליג, מעהר נישט.

פון אונזער שטאַנדפונקט אָבער איז אַזאַ פעראיינפאַכטע סכעמע לגמרי אונמעגליך. יעדע אָרגאַניזאַציע מוז בעדיענען בע־שטימטע לעבענס-בעדערפנישען. לויט דעמדאָזיגען צוועק מוז זי געבויט ווערען: צוועקמעסיג. און אין הסכם מיט דעם ווערט בעשטימט איהר קרייז און איהרע פאָרמען.

בעת עס האַנדעלט זיך, למשל, וועגען אַ ריין קולטורעלער געזעלשאַפט, איז גאָרנישט נויטיג זיך צו האַלטען דורכאויס אָן די מלוכה-ראַהמען; אַ געוויסע געמיינזאַמקייט פון קולטור-אַרבייט איז מעגליך פאַר׳ן גאַנצען „מזרח״-יודענטום, למשל, אויפ׳ן פילאָלאָגישען געביט: די אַרבייט צו ענטוויקלען די יודישע שפראַך, איינצושטעלען אַן׳אַלגעמיין אָנערקענטע גראַמאַטיק א. ד. גל. דאָס הויבט קיינער נישט אָן צו לייקענען. אָבער אַן׳אַלגעמיין-יודישען כאַראַקטער וועט אפילו אַזאַ חברה נישט טראָגען, ווייל זי וועט אַרומנעהמען נאָר יענע יודען, וואָס ריידען „זשאַרגאָן״.

איבעריגענס, אפילו אויפ׳ן ריין-קולטורעלען געביט קאָנען אַזעלכע אינטער-מלוכה׳דיגע פעראייניגונגען האָבען מעהר נישט ווי זעהר אַ בעגרענצטע בעדייטונג. ס׳איז דאָ גאַנץ ווייניג אַזעלכע ענינים, ביי וועלכע זיי קאָנען געפינען פאַר זיך אַן׳אָנווענדונג. אפילו אַזאַ פערהעלטניסמעסיג ווייניג קאָמפּליצירטע זאַך, ווי געמיינזאַמע ביכער-פערלאַגען, איז אויך קוים מעגליך אין אַ ברייטערן מאַסשטאַב פאַר צוויי און מעהר לענדער; צו-פערשידען זענען די קולטורעלע געוועהנהייטען, די בעדינגונגען פון מאַרק, דער געשמאַק; סיידען אויפ׳ן געביט פון בעלעטריסטיק, וואָס העננט אַמווייניגסטען אָב פון די מלוכה-גרעניצען.

אויסער דעם ריין-קולטורעלען געביט, דאַרף און מען קאָן האָבען אַ געוויסען אָרגאַניזאַציאָנעלען פערבאַנד אויפ׳ן געביט פון רעגולירען די עמיגראַציע. און דאָס אויך נישט צוליעב עפּיס אַן׳אידעע, נאָר צוליעב דער זאַך גופא. אפשר, אַז מען וועט אַ זוך טהאָן, וועט מען קאָנען געפינען נאָך אַ פּאָר ביישפּיעלען. איך דאַרף זיי נישט אויסרעכענען; פאַר מיר איז וויכטיג נאָר דער מעטאָד, ווי אַזוי צו שטעלען די פראַגע.

און אויב מיר וועלען מיט דעמדאָזיגען מעטאָד צוגעהן צו יענעם געביט, וועגען וועלכען מען האָט צו אונז אַממעהרסטען טענות—צו דעם געביט פון פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע, וועלען מיר פּשוט שטיינען. מען רעדט וועגען עפּיס אַלוועלטליכע יודישע פּאַרטייען, מען רופט צו בילדען אַזעלכע פּאַרטייען,

ו. מעדעם.

מען פאָדערט, אַז דאָס פאַרטיי-בויען זאָל געפיהרט ווערן דוקא אויף אַזעלכע יסודות. גאַנץ פיין. אָבער מיט וואָס וועט זיך אַזאַ פאַרטיי פערנעהמען!? געוועהנליך פערנעהמט זיך אַ פּאָליטישע פאַרטיי מיט... פאָליטיק. אָבער די פאָליטיק ווערט נאָך בעשטימט קודם-כל דורך מלוכה-בעדינגונגען. אַ פאָליטישע פאַרטיי—דאָס איז דאָך אַ פעראייניגונג פון מענשען, וואָס שטעלט זיך אַלס אויפגאַבע די ווירקונג אויף דער מלוכה-אָרדנונג, דאָס הייסט אויף דער אָרדנונג פון אַ לאַנד. פאָליטישע פאַרטייען פון פערשידענע לענדער קאָנען זיך דערנעהנטערן איינע צו דער צווייטער, שטיצען איינע די צווייטע—געוויס. אָבער ביי דעם אַלעם וועט דאָך יעדע פון זיי אַרבייטען אין די גרעניצען פון איהר מלוכה. עס פאַסט פשוט נישט צו ריידען וועגען אַזעלכע זעלבסטפערשטענדליכע זאַכען.

איך בין נאָך גרייט צו פערשטעהן די ציוניסטען, וואָס שטרעבען צו אַנ'אַלוועלטליכער פעראייניגונג. זיי האָבען אַ בעשטימטען געמיינזאַמען ציעל, וואָס קאָן, לויט זייער מיינונג, אַלע פעראייניגען. פאַר זיי איז דער גאַנצער גלות—אויף וועלכען זיי קוקען פון אַ פויגעל-הויך—מעהר נישט, ווי אַנ'איינצעלנער עפּיזאָד אין דער געשיכטע פון דער יודישער נאַציע, וועלכע איז געוועזען איניג און וועלכע וועט צוריק ווערען איניג; עס איז נאָך צו פערשטעהן, אַז צוליעב אַ צייטווייליגען—הגם אַ גענוג לאַנגען—עפּיזאָד ווילען זיי נישט צורייסען די איינסקייט. אָבער אפילו ביי די ציוניסטען, אויף ווי ווייט זייער טעטיגקייט נעהמט-אַרום נישט בלויז אייגענטליך ציוניסטישע, נאָר אויך סתם פאָליטישע אויפגאַבען, אויף ווי ווייט זי גיסט זיך אויס אין אַנ'אַרבייט פון אַ פאָליטישער פאַרטיי—אפילו ביי זיי פאַלט-אַוועק דער באָדען צו פעראייניגונג. און אין דער'אמת'ן, זייענדיג פעראייניגט אויפ'ן געביט פון ריין-ציוניסטישער אַרבייט, אַרבייטען די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס פון איינצעלנע לענדער, בעת זיי טרעטען-אַרויס אַלס פאָליטישע פאַרטייען—גאַנץ זעלבסטשטענדיג, גאַנץ אומאָבהענגיג, יעדע אויף איהר שטייגער, צופּאַסענדיג זיך צו די

בעדינגונגען פון יעדען לאַנד. דאָסזעלבע איז נוגע די פערשידע-נע פּראָלעטאַרישע ציוניסטען.

אָבער איך קאָן נאָך פערשטעהן די ציוניסטען מיט די טע-ריטאָריאַליסטען, בעת זיי מאַכען פאַר זיך אַלוועלטליכע פּעראיי-ניגונגען. אָבער זיי פאָדערן פון די נישט-ציוניסטען, מען זאָל זיי נאָכמאַכען. זיי האָבען טענות צו אונז,—דאָס איז שוין אַנ׳אונזין.

דאָס איז ווידער דער אייגענער קולט פון אַבסאָלוטען. דאָס איז דער אייגענער מאַנגעל אין פּאָליטישער קולטור, וועלכער ווייס בלויז פון איין מין פּרינציפּען: געצענדיענעריי. דאָס איז אַלץ דער אייגענער אידעאַליסטישער נאַציאָנאַליזם. און אויב די שמועסען וועגען אַלוועלטליכע פּאַרטייען ברענגען פּאַקטיש נישט קיין גרויסען שאָדען, ווייל סוף-כל-סוף בלייבט עס ביי די שמוע-סען, טראָגען זיי פּאָרט אַריין אַ מישמאַש. אָבער וויכטיגער איז זייער סימפּטאָמאַטישע בעדייטונג. דאָס איז אַ פּרוכט פון דעם אייגענעם סכאָלאַסטישען מין טראַכטען, וואָס זאַפּט-אַדורך די כל-ערליי שטרעמונגען פון יודישען נאַציאָנאַליזם און מאַכט זיי אַזוי דאַר און בלוט-אָרים. און וואָלט איך געווען אַ דאָקטאָר, וואָלט איך בעפוילען דעם יודישען נאַציאָנאַליזם: ווייניגער פאַנטאַזיעס ביים שיין פון דער לבנה, וועניגער חלומות וועגען רוחות און שטנ׳ס! און מעהר לעבעדיגע אַרבייט צווישען לעבעדיגע מענשען!

נאַציאָנאַליזם אָדער „נייטראַליזם״.

אונזער פּאָזיציע אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע האָט מען אָנגערופען מיט'ן נאָמען „נייטראַליזם״. ווען עס וואָלט זיך האַנדלען וועגען אויסקלייבען אַ נייעם נאָמען, וואָלט איך פּערזענליך אויסגעקליבען אַ וועלכען איהר ווילט, נאָר נישט דעם. ווייל ער פּאַסט לחלוטין נישט און האָט קיינמאָל נישט געפּאַסט צו דעם עצם ענין. איך וויל אָבערריידען נישט וועגען נעמען, נאָר וועגען דעם תוך פון דעם „נייטראַליזם״. און וועגען דעם איז כּדאי און נויטיג צו ריידען, וואָרום מיט דער צייט האָט זיך אַרום איהם אויסגעוועבט אַ גאַנצע לעגענדע.

איך וויל כּלל נישט זינגען קיין שבחים אונזערע „אַלטע״ אָנזיכטען אין דער פראַגע, הגם איך רעכען, אַז אין זייערע גרונדשטריכען זענען זיי עד-היום נישט געוואָרען אַלט. מעגליך, אַז אין דעם איבערגעבען אונזערע אָנזיכטען זענען געוועזן די אָדער יענע חסרונות; מעגליך, אַז מיר האָבען זיי נישט אין דער פולער מאָס ענטוויקעלט,—און דאָס איז געוועזן אונפערמיידליך, וואָרום אייניגע פראַגען האָבען ערשט שפּעטער זיך בעוויזען פאַר אונזערע אויגען פון אַזאַ זייט, וועלכע איז ביז דעמאָלט געוועזן פערבאָרגען. עס קאָן זיין, אַז די ערגענצונגען, וועלכע איך גופא האַלט פאַר זעלבסטפערשטענדליך, וועלען איצט דיענען כאָטש טיילווייז צו פערטרייבען די לעגענדע.

I.

יעדער סיסטעם פון געזעלשאַפטליכע און פּאָלי-טישע אַנשויאונגען (אונזער „נייטראַליזם" האָט דאָס פאָלקאָמע רעכט צו האַלטען זיך פאַר אַזאַ סיסטעם אָדער, ריכטיגער, פאַר אַנ'אָרגאַנישען טייל פון אַנ'אַנדערן, אַ ברייטערן סיסטעם—פון דער מאַרקסיסטישער וועלט-אַנשויאונג) בעשטעהט געוועהנליך פון צוויי טיילען: 1) פון אַ געוויסער פאָרשטעלונג וועגען דעם, וואָס עס טהוט זיך אַרום אונז און 2) פון אַ געוויסען קוק אויף אונזערע אויפגאַבען בנוגע דעמדאָזיגען אַרומיגען לעבען. אין דעם פּראָ-בלעם, וואָס שטעהט פאַר אונז, בעדייט דאָס צוויי פראַגען: 1) וואָס טהוט זיך מיט דעם יודענטום, וואָס וואַרט אויף איהם אין דער צוקונפט—די פראַגע פון פּראָגנאָז (פאָרויסזאָגען). און 2) צו וואָס דאַרפען מיר שטרעבען—די פראַגע וועגען אונזערע ציעלען.

ווי האָבען מיר געענטפערט און ווי ענטפערן מיר אויף דידאָזיגע פראַגען?

מענשען, וואָס זענען מיט אונזערע אַנשויאונגען נישט מסכים (און, צום בעדויערן, אויך אייניגע פון די, וואָס שטעהען אין אונזערע רייהען) שטעלען זיך פאָר אונזער ענטפער אַזוי:

דאָס יודענטום געפינט זיך אויף אַ שייד-וועג, אויף אַ פונקט, וואו עס האַקען זיך איבער צוויי וועגען. איינער פיהרט צו נאַ-ציאָנאַלער אויפלעבונג, דער אַנדערער צו אַסימילאַציע, אויף וועל-

כען פון די וועגען וועט די געשיכטע פיהרען דאָס יודענטום, ווייסען מיר נישט און ווילען נישט וויסען. מיר זע־נען נייטראַל.

אַזוי, מיינט מען, איז אונזער ענטפער אויף דער ערשטער פראַגע.

וואָס פאַר אַנ׳אויפגאַבען שטעלען מיר זיך, כדי צו העלפען דעם יודענטום געהן מיט איינעם פון דידאָזיגע צוויי וועגען? דערויף ענטפערט מען: מיר שטעלען זיך קיין שום אויפגאַבע נישט. איז דעם יודענטום בעשערט אויפלעבונג, וועלען מיר זיך נישט שטע־לען אַנטקעגען. איז איהם בעשערט צו פערשווינדען, וועלען מיר נישט זוכען קיין קינסטליכע מיטלען צו דערהאַלטען איהם ביים לעבען. מיר זענען נייטראַל.

אַזוי איז די געוועהנליכע סכעמע. אויף וויפיעל דאָס איז ריכטיג, וועלען מיר זעהן ווייטער. דערווייל ווילען מיר אָנוויי־זען, אַז עס האַנדעלט זיך דאָ, קענטיג, וועגען צוויי ערליי ניי־טראַליזמען: נייטראַליזם בנוגע צום פראָגנאָז (פאָראויסזאָגען) און נייטראַליזם בנוגע צו די אויפגאַבען.

מיר ווילען אָנהויבען מיט דעם ערשטען.

מיר ווייסען נישט וואָס וועט זיין מיט דעם יודישען פאָלק אין דער צוקונפט. צי מאַכען מיר אָבער פון דעם נישט וויסען אַ פּרינציפּ? צי איז דאָס אַ פּרינציפּעלער אָבזאָג פון צו שטעלען די פראַגע וועגען דער צוקונפט פונ׳ם יודענטום? צי הייסט דאָס טאַקע, אַז מיר ווילען נישט וויסען, וואָס עס וואַרט אויפ׳ן יודישע פאָלק אין די קומענדיגע צייטען? אַפנים, אַז די געגנער פון אונזער פאָזיציע שטעלען זיך דוקא אַזוי פאַר די זאַך, אַנישט וואָלטען זיי דאָך נישט געֿדרש׳ענט, אַז וויסען איז נויטיג!

איך האַלט דאָס פאַר אַ ריינעם מיספערשטענדניש. וואָרום דער פּרינציפּ פון נישט וויסען, וואָס אונזערע געגנער בעשולדי־גען אונז דערין, איז דאָך פון גרונד־אויס אַנ׳אונזין.

מען מוז האָבען אַ פאָרשטעלונג וועגען דער יודישער צו־קונפט,—זאָגט מען אונז. אודאי! ווער זאָגט דען, אַז ניין? אודאי־

און אודאי מוז מען וויסען; ס'איז גאָר לעכערליך וועגען דעם צו דיספוטירען. די מעשה איז נאָר, אַז ס'איז פאַרהאַן אַ גרויסער אונטערשיעד צווישען דעם, וואָס מען ווינשט און צווישען דעם, וואָס איז מעגליך. און עס פרעגט זיך, צי איז איצט מעגליך צו שטעלען אַן'אמת ערנסטען פראָגנאָז? צי האָבען געשטעלט אַזאַ פראָגנאָז די אַלע קריטיקער, וועלכע טענה'ן, אַז מיר פערמאַכען די אויגען? צי ווייסען זיי טאַקע דאָס, וואָס לויט זייער מיינונג ווילען מיר עס נישט וויסען.

אין דער'אמת'ן ווייסען זיי פונקט אַזויפיעל, ווי די „נייטראַליסטען". נישט מעהר און נישט ווענינער אויף אַ האָהר. אמת, אויף בעהויפּטונגען קאַרגען זיי דוקא נישט. זיי בעהויפּטען קאַטעגאָריש, אַז דאָס יודענטום קאָן נישט פערשווינדען, אַז עס קאָן זיך נישט אַסימילירען, אַז עס וועט עקזיסטירען און זיך ענטוויקלען.

אָבער בעהויפּטען הייסט נאָך נישט וויסען. אַ בעהויפּטונג אָהן בעווייזען איז אין בעסטען פאַל אַ גלויבענס-זאַך, אין'ם ערגסטען—אַ פּוסטע פראַזע. קיין בעווייזען פערמאָגען זיי אָבער נישט! זיי האָבען קיין איינציג מאָל אפילו נישט געפּרובט צו געבען אַ בעווייז, זיי האָבען זיך בענוגענט מיט אַן'אָפּטימיסטישער פראַזע אָדער אַ מיסטישען גלויבען, נישט מעהר. דאָס איז זואָלוועל און לייכט. מיר ווילען זיך אָבער נישט פערגרינגערן די אויפגאַבע אויף אַזאַ מין אופן.

ס'איז מיר נישט לאַנג אויסגעקומען צו לייענען אייניגע ממש וואונדערבאַרע שורות, וואָס זענען אַרויס פון דער פעדער פון אַ פעהיגען און ערנסטען פובליציסט. מען ווערט פשוט ערשטוינט, ווען מען זעהט ווי לייכט, ווי בליץ-שנעל דאָ ווערט געלעזט די גרויסע און שווערע פראַגע.

„מען זאָגט—שרייבט ער—אַז קיין פראָגנאָז קאָן מען דערוויל נישט געבען. זעהסטו, די טענה פערשטעה איך נישט. יודען האָבען ביז אַהער געלעבט און ענטוויקעלט זיך, זיי לעבען איצט, קומט דערפון לאָגיש אַרויס, אַז זיי וועלען ווייטער לעבען און ענטוויקלען זיך." מעהר נישט. דאָס הייסט באמת געלעזט אַ

פראַגע מיט אַ שנעלקייט פון אַ קאַוואַלעריע-אַטאַקע!

איך מיין: אָט דאָס איז טאַקע אַנ'אמת'ע פּרינציפּעלע אונ-וויסענהייט, אַ פּרינציפּעל פערמאַכען די אויגען. דאָ וויל מען אפילו נישט שטעלען די פראַגע, אפילו אַ טראַכט געבען וועגען איהר. וועל איך דען נישט זיין גערעכט, אויב איך וועל זאָגען, אַז בעסער איז דאָס ערגסטע נישט-וויסען איידער אַזאַ מין „וויסען"?

מיר האָבען נישט איינמאָל געהערט דעם פּזמון וועגען דער „שרעקעוודיגקייט" פון אונזער געדאַנק. איך מוז זאָגען דעם אמת: טויזענד מאָל מעהר דרייסטקייט דאַרף מען האָבען צו זאָגען אָפען „איך ווייס נישט", איידער צו פערשטעלען די אונוויסענהייט פאַר זיך אַליין און פאַר דער וועלט מיט אַ פאָרהאַנג פון פוסטע ווערטער; טויזענד מאָל עהרליכער איז אונזער ניי-טראַליזם, איידער דער מיסטישער נאַציאָנאַליזם פון אַלערליי בע-לעטריסטישע פּאָליטיקער, וועלכע טרייסטען זיך און אַנדערע מיט דער אילוזיע פון אַ כלומרש'טיגען פּראָגנאָז.

וואָרום די איבערצייגונג, אַז דעם פּראָגנאָז האָט מען שוין ווירקליך געשטעלט (ווער? ווען? וואו?), אַז די פראַגע וועגען דער צוקונפט פון דעם יודישען פאָלק איז שוין ווירקליך גע-לעזט,—דידאָזיגע איבערצייגונג איז נישט מעהר ווי אַנ'אילוזיע. צו דער פראַגע האָט מען זיך כמעט נאָך נישט גענומען. געוועז אפשר אַ פּאָר פּראָבעס, אָבער דאָס איז נאָר אַ הונדערט-חלק פון דעם, וואָס איז נויטיג. מען מוז געהן ווייטער, מאַכען נייע טריט אויף דעם וועג און נישט פערשלעפערן זיך מיט אַ ליע-דעלע, אַז אַלסדינג איז שוין פערענדיגט.

צי איז מעגליך, אַז דידאָזיגע אַרבייט זאָל פערענדיגט ווע-רען אין דער נאָהנטער צוקונפט, צי קאָן מען שטעלען דעם פּראָ-גנאָז מיט פאָלקאָמער קאַטעגאָרישער בעשטימטקייט? איך וואָלט נישט געוואָלט ענטפערן אויף דער פראַגע מיט „ניין", אָבער איך האָב אַ שטאַרקען ספק, צי קאָן דידאָזיגע אויפגאַבע דערפילט ווערען ביי היינטיגען מאָמענט, דער וועג פון דער ווייטערדיגער ענטוויקלונג פונ'ם יודענטום וועט זיין אַ פּועל-יוצא פון דער גע-

גענזייטיגער ווירקונג פון אַ גרויסער צאָהל זעהר פערשידענאַר־טיגע און אונענדליך קאָמפליצירטע געזעלשאַפטליכע קרעפטען. סאָציאָלאָגישע ערשיינונגען קאָן מען בכלל נישט פאָרויסזאָגען מיט אַ גרויסער בעשטימטהייט. עס האָט געמוזט קומען אַזאַ ריז, ווי מאַרקס, כּדי צו קאָנען אָנמערקען אין אַלגעמיינע שטריכען דעם וועג פון דער ווייטערדיגער קאַפּיטאַליסטישער ענטוויקלונג. ער האָט דאָס אָנגעמערקט, פאָרויסגעזעהן, ווייל ער האָט דער־קאָנט די אינערליכע נויטווענדיגקייט פון דער עקאָנאָמישער ענט־וויקלונג. צי קאָן מען געפינען דיזעלביגע איזערנע נויט־ווענדיגקייט אין דער פראַגע, וועלכע מיר בעהאַנדלען?

ווען מיר זאָגען „פּראָגנאָז", ווילען מיר דאָך דערמיט נישט פרעגען, צי קאָן געמאָלט זיין, אַז דאָס יודענטום זאָל אויפ־לעבען, צי קאָן עס אויסמיידען די אַסימילאַציע, נאָר: צי וועט דאָס טאַקי נויטווענדיג אַזוי זיין. יעדער, ווער עס האָט זיך בעשעפטיגט מיט דער נאַציאָנאַלער פראַגע, ווייס, אַז אין דעם פּרט בעשאַפט די היינטיגע אָרדנונג צוויי פיינדליכע טענדענצען: פון איין זייט די אַסימילירענדיגע, פון דער אַנדערער די נאַציאָ־נאַליזירענדיגע טענדענץ. אויסמעקען איינע פון זיי דורך אַ פּשוט'ען שטריך מיט אַ פעדער—איז אונמעגליך. ביידע עקזיסטירען, ביידע ווירקען. וועלכע פון זיי וועט סוף־כּל־סוף גובר־זיין די צווייטע— דאָס הענגט־אָב פון טויזענדער פערשידענע בעדינגונגען, פון טוי־זענדער פערשידענע פאַקטאָרען—עקאָנאָמישע, פּאָליטישע, קולטו־רעלע. דאָס הענגט־אָב פון דער קאָמבינאַציע פון דידאָזיגע פאַק־טאָרען, פון דער שנעלקייט, מיט וועלכער עס וועט געהן די ענטוויקלונג; און וואָס איז שייך צו דער שנעלקייט, איז דאָך שוין לכל הדעות נישט מעגליך פאָראויסצוזאָגען עפּיס אַזוינס, וואָס זאָל זיין גענוי בעגרינדעט.

מיר ווילען נישט וויסען די צוקונפט, מיר ווילען נישט קיין פּראָגנאָז? וואָס פאַר אַ לעכערליכע בעהויפּטונג! מיר ווייסען נאָר, אַז מען דאַרף איבער דערדאָזיגער פראַגע אַרבייטען,— אַרבייטען לאַנג און פלייסיג, ביז מען וועט קאָנען עפּעס גע־וויס זאָגען. ווילען—ווילען מיר אָבער אַרויסגעפינען דעם פּראָ־

גנאָז לכל-הפּחות נישט וועניגער ווי דער ערשטער בעסטער נאַציאָנאַליסטישער פֿלאַפּלער.

אויב מיר קאָנען איצט וועגען עפּיס ריידען, איז וועגען דער גרעסערער אָדער קלענערער וואַהרשיינליכקייט פון יענער פּערספּעקטיוו, וועלכע די נאַציאָנאַליסטען האַלטען שוין פאַר „דערוויזען”. וואַהרשיינליכקייט איז אָבער נאָך נישט געוויסהייט און איז אפשר נאָך ווייט פון פּראָגנאָז. אַ פּראָגנאָז האָבען מיר נישט און עס האָס איהם אויך נישט קיינער.

ווי-זשע אַרבייט מען ביי אַזוינע בעדינגונגען?

דאָ מוז מען נעהמען אין בעטראַכט די צווייטע זייט פון דער פראַגע. אויב דער פּראָגנאָז פון „יאָ-זאָגען” איז נאָך נישט בעגרינדעט, איז דאָ פאַרהאַן אַ צווייטער פּראָגנאָז: פון די „ניין-זאָגער”, פון די אַסימילאַטאָרען. און מיט דעמדאָזיגען פּראָגנאָז האַלט עס נאָך פיעל ערגער.

דער פּאָזיטיווער, נאַציאָנאַלער פּראָגנאָז איז נאָך נישט דערוויזען,—נישט דערוויזען, ווייל מען האָט דאָס נאָך נישט געפּרובט טהאָן. די אַסימילאַטאָרען אָבער האָבען עס שוין יאָ געפּרובט און האָבען שוין בעקומען די מפּלה. זיי האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז זיי האָבען שוין דערקאָנט די אייגענע נויטווענדיגקייט פון דער היסטאָרישער ענטוויקלונג; זיי האָבען געפּרובט דערווייזען, און די בעווייזען זייערע קאָנען מיר אַלע, זיי שטעהען פאַר אונזערע אויגען, און מיר זעהען, אַז זיי האַלטען נישט אויס די גרינגסטע קריטיק. וואָלטען נאָך די אַסימילאַטאָרען זיך געשטעלט אַ בעדייטענדיגע אויפגאַבע: דערוועקט אין אונז אַ צווייפעל אין דער צוקונפט פונ׳ם יודענטום, וואָלטען זיי געקענט רעכענען, אַז דאָס איז זיי געלונגען: אַ צווייפעל איז פאַרהאַן. די אַסימילאַטאָרען האָבען אָבער געוואָלט דערווייזען מעהר: זיי האָבען געוואָלט דערווייזען, אַז די אַסימילאַציע איז אונפערמיידליך. דאָס צו דערווייזען האָט זיך זיי נישט איינגעגעבען; דער גלויבען האָט פערלאָרען יעדען קרעדיט.

און פערגעסען טאָר מען נישט, אַז נאָר אַזאַ מין איבערצייגונג וואָלט אונז געקאָנט צווינגען אָבצוזאָגען זיך פון דעם נאַ-

ציאָנאַלען פּראָגנאָז און פון דער נאַציאָנאַלער אַרבייט. נאָר די אומבעדינגטע געוויסהייט, אַז דער סוף פון דער אומה איז נאָהנט וואָלט אונז געקאָנט צווינגען צו ליקווידירען דאָס עקזיסטירענדיגע נאַציאָנאַלע לעבען. ווען עס וואָלט געווען דערוויזען, אַז די נאַציע וועט פערשווינדען און אַז אָט-אָט געהט זי אונטער, ווען מיר זאָלען זיין דערין איבערצייגט און די איבערצייגונג אונזערע זאָל זיין אַן׳אומבעדינגטע—דעמאָלט, און נאָר דעמאָלט, וואָלטען מיר געדאַרפט דערמיט זיך רעכענען אין אונזער אַרבייט. נאָר אַזוי ווי אַזאַ איבערצייגונג איז ביי אונז נישט פאַרהאַן, אַזוי ווי די אַסימילאַטאָרען גופא (אָטאָ בויער) מוזען מודה-זיין, אַז צו דעם סוף, וועלכער איז אפילו לויט זייער מיינונג גאַנץ ווייט, געהט דאָס יודענטום אויפ׳ן וועג פון נאַציאָנאַלער אויפלעבונג, דעריבער שטעהט פאַר אונז די פראַגע אַנדערש. די יודישע נאַציע עקזיסטירט; דאָס נאַציאָנאַלע לעבען ענטוויקעלט זיך און ווערט שטאַרקער, ווי עס זאָלען נישט אויסזעהן די ווייטערע פּערספּעקטיוון; דאָס איז שוין קיין פּראָגנאָז-פראַגע, נאָר אַ פאַקט. די נאַציאָנאַלע בעדערפנישען וואַקסען—רעאַלע לעבענס-בעדערפנישען פון אונזער קולטור-לעבען. קאָן מען זיך דען אָבזאָגען פון צו בעפרידיגען דידאָזיגע בעדערפנישען און פון צו קעמפען פאַר זייער בעפרידיגונג נאָר דערפאַר, וואָס מיר ווייסען איצט נישט, וואָס עס וועט זיין אין דער ווייטער צוקונפט? זענען מיר דען בכלל זיכער, אַז אַלע איבעריגע נאַציעס וועלען אייביג עקזיסטירען? קאָנען מיר דען איצט ברעכען דאָס פאָלקס-לעבען אָדער צוזעהן גלייכגילטיג ווי אַנדערע ברעכען עס נאָר דערפאַר, וואָס די יודען וועט אפשר ווען-נישט-איז אויסקומען זיך צו אַסימילירען?

געוויס נישט. מען מוז אַרבייטען, מען מוז בעפרידיגען די בעדערפנישען פון איצטיגען לעבעדיגען לעבען.

איך וויל נישט לייקענען, אַז דידאָזיגע לאַגע איז פערבונדען מיט אַ געוויסער פּסיכאָלאָגישער אונזיכערהייט, וועלכע מוז שטערען די אַרבייט. שטענדיג שווימט-אויף פאַר די אויגען די פערשאָלטענע פראַגע: אפשר? ווער ווייס? צי וועט נישט זיין די אַסימילאַציע דער סוף פון דעם אַלעם?

ו. מעדעם.

געוויס וואָלט די שטימונג געהאַט מעהר גאַנצקייט, ווען די מעגליכקייט פון דער אַסימילאַציע וואָלט געווען אויסגעשלאָסען, איינמאָל פאַר אַלעמאָל, ווען די פערשאָלטענע פראַגע זאָל גאָר נישט קאָנען דערוועקט ווערען. מיט אַ „שפרונג" קאָן מען זיי אָבער נישט פערטרייבען, און מיט זיפצען קאָן מען דאָ נישט העלפען.

נאָר דאָ געה איך שוין איבער צו דער צווייטער פראַגע: וועגען אונזערע אויפגאַבען.

II.

דאָ איז דער צענטער פון דער פראַגע, דאָ איז דער עיקר פון אונזערע אַנשויאונגען. צי בעשטעהט דערדאָזיגער עיקר אין דעם, וואָס מען פערשטעהט געוועהנליך אונטער דעם וואָרט „נייטראַליזם?“

שוין פון אָנהויב אָן בעמערקט איהר דאָ אַ מאָדנע סתירה: נייטראַליזם—דאָס הייסט דאָך גלייכגילטיגקייט, דאָ הייסט דאָך „זיך נישט מישען“; עס האַנדעלט זיך דאָ אָבער וועגען אַ סיסטעם פון אויפגאַבען; קאָן מען דען ריידען דאָ וועגען אַ נייטראַלער רעגירונג? מענשען שטעלען זיך אויפגאַבען; הייסט דאָס,— זיי שטרעבען צו עפּיס; איז דען פאַר זייער וועלט-אַנשויאונג נישט מעהר כאַראַקטעריסטיש דאָס „עפּיס“, וואָס זיי ווילען דערגרייכען, איידער דאָס, וואָס זיי לאָזען גלייכגילטיג אין אַ זייט? הייסט דען דאָס נישט אינגאַנצען איבערצודרעהען די פּערספּעקטיווע, ווען מען שטעלט אין מיטעלפּונקט דאָס, וואָס עס דאַרף פערנעהמען דעם לעצטען פּלאַץ?

געוועהנליך מאָהלט מען אַזאַ מין בילד. אַמאָל זענען מיר געווען אַסימילאַטאָרען—אָפענע אָדער פערבאָרגענע. נאָכדעם האָבען אויף אונז גענומען ווירקען אַזוינע און אַזוינע אורזאַכען,— האָבען מיר פערלוירען אונזער אַלטען שטאַנדפּונקט און זיך אַ רוק געגעבען נעהנטער צום נאַציאָנאַליזם. אַ רוק געגעבען זיך,— אָבער נישט דערגאַנגען. דערשראָקען זיך, וואָס וועלען זאָגען

אונזערע מאַרקסיסטישע חברים און אונזער אייגען מאַרקסיסטיש געוויסען. און געבליבען אויף'ן האַלבען וועג. געבליבען שטעקען אויפ'ן שייד-וועג—געמאַכט פון שייד-וועג אַ פּרינציפּ, „פון דער בויט אַ טוגענד". און דעמדאָזיגען „נישט אַהער—נישט אַהין" גע-געבען דעם נאָמען: „נייטראַליזם".

אַזאַ מין פאָרשטעלונג איז גאַנץ נאַטירליך ביי אַזוינע מענ-שען, וואָס ווייטער פון געגענזאַץ „נאַציאָנאַליזם — אַסימילאַ-ציע" קאָנען זיי נישט געהן און וואָס קיין אַנדערע היפּוכים לע-גען זיך ביי זיי נישט אין קאָפּ. און אַז עס בעווייזט זיך אַ דריטער שטאַנדפּונקט, וועלכער ליעגט אויסער דעם אָנגערופענעם שאַבלאָנעם געגענזאַץ, שרייען זיי אין איין קול—סטייטש, דאָס איז נישט אַהער—נישט אַהין!

זיי קאָנען זיך פּשוט נישט פאָרשטעלען, אַז אַ חוץ נאַציאָ-נאַליזם און אַסימילאַציע זאָלען עקזיסטירען נאָך אַנדערע פּאָזי-ציעס, און אַז דידאָזיגע פּאָזיציעס זאָלען ליעגען אין אַ גאַנץ אַנדערן שטח.

איך האָב שוין אַמאָל אָנגעוויזען—און אויף וויפיעל איך געדענק, האָט דאָס קיין ווידערשפּרוך נישט דערוועקט—, אַז נאַ-ציאָנאַליזם און אַסימילאַציע, הגם זיי גיבען אויף איין-און-דער-זעלבער פראַגע צוויי פערשידענע תשובות, און די תשובות זענען פּאָלקאָם סותר אייננאַנדער, פונדעסטוועגען שטעלען זיי די פראַ-גע גופא אויף איין-און-דעמזעלבען אופן. אָט דאָס איז טאַקע דער חילוק צווישען אונז און זיי, וואָס מיר שטעלען אַנדערש די פראַגע גופא. און זענען מיר נישט מסכים מיט דער פראַגע-שטעלונג, איז אונז ממילא גאַנץ גלייך, וואָס פאַר אַנ'ענטפער זיי געפינען.

דאָ איז וויכטיג נאָכאַמאָל אויפצודעקען דאָס כאַראַקטערי-סטישע פון זייער פראַגע-שטעלונג.

אין וואָס בעשטעהען, אַלזאָ, זייערע נאַציאָנאַליסטישע אויפ-גאַבען (און אַז דער אַסימילאַטאָר איז אויך אַ נאַציאָנאַליסט נאָר אויף דער לינקער זייט, איז, דאַכט זיך, ביי קיינעם קיין ספק נישט), אין וואָס בעשטעהט דער בורזשואַזער תוך פון דידאָזיגע

אויפגאַבען און פאַרוואָס קאָנען מיר זיי נישט אַריינשטעלען אין אונזער פּראָגראַם? געפינען זיך דאָך צווישען דידאָזיגע אויפגאַבען אויך אַזוינע, ווי למשל, די זאָרג פאַר דער פאָלקס-שול, פאַר דער מוטער-שפּראַך, פאַר אַנדערע מינים פון דער אַזוי-גערופענער פּאָזיטיווער אַרבייט? צי מוזען מיר זיך אַוועקשטעלען אָן אַ זייט פון דעם אַלעם, אין וואָס ווערט אויסגעדריקט די שעפּפערישע קראַפט פון נאַציאָנאַלען לעבען, און קאַלט און גלייכגילטיג צוזעהן, נישט מישענדיג זיך אין גאָרנישט? וואָרום אין אמת'ן איז דאָך קלאָר, אַז יעדע אַריינמישונג מוז פּאַקטיש פיהרען אָדער אויפ'ן וועג פון אַסימילאַציע אָדער אויפ'ן וועג פון „נאַציאָנאַליזאַציע"; אין אַזאַ פראַגע, ווי די שפּראַך, צום ביישפּיעל, אויב מען מישט זיך שוין יאָ אין איהר אַריין, מוז מען דאָך זאָגען איינס פון דיביידע—צי איז מען פאַר דער פאָלקס-שפּראַך, צי איז מען געגען איהר; און אין אַזאַ פראַגע ווי די פאָלקס-שול, קוים געהמט מען זיך שוין פאַר איהר, מוז מען דאָך אַרויסזאָגען אָפען, צי וויל מען יאָ אַ נאַציאָנאַלע שול, צי וויל מען זי נישט. נייטראַליזם איז, אַלזאָ, מעגליך נאָר דאָרט, וואו מען טהוט גאָרנישט; נייטראַל זיין הייסט—פּרינציפּעל זיך אָבזאָגען פון יעדער אַרבייט.

אַזוינע פראַגען קומט-אויס צו הערען אויף יעדען שריט און טריט, און נישט ווייניג מענשען ברעכען זיך דעם מח, נישט זעהענדיג קיין אויסוועג פון דער שווערער פערלעגענהייט. איך וועל נישט געהן נאָכפאָרשען, פון וואַנען עס נעהמען זיך די מיספערשטענדנישען, וועלכע שטעקען אין אַלע אַזוינע פראַגען. דאָס איז נישט אַזוי וויכטיג; איך וויל ריידען וועגען דעם תוך.

איינמאָל פאַר אַלעמאָל מוז מען פעסטשטעלען: ווער עס וויל געפינען די גרעניץ-ליניע, וועלכע טיילט-פונאַנדער די פּרינציפּעלע פּאָזיציעס פון פערשידענע פּאַרטייען, דער זאָל זיי זוכען נישט אין דעם מאַטעריאַל, וועלכען די פּאַרטיי בעאַרבייס, נישט אין דעם געביט פון לעבען, מיט וועלכען די פּאַרטיי אינטערעס'רט זיך (וואָרום, טעאָרעטיש גערעדט, איז גאָר נישטאָ אַזאַ געביט, וואָס עפּיס אַ פּאַרטיי זאָל זיך מיט איהר כלל נישט אינטערעסירען), נאָר ער זאָל זעהן, וואָס

די פּאַרטיי טהוט אויף דעם געביט, ווי און צוליעב וועל-
כע טעמים זי פיהרט דאָרט איהר אַרבייט. און דאָ ליעגט
דער טיעפער אונטערשיעד צווישען אונז און מכל המינים נאַ-
ציאָנאַליסטען. דאָ איז דער תהום, וועלכער טיילט אונז פונאַנדער.
לאָמיר נעהמען די ערשטע בעסטע פראַגע פון דער אַזוי-
גערופענער פּאָזיטיווער אַרבייט. אי מיר, אי די נאַציאָנאַליסטען
זענען פאַר אַ נאַציאָנאַלער שול; אי מיר, אי די נאַציאָנאַליסטען
האַלטען פאַר נויטיג צו ענטוויקלען די יודישע פאָלקס-שפּראַך.
אָבער די אויסגאַנגס-פּונקטען און די מאָטיווען זענען ביי אונז
און ביי זיי אויסערסט פערשידען—פאַר אונז איז דאָס וויכטיג-
סטע די לעבענס-אינטערעסען פון דעם אַרבייטער-קלאַס און במילא
פון די ברייטע פאָלקס-מאַסען בכלל. ביים נאַציאָנאַליסט זענען
די רעאַלע אינטערעסען קיין וועגווייזער נישט. פאַר איהם איז
דער נאַציאָנאַליזם אַ ציעל פאַר זיך און דאַרף נישט בעגרינדען
זיין קיום מיט וועלכע-נישט-איז אינטערעסען. ביי איהם איז די
נאַציאָנאַלע אידעע דער העכסטער ווערטה, איהר בעגרינדונג
ליעגט אין איהר אַליין. און אַז עס האַנדעלט זיך וועגען אַ יו-
דישען נאַציאָנאַליסט, איז זיין גרונד-פּרינציפּ אויסגעדריקט אין
איין וואָרט: „יודישקייט".
דערין שטעקט דער ספּעציפישער, נאַציאָנאַליסטיש-בורזשואַ-
זער עלעמענט, וועלכען מיר פערוואַרפען. דאָ ליעגט דער אונ-
טערשיעד, וועלכער טיילט אונז פונאַנדער. ווי אומעטום, בלייבען
מיר אויך אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע רעאַליסטען, נישט אין
דעם זין פון שמאָלען פּראַקטיציזם, נאָר אין דעם זין, וואָס מיר
געהען אַרויס פון רעאַלע אינטערעסען און לעבענס-בעדערפנישען.
די נאַציאָנאַליסטען, פערקעהרט, זענען מעטאַפיזיקער; זייער אויס-
גאַנגס-פּונקט איז אַן'אַבסטראַקטע אידעע, אָדער נאָך ערגער—אַ
פראַזע. אָט אַהינצו, אין די נעבעלדיגע הויכקייטען פון די מע-
טאַפיזישע „וועזענס" ווילען מיר זיי נישט נאָכגעהן. דאָרט, וואו
עס הערשט די ריינע נאַציאָנאַליסטישע פראַזע, בלייבען מיר
גלייכגילטיג און רוהיג. דאָ זענען מיר באמת נייטראַל. וואָרום דאָ
איז נישטאָ קיין לעבען, דאָ הערשען געשפּענסטער.

קלאָר און דייטליך פאָרמולירען די פּרינציפּען פון דער־דאָזיגער מעטאַפיזיש-נאַציאָנאַליסטישער וועלט-אַנשויאונג איז אפשר גאָר נישט מעגליך. ווי מען קאָן נישט אָנטאַפּען אַ וואָלקען, אַזוי קאָן מען דעמדאָזיגען נאַציאָנאַליזם נישט אַריינשטעלען אין די ראַהמען פון אַ בעשטימטער פאָרמולע. צו וואָס אייגענטליך שטרעבט ער? וואָס וויל ער? מיט וועלכער מאָס מעסט ער? וואָס איז פאַר איהם גוט און וואָס שלעכט?

מען וואָלט געקאָנט מיינען, אַז דער קלאַסישער אויסדרוק פון אַזאַ מין נאַציאָנאַליזם איז די בעקאַנטע פאָרמולע: „מיינס איז גוט, יענעמס איז שלעכט". לאָזט זיך אָבער אויס: ניין, עס פּאַסט נישט. עס קומט אַ נאַציאָנאַליסט און דערקלערט אייך, אַז נישט אַלסדינג איז גוט, וואָס איז אייגענס, אַז אין דעם יודישען לעבען, אין די יודישע טראַדיציעס, אין די יודישע זיטען גע־פינט ער אויך פינסטערע זייטען; אייגענס—און עס טויג פאָרט נישט; און אַ נאַציאָנאַליסט איז ער פאָרט פונ׳ם קאָפּ ביז די שפּיץ פינגער!

טאָ וואָס-זשע פאָרט? וואָס הייסט נאַציאָנאַליזם? נעהמען מיר אַנ׳אַנדערע פאָרמולע: „גוט איז דאָס, וואָס דריקט אויס דעם עצם פון דעם יודענטום". און די אויפגאַבע פון דעם נאַציאָנאַ־ליסט איז—אונטערשיידען און ענטוויקלען דעמדאָזיגען „עצם". בעגעגען אַזאַ פאָרמולע וועט דער נאַציאָנאַליסט נישט האָבען גאָר־נישט: דער „עצם פונ׳ם יודענטום", די „יודישקייט", דאָס „פּינ־טעלע יוד"—דערין ליעגט טאַקע דער קערן פון זיינע אָנשויאונ־גען, דער מיטעלפּונקט פון זיינע שטרעבונגען און טרוימען. אַ בעקוועמע פאָרמולע! אָבער הגם דער נאַציאָנאַליסט וועט מיט איהר זיין איינפערשטאַנדען (אָדער אפשר דוקא דעריבער, וואָס ער איז מיט איהר איינפערשטאַנדען), איז אין איהר, ליידער, נישטאָ קיין שום אינהאַלט. וואָרום נישט איין מאָל און נישט צוויי מאָל האָט מען שוין דערוויזען, אַז דידאָזיגע אַלע „עצמ׳ס" זענען נישט מעהר ווי אַ פּוסטע פראַזע, וואָס יעדערער לעגט אין זי אַריין, וואָס איהם ווילט זיך.

 דער „עצם פון דעם יודענטום"! אונטער די ווערטער קאָן

ו. מעדעם.

מען באמת פערשטעהן אַלסדינג, וואָס דאָס האַרץ געלוסט. וואָס עס איז גוט—דאָס געהערט צום „עצם”, וואָס איז שלעכט—דאָס איז אַ צופעליגער פּרט. אויף אַזאַ אופן בלייבט די פראַגע „וואָס איז גוט און וואָס איז שלעכט” ווייטער אָהן אַנ'ענטפער; מיר דרעהען זיך אין אַ פער'כשופ'טען קרייז און קומען סוף-כל-סוף צוריק צום אָנהויב: גוט איז דאָס, וואָס איז מיר ליעב, ליעב איז דאָס, וואָס איז גוט אין מיינע אויגען.

אָט דאָס דרעהען זיך אין אַ פער'כשופ'טען קרייז איז נישט קיין צופאַל; אַזאַ טבע האָט שוין יעדע געזעלשאַפטליכע מעטאַפיזיק, דער נאַציאָנאַליזם מוז זיך דרעהען אין דעם ראָד פון זיינע אייגענע פראַזען; ער פּלאָנטערט זיך און קאָן זיך נישט אויסדרעהען; ער שטיצט זיך אויף דעם, וואָס מען דאַרף ערשט דערווייזען; ער דערווייזט דאָס, וואָס קיינער האָט דערין קיינמאָל נישט געצווייפעלט, און סוף-כל-סוף קעהרט ער זיך אום צום אַלערהעכסטען „אַזוי וויל איך”—אַ שטאַנדפּונקט, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר אונזערע בעלעטריסטישע נאַציאָנאַליסטען.

אָט אַזאַ מין לעכערליכע שפּיעל אין „פּאָליטיק”, אין „פּראָבלעמען”, אין „וועלט-אָנשויאונגען”, אָט אַזוינע מינים מליצות פון נאַציאָנאַליסטישע בעלי-דרשנ'ס, וועלכע זענען נישט פעהיג צו ענטפערן קלאָר און פערשטענדליך, וואָס זיי ווילען און וועלכע מאָסיוועןזיי שטעלען-אַרויס, אָט אַזוינע מינים „טעאָריעס”, וואו דעם אָרט פון קריטעריען פערנעהמט דער קאַפּריז און דעם אָרט פון אַרגומענטען דאָס „פּינטעלע יוד”,—אָט דאָס אַלץ דערוועקט אין אונז כלל נישט קיין קנאה. מיר געהען פאַרביי. אונז איז אַלץ-איינס. מיר זענען „נייטראַל”.

נאַטירליך, מוזען די אַלע נאַציאָנאַליסטען שרייען אין איין קול, אַז ווער עס איז גלייכגילטיג צו זייערע מליצות און טעאָרעטישע קונצענמאַכערייען, דער איז גלייכגילטיג צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע בכלל. וואָרום אין זייערע אויגען איז דידאָזיגע קונצענמאַכעריי—דער תוך כל התוכים. פאַר אונז איז דאָס אָבער בכלל נישט וויכטיג. דאָס איז אפילו נישט קיין אָנהויב, דאָ איז דאָך אפילו נישט געשטעלט די ערנסטע פראַגע. דאָס איז נישט

מעהר ווי אַ זומפּ ביי דער זייט פון דעם גראַדען וועג. אין אונזערע אויגען האָט דער זומפּ זעהר ווייניג חן און לייטזעליגקייט. מיר געהען אויפ׳ן ברייטען וועג פון לעבענס-בעדערפנישען און מיר ווייסען פון דער דערפאַהרונג, אַז אַרבייטענדיג אויף דעם געביט פון די ווירקליכע, רעאַלע פאָלקס-אינטערעסען, טראָגט מען אַריין אין דעם נאַציאָנאַלען אוצר אונענדליך מעהר, איידער ריידענדיג כסדר שענע פראַזען וועגען דעם פערשוואומענעם נאַציאָנאַליזם, וואָס איז פערוויקעלט אין מיסטישע וואָלקענס.

נאָר מען וועט אונז אפשר זאָגען: אמת, אין נאַציאָנאַליזם איז פאַרהאַן זעהר פיעל אַלטוואַרג, אָבער צי קאָן מען אין דעם אַלטוואַרג אַריינרעכענען אַזאַ גרויסע און וויכטיגע פראַגע, ווי דער קיום האומה? שוין נישט אין דעם זין פון פראָגנאָז, נאָר אין דעם זין, צי איז דאָס ווינשענסווערט אָדער נישט. נישט שוין-זשע איז אַזאַ וויכטיגע פראַגע, ווי די פראַגע וועגען דעם לעבען אָדער דעם טויט פון דער נאַציע אויך נישט מעהר ווי אַ מעטאַפיזישע מליצה? נישט שוין-זשע קאָן מען דאָ אויך בלייבען גלייכגילטיג? איז דען מעגליך, אַז עס וואָלט אייך נישט געריהרט, ווען איהר ווערט געוואָהר, אַז דאָס יודענטום איז פער׳משפט צו פערשווינדען אַלס בעזונדערע נאַציע?

צי וואָלט דאָס אונז געריהרט? וואָס פאַר אַ מאָדנע פראַגע! נאַטירליך וואָלט דאָס אונז געריהרט. ווער קאָן דען דערין צווייפלען? יעדער נאָרמאַלער מענש איז צוגעבונדען צום אייגענעם, אַלץ איינס, צי איז דאָס אַנ׳אייגען הויז, אַנ׳אייגען לאַנד אָדער אַנ׳אייגענע נאַציע. דאָס איז אַ נאַטירליכער און אַלגעמיינער סאָציאַלער אינסטינקט. אמת, דער יוד איז אין פיעל פּרטים ווייט פון דער נאָרם, דעריבער איז דידאָזיגע צוגעבונדענהייט ביי איהם אויך אַ קראַנקהאַפטע, זי איז פול מיט סתירות, זי איז אַ צובראָכענע; אָבער אין אַלגעמיינעם איז די צוגעבונדענהייט דאָך פאַרהאַן. וואָרום יעדעס פאָלק — און סוף-כל-סוף אויך יעדע פערזאָן — געפינט אין זיך אַ געוויסען קולטורעלען קאָנסערוואַטיזם, (איך נעהם דאָס וואָרט נישט אין פּאָליטישען זין, נאָר בוכשטעבליך), אַ געוויסע ליעבשאַפט צו דעם, וואָס איז פאַרהאַן, און

מען האָט זיך דערצו צוגעוועהנט. דערדאָזיגער קאָנסערוואַטיזם שפּיעלט דאָך אַזאַ גרויסע ראָלע אין דער דערהאַלטונג פון נאַציעס, פון מלוכות, פון אַלערליי געזעלשאַפטליכע קאָלעקטיווען. און אויב מיר זאָלען איצט נעהמען ריידען וועגען דער צוקונפט פון׳ם יודענטום, וואָלטען מיר געמוזט אַריינרעכענען צווישען אַלע איבריגע קרעפטען, וואָס וועלען בעשטימען דידאָזיגע צוקונפט, אויך די קראַפט פון דעם קולטורעלען קאָנסערוואַטיזם.

אָבער איצט ריידען מיר דאָך וועגען אַנ׳אַנדער זאַך. אונז אינטערעסירט נישט די פראַגע: צי איז פאַרהאַן ביי די יודען דער אָדער יענער אינסטינקט, וועלכער העלפט דער נאַציע צו בלייבען ביים לעבען. מיר פרעגען: צי דאַרפען מיר דעם קיום האומה שטעלען פאַר אַ צ י ע ל? צי דאַרפען מיר דערצו ש ט ר ע ב ע ן אין אונזער אַרבייט?

ענטפערט מען אונז: יאָ, איהר דאַרפט, ווייל דאָס איז פערבונדען מיט די „לעבענס-בעדערפנישען” פון דער מאַסע, די פאָלקס-מאַסען זענען דערין פעראינטערעסירט. ווייל אָנווערען דאָס נאַציאָנאַלע, דאָס הייסט זיך אַסימילירען—איז אַ שמערצליכער און פּיינליכער פּראָצעס, פול מיט מאַטעריעל און ליידען פאַר די, וואָס מאַכען איהם דורך. דעריבער מוז מען זעהן, אַז די פאָלקס-מאַסען זאָלען פון איהם נישט וויסען, דעריבער מוזען מיר אַרבייטען אין דער ריכטונג, אַז די יודישע נאַציע זאָל נישט פערשווינדען.

לאָמיר בעטראַכטען דידאָזיגע אַרגומענטען. שוין פון ערשטען קוק בעמערקט איהר, אַז עפּיס איז דאָ נישטאָ קיין פראָפּאָרציע, עפּיס פאַסט דאָ נישט דער פועל-יוצא צו די ראיות, וואָס מען האָט געבראַכט; עפּיס איז איינס צו אונגעהויער גרויס, דאָס אַנדערע צו נישטיג. און טאַקע: אונז שטעלט מען דידאָזיגע וועלט-פראַגע—צי זאָל דאָס פאָלק לעבען, צי זאָל עס שטאַרבען? און וואָסערע ראיות ברענגט מען? די שמערצען פון צוויי-דריי דורות, וואָס וואָלטען געמוזט דורכליידען די איבערגאַנגסצייט פון דער אַסימילאַציע. אָט צוליעב די צוויי-דריי דורות הייסט מען אונז, מיר זאָלען פסק׳ענען: דאָס יודישע פאָלק מוז

לעבען. דאָס איז אָבער קיין ראיה נישט. מען קאָן זיך נישט אָבזאָגען פון קיין ענדציעל נאָר דערפאַר, וואָס צו דעם ציעל ווערט פיהרען אַ שמערצליכע איבערגאַנגס-צייט. יעדער איבערגאַנג איז שמערצליך. אָבער אויב ער פיהרט סוף-כל-סוף צו אַ געווינשטען רעזולטאַט, מוז מען געדולדיג איבערטראָגען די דערווייליגע אונבעקוועמליכקייטען. מען מוז, הייסט עס, קודם-כל זיך קלאָר מאַכען, צי איז ווינשענסווערט דער ציעל אַליין. און וואָס קאָן מען דען פון דעם שטאַנדפונקט אָבענטפערן די „פּוטער-ברויט“-אַסימילאַטאָרען, וועלכע טענה׳ן, אַז ווערען „אויס יוד“ איז בעקוועמער, איידער טראָגען דעם יאָך פון יודישקייט און זיין צו שפּאָט און צו שאַנד; די שמערצען פון דער אַסימילאַציאָנס-צייט וועלען נישט לאַנג דויערן (פון היסטאָרישען שטאַנדפונקט), דערפאַר ווערט דער געווינס זיין גרויס, ווען דאָס יודענטום ווערט זיך צושמעלצען צווישען די אַרומיגע פעלקער. נאַטירליך, וואָלט מען געגען אַזוינע טענות זעהר פיעל געקאָנט ענטפערן—פון דעם שטאַנדפונקט פון מעגליכקייט, פון מאָראַל און אַזוי ווייטער; מיר האָבען אָבער אָבגערעדט, אַז מיר שטעהען אויפ׳ן שטאַנדפונקט פון „אינטערעסען“. און ווען מען שטעלט די פראַגע אַזוי: אין וואָס איז די נאַציע—די יודישע—מעהר פּערזאינטערעסירט, צי אין דעם צושמאָלצען ווערען אין אַנדערע נאַציעס, צי אין בלייבען; ווען מען פרעגט: וואָס איז נוצליכער פאַר דער נאַציע (דאָס הייסט פאַר דער סומע פון איהרע מיטגלידער—היינטיגע און צוקונפטיגע)—איז שווער צו זאָגען, ווער עס איז מעהר גערעכט, צי דער, וואָס וויל בעסער איצט אָבליידען, כדי צו געניסען שפּעטער די גליקען פון דער אַסימילאַציע, אָדער דער, וואָס וויל איצט נישט ליידען די חבלי-אַסימילאַציע און איז בעסער גרייט צו טראָגען די לאַנג-דויערנדיגע אונבעקוועמליכקייט פון דער „נאַציאָנאַליזאַציע“.

עס איז שווער צו זאָגען, וועלכע פון די ביידע מיינונגען איז מעהר ריכטיג, ס׳איז אָבער נישט שווער צו דערקאָנען, אַז זיי זענען ביידע... אַלץ-איינס אומגעלומפּערט.

אומגעלומפּערט איז די פראַגע גופא, וואָס זאָל די נאַציע

טהאָן—פערשווינדען אָדער בלייבען. וואָרום נאַציעס אַסי־מילירען זיך און בלייבען נישט ביים לעבען אויף בעשטעלונג. און דערין ליעגט דער קאָמיזם פון די אַלע שמועסען אויף דער טעמע: זיין צי נישט זיין.

„זאָל זיין, אַז די געשיכטע האָט גוזר-געווען, אַז די יו־דען דאַרפען זיך אַסימילירען מיט אַנדערע פעלקער, מיר פון אונזער צד וועלען נישט לעגען קיין כחות אָבצוהאַלטען דעמדאָ־זיגען פּראָצעס, נישט אונטערצוהאַלטען איהם.״ איז דען טאַקע באמת פאַרהאַן אַזאַ שרעקליכע אפיקורסות אין דידאָזיגע ווערטער פון מיין אַלטער בראָשור?

קודם-כל מוזען מיר אויסשליסען פון אונזער בעטראַכ־טונג די אַסימילאַציע איבער-געוואַלט. אַז מיר זענען גרייט צו קעמפען געגען אַלע פאָרמען פון אונטערדריקונג, האָ־בען מיר שוין בעוויזען גענוג, און וועגען דעם איז איצט אי־בעריג צו ריידען. „וואָס פאַר אַ גאַנג די געשיכטע זאָל נישט אָננעהמען—האָב איך געשריבען מיט עטליכע שורות ווייטער—, וועלכע האָפנונגען דער היסטאָרישער פּראָצעס זאָל נישט געבען דער נאַציע,—צי איז איהר בעשערט אָנצעווערען אָדער צו פער־שטאַרקען איהר אייגענטימליכע נאַציאָנאַלע געשטאַלט,—דערדאָזי־גער פּראָצעס מוז על-כל-פנים אָבגעהן פריי.״

נייטראַל, הייסט עס, קאָנען מיר זיין נאָר בנוגע צו פריי־ער אַסימילאַציע. נאָר וואָס הייסט דען „פרייע״ אַסימילאַציע? פרייע אַסימילאַציע אין דעם בוכשטעבליכען זין פון וואָרט איז אייגענטליך נישטאָ. אָהן דער ווירקונג פון די אַרומיגע בעדינ־גונגען אַסימילירט זיך נישט קיין נאַציע. אָבער אַ ווירקונג צו אַ ווירקונג איז פאָרט נישט גלייך. פאַרהאַן אַזוינע, וואָס מען קאָן זיי בייקומען, און פאַרהאַן אַזוינע, וואָס מיט מענשליכע מיטלען קאָן מען דאָ גאָרנישט אויפטהאָן. מיר קאָנען, ווען מיר האָבען נאָר גענוג קרעפטען, בעפרייען אונזער נאַציע פון די־רעקטען פּאָליטישען און פּאָליצייאישען דרוק; מיר קאָנען זי בע־פרייען אויך פון אונדירעקטען דרוק (אַזאַ מין דרוק איז פאַרהאַן, ווען די נאַציע האָט נישט איהר נאַציאָנאַלע שול, און די קינ־

דער מ ו ז ע ן בעזוכען פרעמדע שולען; אָדער ווען די רעכט פון דער מוטער-שפּראַך ווערען נישט גענוג געשיצט, אַזוי אַז מען מ ו ז בענוצען אַן׳אַנדער שפּראַך; אָדער ווען עס פעהלען נאַציאָ- נאַלע אַנשטאַלטען און דאָס צ ו וי נ ג ט צו ווענדען זיך צו אַנ- דערע), מיר קאָנען קעמפען געגען יענע ווירקונגען, וועלכע שטרעבען דורך דירעקטען אָדער אונדירעקטען צוואַנג אָבצוריי- סען דעם יחיד פון זיין אייגענער נאַציאָנאַלער סביבה. וואָס טהוט מען אָבער, אַז דידאָזיגע סביבה הויבט-אָן אַליין צו פוילען, אַז זי ווערט ביסלעכווייז צושאָטען? וואָס טהוט מען, ווען דאָ ווירקט נישט קיין צוואַנג, נישט קיין רעכטלאָזיגקייט (שטעלט אייך פאָר, אַז ס׳איז דאָ פאַרהאַן אי רעכט, אי נאַציאָנאַלע אוי- טאָנאָמיע, אי אייגענע שולען, אי די גלייכבערעכטיגונג פון דער שפּראַך), נאָר עס ווירקען א ו י ס ע ר-ר ע כ ט ל י כ ע פאַקטאָרען, ווי דאָס אַרומיגע עקאָנאָמישע און קולטורעלע לעבען? ווען דער ריזיגער קעסעל פון דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט קאָכט-אי- בער די נאַציע ווי אַ קערנדעל, ווען די ריזיגע קאַפּיטאַליסטישע מאַשין צורייבט זי מיט איהרע מיהל-שטיינער, פערוואַנדעלט זי אין דינעם שטויב, פערשפּרייט איהרע מיטגלידער איבער דער גאַנצער ערד, רייסט זיי אָב איינס פון דעם צווייטען, מאַכט פון זיי איינצעלנע אָבגעזונדערטע זעמדעלעך און פערבינדט יעדעס זעמדעלע דורך טויזענדער פעדים מיט אַ פרעמדער, אַ גרויסער און שטאַרקער נאַציע און פערשמעלצט זי מיט דערדאָזיגער פרעמדער נאַציע אין איין קאָלאָסאַלען אָרגאַניזם, אין וועלכען עס פערשווינדען אָהן אַ שפּור די רעכטען פון דער פריהערדיגער נאַציאָנאַלער קרובה׳שאַפט,—מיט איין וואָרט, ווען די קראַפט פון אָט דער אויסער-רעכטליכער, אויסער-פּאָליטישער, ריין קולטורע- לער און עקאָנאָמישער אַסימילאַציע איז טאַקע באמת אַזוי גרויס, ווי אייניגע רעכענען, טאָ פרעגט זיך: צי קאָנען מיר קעמפען געגען דעמדאָזיגען אונגעהויערן סטיכישען פּראָצעס? דאָס איז אַ פּראָצעס, אין וועלכען עס צוגעהט ביסלעכווייז די נאַציע—אָבער שוין נישט נאָר איהרע אויבערשטע שיכטען, נישט איינצעלנע מענשען, נישט די עלעמענטען, וואָס געפינען זיך אויף דער ג ר ע-

ניין פון דעם נאַציאָנאַלען קערפּער, נאָר טאַקע דער גאַנצער נאַציאָנאַלער קערפּער, די נאַציע אינגאַנצען, דורך און דורך, פון אויבען ביז אַראָב; אין דעם פּראָצעס צוגעהט אַ נאַציע, וועלכע איז שוין לכתחילה צושפּאָלטען אויף טויזענדער איינצעלנע, צוווי־שען זיך נישט פערבונדענע שטיקלעך; אין דעם פּראָצעס לאָזט זיך פיהלען אַ נייע „כעמישע קרובה'שאַפט" צו אַן'אַנדער נאַציע, — אַ קרובה'שאַפט, וואָס מאַכט דאָס צוגעהן, דאָס צושמאָלצען־ווערען פאַר אַ לעבענס־נויטווענדיגקייט פאַר יעדען איינצעלנעם טייל פון דעם אַלטען גוף. קאָן מען געגען אַזאַ פּראָצעס קעמפען?

און צוליעב וואָס קעמפען? צוליעב אַן'אידעע! צי קאָן מען דען אין נאָמען פון אַן'אידעע קעמפען געגען די בעדערפניששען פון לעבען? פון וואַנען קאָן אַ נאַציע, וואָס האַלט אין שטאַרבען, בעקומען קרעפטען צו דערהאַלטען זיך ביים לעבען? וואו איז דער קוואַל פון אַזוינע קרעפטען? דער „נאַציאָנאַלער ווילען"? דער ווילען געהט אָבער אויפ'ן וועג פון די בעדערפנישען. נישט געגען זיי. שטאַרבט אַ נאַציע, הויבט עס זיך אָן פון דעם אָבשטאַרבען פון דעם „ווילען". אין אַ דייטשער מעשה ווערט דערצעהלט וועגען אַ באַראָן, וואָס שלעפּט זיך אַליין אַרויס פאַר די האָהר פון דעם זומפּ, איז דאָס אָבער נאָר אַ בבא־מעשה.

איך מוז אונטערשטרייכען מיט דער גרעסטער ענטשידענהייט: איך זאָג דאָ נישט קיין נביאות, איך מיין נישט, אַז דאָס יודענטום ווערט טאַקע זיין אין דער'אמת'ן אַזוי צושפּרייט און צושאָטען; איך רעכען נישט, אַז אַזאַ פּערספּעקטיוו איז וואַהרשיינליך; איך האָב דאָס בילד פאָרגעשטעלט נאָר אַלס אַ היפּאָטעטישען פאַל, אַלס אַ השערה. מיר האָבען דאָך אָנגעהויבען רייִדען וועגען דעם, וואָס וועט זיין, אויב די נאַציע איז פער'משפּט פערשוואונדען צו ווערען. אָט דעמדאָזיגען „אויב" קאָן מען זיך פאָרשטעלען נאָר אין אַזאַ פאָרם, אַז די נאַציאָנאַלע סביבה וועט ווערען צושטויבט און צושאָטען. און ווען מען בעשולדיגט אונז, אַז מיר ווילען קוקען גלייכגילטיג, ווי די נאַציע געהט־אונטער, ענטפער איך: אָט אַזוי און נאָר אַזוי קאָן אונטערגעהן אַ נאַציע, ווען עס איז איהר בעשערט צו פערשווינדען; אָט דאָס

דאַרף מען פערשטעהן אונטער די ווערטער: דאָס יודענטום געהט אונטער; אָט דאָס הייסט אַ ווירקליכע און ראַדיקאַלע אַסימילאַציע. און אויב דאָס זאָל טאַקע אין דער'אמת'ן געשעהן, וואָלטען מיר געווען מאַכטלאָז. אויב דאָס וואָלט פאָרגעקומען, וואָלטען מיר נישט געקאָנט ראַטעווען די נאַציע פון אונטערגאַנג.

און אויב דאָס וועט נישט פאָרקומען (אָדער מיט אַנדערע ווערטער: אַזוי ווי דאָס וועט גיכער פאַר אַלץ נישט פאָרקומען), איז נישטאָ קיין פערספּעקטיוו פון אונטערגאַנג, הייסט עס—מיר דאַרפען ווידער נישט פערענטפערן די פראַגע פון „זיין צי נישט זיין".

דאָס הייסט נישט, אַז מיר פרעדיגען פאַטאַליזם. מיר ווייסען זעהר גוט, אַז אין דעם קאָמפּלעקס פון קרעפטען, פון וועלכע די געשיכטע וועט צוזאַמענגעשטעלט ווערען, וועלען אונזערע בעמיהונגען אויך פערנעהמען אַ געוויסען פּלאַץ. אָבער מיר ווייסען, אַז די ענטשיידענדיגע ראָליע שפּיעלט דער קאַמף פון די אינטערעסען, און די בעוואוסטזיניגע שטרעבונגען און בעוואוסטזיניגע אַרבייט קאָנען נאָר דאַן האָבען אַ ווירקונג אין היסטאָרישען פּראָצעס, ווען זיי דיענען די לעבענס-בעדערפנישען און די לעבענס-אינטערעסען. דאָס איינציגע, וואָס מיר קאָנען טהאָן, איז—זאָרגען פאַר דידאָזיגע אינטערעסען. און דאָס טהוען מיר.

די מאַסען האָבען קולטורעלע אינטערעסען. די מאַסען דאַרפען אַ שול, א נאַציאָנאַלע שול,—שטרעבען מיר זיי דאָס צו געבען. די מאַסען דאַרפען אַ נאַציאָנאַלע ליטעראַטור, די מאַסען דאַרפען די מוטער-שפּראַך אין דעם געזעלשאַפטליכען און פּאָליטישען לעבען,—שטרעבען מיר צו שיצען די רעכטע פון דערדאָזיגער שפּראַך און דערשלאָגען זיך, מען זאָל זי אָנערקענען (אָנערקענען נישט נאָר דרויסען, אין פּאָליטישען זין, נאָר אויך אינוועניג, אין דער יודישער סביבה גופא) און אַזוי ווייטער. און מיר טהוען דערמיט נישט קיין קלענערע פּאָזיטיווע אַרבייט, איידער אונזערע געגנער. דער חילוק איז נאָר, וואָס מיר האָבען אַ פעסטען פונדאַמענט און קאָנען שטענדיג זאָגען, פאַרוואָס פערטיידיגען מיר איינס און פערוואַרפען דאָס צווייטע.

ה. מעדעם.

פאַרהאַן מאָמענטען, ווען מיר שטעהען בשכנות צו די נאַציאָנאַליסטען, ווען מיר שטעלען-אַרויס די אייגענע פאָדערונגען, ווי זיי. מיר פערגעסען אָבער נישט, אַז דאָס איז אַ צופעליגע שכנות׳שאַפט, אַז צווישען אונז ליעגט אַ תהום. מיר געהערן צו פערשידענע וועלטען, און אויב עס טרעפט זיך, אַז אונזערע וועגען בעגעגענען זיך אויף אַ קורצער רגע, דאַרפען מיר דעריבער נאָך מיט גרעסערער אויפמערקזאַמקייט פיהרען ווייטער אונזער אייגענע ליניע.

טיפֿער אין לעבען.

I.

יעדע פאָלקס-בעוועגונג, יעדע מאַסען-בעוועגונג האָט איהר צענטראַל-נערוו. זי האָט אַ הויפּט-מאָטיוו, וואָס געהט-דורך ווי אַ רויטער פאָדים דורך איהר גאַנצען שטרעבען און טראַכטען און וואָס לעגט-אַרויף אַ בולט׳ן שטעמפּעל אויפ׳ן גאַנצען כאַראַקטער פון דער בעוועגונג. דער רויטער פאָדים, וואָס ציהט זיך דורך דער מאָדערנער פּראָלעטאַרישער בעוועגונג, איז דער קלאַסען-געדאַנק.

ווען דער מאַסאָווער אַרבייטער, אַ פּשוטער, נישט קיין בעוואוסטזיניגער, אַנ׳אַרבייטער פון אַ גאַנץ יאָהר, ווערט אַריינגע-צויגען אין דער מאָדערנער אַרבייטער-בעוועגונג, איז דאָס אַ סימן, אַז עס האָט דערוואַכט ביי איהם זיין קלאַסען-אינסטינקט. אַנ׳-עלעמענטאַר, סטיכיש געפיהל ווערט לעבעדיג אין זיין נשמה, אַ געפיהל: דאָ שטעה איך און דאָ שטעהט—אַנטקעגען מיר דער בעל-הבית. דידאָזיגע אַנטקעגענשטעלונג איז די ערשטע זאַך, וואָס עס וואַרפט זיך איהם אין די אויגען, וואָס ציהט-צו זיין אויפמערקזאַמקייט, וואָס וועקט-אויף זיין אינטערעס צום געזעל-שאַפטליכען לעבען, וואָס וואַרפט דעם ערשטען שטראַהל ליכט אויפ׳ן קאָמפּליצירטען, נישט-פערשטענדליכען, פערפלאָנטערטען מישמאַש פונ׳ם מאָדערנעם לעבען. דער אַרבייטער בעקומט אַ לייטשטערען פאַר זיין טראַכטען, אַ וועגוויייזער פאַר זיין שטרע-בען און דער כאַאָס פונ׳ם היינטיגען לעבען, וואָס פלעגט איהם אַרומנעהמען ווי אַ שווערער געדיכטער נעבעל, הויבט-אָן צו בעקו-מען אַנ׳אָרדנונג, הויבט-אָן אַרויסצעווייזען זיין אינערליכע סיס-טעם.

בעת די אַרבייטער־בעוועגונג איז נאָך יונג, איז איהר אינ־האַלט אָרים. אמת, די פּיאָנערן, די פיהרער און דער שמאָלער שיכט פון אויסדערוועהלטע, וואָס בעקומען זייער געזעלשאַפטלי־כע ערציהונג אין די שמאָלע קרייזלעך,—זיי פלעגען פערמאָגען אַ רייכע און אויסגעבילדעטע וועלט־אַנשויאונג. נאָר די מאַסע, דער ברייטער עולם, וואָס קען נישט בעאַרבייט ווערען אין די קרייזלעך, האָט פון אָנהויבאָן מעהר נישט איין ליכט־שטראַהל. אַ הויפּט־געדאַנק איז דאָ, אַ הויפּט־שטימונג איז פאַרהאַן. נאָר די גאַנצע סומע פון די פערפלאָנטערטע ערשיינונגען פונ׳ם היינ־טיגען לעבען, די גאַנצע סומע פון די אויפגאַבען, וואָס ווערען אַרויסגערופען דורך די מאָדערנע פּאָליטישע, קולטורעלע, נאַציאָ־נאַלע בעציהונגען, קענען נאָך נישט געפינען פּאַר זיך אַן אָרט אינ׳ם מח פון דעם מאַסען־מענשען. ער זעהט זיך און דעם בעל־הבית, ער זעהט דעם היפך צווישען דיביידע צדדים. און דאָס איז דערווייל אַלץ.

מיט דעם דערקלערט זיך, וואָס די נאַציאָנאַלע פראַגע גע־פינט זיך דאָס רוב אויסער דעם האָריזאָנט פון אַ יונגער קלאַסען־בעוועגונג. די נייע אידעע—„איך און מיין בעל־הבית״—שלינגט איין די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט פון דעם נאָר־וואָס דערוואַכטען מח. אַ קינד, וואָס האָט אָנגעהויבען לערנען דעם אַלף־בית און קען שוין די ערשטע פּאָר אותיות, געהט איבער די גאַסען, בע־קוקט די שילדען פון די קראָמען און זוכט־אַרויס די פּאָר אותיות, וואָס זענען איהם בעקאַנט. די פּאָר אותיות זעהט עס, אַלע איב־ריגע גיסען זיך אין זיינע אויגען צוזאַמען אין אַ גרויע, נישט פערשטענדליכע פּלאָנטערניש. עס זעהט נאָר דאָס, וואָס עס האָט שוין אויסגעלערנט. דאָס איבריגע אינטערעסירט איהם נישט, דאָס איבריגע עקזיסטירט פּאַר איהם נישט.

בעת דער אַרבייטער ווייס נאָר די ערשטע אותיות פון זיין קלאַסען־אַלף־בית, זעהט ער נאָר דאָס, וואָס קען אויסגעע־דריקט ווערען דורך דידאָזיגע פּאָר אותיות. די נאַציאָנאַלע פראַ־גע איז נישטאָ. אפשר האָט ער עפּיס געהערט פון דערווייטען ריידען וועגען; „נאַציאָנאַלע״ זאַכען; אפשר האָט ער אַמאָל אַליין

דערשפירט אין זיך עפּיס אַ מין נאַציאָנאַלעס געפיהל; נאָר איצט איז דאָס איהם פרעמד.

ווייל צו דעם שטיקעל נייע תורה, וואָס האָט זיך געעפענט פאַר זיינע אויגען, האָבען די אַלע זאַכען קיין שום שייכות נישט. דאָס איז גאָר אַן אַנדער וועלט. אויף דערדאָזיגער וועלט פאַלט נישט קיין שטראַהל פון דעם נייעם לייט-שטערען: הייסט עס, די וועלט איז אַ פרעמדע, אַ פיינדליכע. און עס בעשאַפט זיך אַ שטימונג: די אַרבייטער ווייסען נישט פון קיין נאַציעס

דאָס זענען די קינדער-יאָהרען פון דער אַרבייטער-בעוועגונג. עס פערגעהען יאָהרען. מען וואַקסט און מען לערנט זיך. נישט בלויז פון די ביכער, נאָר פונ'ם לעבען גופא, און דער האָריזאָנט ווערט ברייטער.

מען הויבט-אָן צו פערשטעהן: דער געגענזאַץ „איך און מיין בעל-הבית" איז נאָך נישט די גאַנצע תורה. דער יסוד פון דעם מאָדערנעם לעבען איז ער טאַקי, נאָר נישט דאָס גאַנצע לעבען. דער רוקענביין פונ'ם געזעלשאַפטליכען גוף איז ער טאַקי, נאָר קיין גוף בעשטעהט נישט בלויז פונ'ם רוקענביין אַליין.

הויבט מען אָן זיך פונאַנדערקלייבען אין די אַלע ביינער, אין דעם אַלעם פלייש און בלוט, וואָס האַלט זיך אויפ'ן רוקענביין. הויבט מען אָן אַרויסצוגעפינען די בעציהונגען צווישען די איינצעלנע טיילען. הויבט מען אָן צו דערזעהן די סאָציאַלע געגענזאַצען נישט נאָר דאָרטען, וואו זיי טרעטען-אַרויס מיט עלעמענטאַרער דייטליכקייט — אין דער פאַבריק, אין דער ווערקשטאַט, — נאָר טאַקי אויך דאָרטען, וואו זיי בעהאַלטען זיך אונטער אַ שאָלעכץ, וואָס מען מוז ערשט אָבשיילען, כדי צו קומען צום אמת'ן קערן.

און אַזוי האָט מען דערזעהן, אַז די סאָציאַלע פראַגע און די נאַציאָנאַלע פראַגע זענען נישט קיין צוויי בעזונדערע זאַכען, וואָס געהערען צו צוויי גאָר פערשידענע וועלטען. מען האָט פערשטאַנען, אַז די נאַציאָנאַלע פראַגע ציהט איהר יניקה פון בעשטימטע סאָציאַלע קרעפטען, און אַז די נאַציאָנאַלע אונטערדריקונג איז איינע פון די פאָרמען פון דער סאָציאַלער

ז. מעדעם.

קנעכטשאַפט.

דער אַרבייטער הויבט-אָן צו דערזעהן די נאַציאָנאַלע פראַגע. נאָר פון דערזעהן ביז צום פערענטפערן זי פיהרט אַ לאַנגער וועג.

דער יודישער אַרבייטער איז אַרויף אויף דעמדאָזיגען וועג שוין מיט פיעל יאָהרען צוריק.

מיטען אין לעבען.

II.

ביז'ן יאָהר 1901 האָבען די יודישע אַרבייטער נישט געהאַט קיין אייגען פּראָגראַם אין דער נאַציאָנאַ-לער פראַגע. מען האָט זיך בעגנוגענט מיט די פּאָר ווערטער, וואָס זענען געשטאַנען אינ'ם „מאַניפעסט" פון דער רוסלענד'שער סאָציאַל-דע-מאָקראַטישער פּאַרטיי, און דידאָזיגע צוויי ווערטער זענען געווען: „דאָס רעכט פון די אַלע נאַציעס אויף זעלבסטבעשטימונג".

דאָס איז געווען אַ גאַנץ ברייטע פאָדערונג: „יעדע נאַציע זאָל אַליין בעשטימען איהר גורל". און אַ שריט פאָראויס איז דאָס געווען. איך מיין: אין פערגלייך מיט דער שטימונג, וואָס וויל כּלל נישט דערזעהן די נאַציאָנאַלע פראַגע. דאָ ווערט די פראַגע, וועניגסטענס, אַנערקענט, דאָ ווערט זי, וועניגסטענס, אַוועקגע-שטעלט. נאָר אַנ'ענטפער איז דאָס נאָך נישט.

און אין דער'אמת'ן, בעת מיר פלעגען פרעגען די רוסישע חברים, וואָס מיינען זיי אייגענטליך מיט דערדאָזיגער „זעלבסט-בעשטימונג", ווי שטעלען זיי זיך דאָס קאָנקרעט פאָר, — פלעגען זיי ענטפערן: קיין קאָנקרעטע זאַך שטעלען מיר זיך בכלל נישט פאָר. מיר האָבען גאָרנישט אין זינען צו געבען אַ געוויסען ענ-טפער. מיר ווילען אַרויסזאָגען מעהר נישט אַנ'אלגעמיינעם גע-דאַנק. און דערדאָזיגער געדאַנק איז: מיר זענען געגען דער נאַ-ציאָנאַלער אונטערדריקונג.

מיר זענען געגען נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג, — האָבען ער-קלערט די רוסישע חברים, — מיר פראָטעסטירען געגען דער רוסי-שער רעגירונג און געגען די רוסישע הערשענדיגע קלאַסען, וואָס האַלטען די איבעריגע נאַציעס אונטער דעם שווערען יאָך פון

קנעכטשאַפט און רעכטלאָזיגקייט, וואָס האַלטען די „פּרעמדע״ פעלקער ביים גאָרגעל און לאָזען זיי נישט אָטעמען. און מיר ווענדען זיך צו דידאָזיגע פינסטערע כוחות מיט דער פאָדערונג: לאָזט-אָב, נעהמט-אַראָב דעם צוים!

דאָס איז געווען גאַנץ גערעכט. נאָר בעת דער רוסישער אַרבייטער קומט און זאָגט: איך וויל זיך נישט בעטייליגען אינ׳ם פערגוואַלטיגען אַנדערע נאַציעס; בעת ער זאָגט: לאָזט פאַלען די אייזערנע קייט, זאָלען זיי, דידאָזיגע נאַציעס אַליין מאַכען, וואָס זיי ווילען, איז דאָס אפשר אַ געניגענדיגער ענטפער פאַר איהם (און טאַקי מעהר נישט ווי „אפשר״), נאָר נישט פאַר „זיי״, פאַר דידאָזיגע נאַציעס גופא.

ווייל דאָס איז אייגענטליך אַן׳ענטפער פון אַ מענשען, וואָס שטעהט אָן אַ זייט. „זאָלען זיי טהאָן, וואָס זיי ווילען״—זאָגט ער. נאָר פאַר דידאָזיגע „זיי״, ווענען ער וויל פונאַנדערבינדען די הענד, איז דאָך דאָס מעהר נישט אַ העלפט פונ׳ם ענטפער, און די צווייטע העלפט בלייבט: וואָס-זשע וועלען זיי דען מאַכען מיט דידאָזיגע פרייע הענד? דער, וואָס שטעהט אָן אַ זייט, וויל זיך נישט אַריינמישען אין „זייערע״ ענינים; ער זאָגט: זאָלען „זיי״ אַליין בעשטימען זייער לעבען. נאָך פאַר אַ מענשען וואָס געהערט אַליין צו אַן׳אונטערדריקטער נאַציע, זענען דאָס נישט „זייערע״, נאָר „אונזערע״, מיינע ענינים. און וויל מען איהם געבען דאָס רעכט פריי איינצואָרדנען זיין לעבען, מוז ער דאָך טאַקי בעשטימען, ווי אַזוי ער וויל דאָס איינאָרדנען. ער מוז דאָס קלאָר בעשטימען פאַר זיך, דייטליך אַרויסזאָגען פאַר דער איבעריגער וועלט.

„זאָלען די נאַציעס בעשטימען״. איז דאָך אָבער דער אַר-בייטער אויך אַ טייל פון דידאָזיגע נאַציעס; מוז ער, הייסט דאָס, אויך בעטייליגען זיך אין דערדאָזיגער „זעלבסט-בעשטי-מונג״. מוז ער זעהן, די „בעשטימונג״ זאָל זיין אַזאַ, וואָס ענט-שפּרעכט זיינע אינטערעסען, זיינע בעדערפנישען, און דאָס מאַכט זיך נישט אין דער לעצטער מינוט. יעדער ענטפער מוז צוגע-גרייט ווערען פאָראויס. מען מוז זעהן איהם צו פערלאַפען אַ

אַנהעריג געווילט, אַ געהעריגע ווירקונג, מוז מען קודם-כל אָב-געבען זיך אַליין אַ קלאָרען דין-וחשבון: וואָס וויל איך פאַר זיך, פאַר מיין נאַציע.

עס קענען געגעבען ווערען דערויף פערשידענע תשובות. עס קען געמאָלט זיין, אַז איך וויל פאַר מיין נאַציע אַ פולע זעלבסטשטענדיגקייט, איך וויל, זי זאָל בילדען אַנ'אונאָבהענגיגע מלוכה. עס קענען אָבער געמאָלט זיין — און דאָס געשיהט טאַקי על-פי-רוב, און טאַקי ספעציעל ביי יודען, — אַז ווענען אַ זעלבסטשטענדיגער נאַציאָנאַלער מלוכה איז נישטאָ וואָס צו ריידען, און דעמאָלט מוז איך דאָך זאָגען, ווי אַזוי איך שטעל זיך פאַר די בעציהונגען צווישען מיין נאַצ ע און אַלע אַנדערע נאַציעס, וואָס געהען-אַריין אין איין-און-דערזעלבער מלוכה; וואָסערע פאָרמען דאַרפען בעשאַפען ווערען, כדי מעגליך צו מאַכען די אַלע נאַציעס בשלום צו לעבען אין די אַלגעמיינע ראַהמען פון איין מלוכה, נישט שטערענדיג איינע די צווייטע אין איהר לעבען און אַרבייט?

אויף דידאָזיגע פראַגען גיט דער לאָזונג פון „נאַציאָנאַלער זעלבסטבעשטימונג" בשום אופן נישט קיין ענטפער. און עס איז גאַנץ פערשטענדליך, אַז דער יודישער אַרבייטער, וואָס קוקט אויף דער נאַציאָנאַלער פראַגע נישט פון דער זייט, האָט נישט גע-קענט זיך איינמאָל פאַר אַלעמאָל בעגנוגענען מיט אַ פאָרמולע, וואָס רעדט וועגען דער פרייהייט פאַר „זיי" און גיט נישט קיין ענטפער וועגען די פאָדערונגען פון „אונז".

וואָסערע פאָדערונגען דאַרפען אַרויסשטעלען מיר, אַלס מיטגלידער פון אַנ'אונטערדריקטער נאַציע, און טאַקי אַלס פראָ-לעטאַרישע מיטגלידער, וואָס פיהלען דעם דרוק טיעפער און שווערער, ווי אַלע אַנדערע, — אויף דערדאָזיגער פראַגע האָט גע-קענט געגעבען אַנ'ענטפער נאָר אַ קאָנקרעט נאַציאָנאַל פראָגראַם, און אַזאַ פראָגראַם איז אָנגענומען געוואָרען אינ'ם יאָהר 1901. דער ענטפער איז געווען: די נאַציאָנאַל-קולטורעלע אויטאָנאָמיע.

עס איז נישט וויכטיג, וואָס בעת מען האָט צום ערשטען מאָל אַרויסגעשטעלט דאָסדאָזיגע פראָגראַם, וואָס איז צו יע-

נע צייט געווען גאָר ניי און אונגעוועהנליך, האָט מען איהם פאָרמולירט נשט גאָר קלאָר און דייטליך; די פּאָר טעות׳ן, וואָס האָבען זיך דאָ אַריינגע׳גנב׳עט, האָט מען אויסגעבעסערט מיט עטליכע יאָהרען שפּעטער און די צווייטע רעוואָלוציע—פונ׳ם יאָהר 1905 איז שוין געווען איינגאַנצען אויסגעהאַלטען. וויכטיג איז געווען, אַז מען האָט זיך גענומען אויסאַרבייטען אַ קאָנקרעט פּראָגראַם, וואָס זאָל טאַקי געבען אַנ׳ענטפער אויף דער עצם פּראַגע, און אַז דער הויפּטגעדאַנק, וואָס דערדאָזיגער ענטפער דריקט-אויס, איז געווען און איז געבליבען אַ ריכטיגער. וויכטיג איז, אַז דאָס איז געווען אַ שריט פאָראויס: אַוועק פונ׳ם שטעהן אָן אַ זייט, טיעפער אַריין אין דאָס לעבעדיגע לעבען.

נאָר דאָס איז פונדעסטוועגען געווען מעהר נישט איין שריט, אַ וויכטיגער, אַנ׳ערנסטער, נאָר פאָרט — איין שריט. דאָס לעבען איז אָבער טיעף און מיט איין שריט, ווי גרויס זאָל ער נישט זיין, קען מען נאָך נישט דורכגעהן דעם גאַנצען וועג.

דאָס לעבען גופא געהט איבער זיינע וועגען. קוים מאַכט מען אַ שריט, כדי אין איהם אַריינצודרינגען, עפענען זיך שוין נייע טיעפעניששען. קוים לעזט מען איין אויפגאַבע, וואַקסען-אַרויס נייע. און בעווייזט מען אַמאָל נישט צו געהן מיט איהם שריט-ביי-שריט, בלייבט מען ווידער אונגעריכטערהייט שטעהן אָן אַ זייט, ביים ברעג פון גרויסען טיעפען ים.

און אין דער פּאָזיציע גופא, וואָס מיר האָבען פערנומען אינ׳ם יאָהר 1901, איז שוין ממילא געווען בעהאַלטען אַ שטיקעל פונ׳ם אַלטען „שטעהן אָן אַ זייט".

די פראַגע, וואָס איז אין יענע צייטען געשטאַנען פאַר אונז, איז געווען: ווי גאַראַנטירט מען דער נאַציע, ביי די היינטיגע היסטאָרישע בעדינגונגען, די מעגליכקייט פריי צו ענטוויקלען איהר קולטור? דער ענטפער איז געווען: דאָס ווערט דערגרייכט דורך בעשטימטע מלוכה־פאָרמען, דורך דער נאַציאָנאַל-קולטורעלער אויטאָנאָמיע, וואָס גיט-איבער אין רשות פון דער נאַציע אַליין איהרע קולטורעלע ענינים. פאַר אַ „געוועהנליכער" נאַציע וואָלט דאָס געווען אַ גענוגענדיגער ענטפער פאַר יודען

אָבער איז דאָס געווען ווייניג.

און ווייניג איז דאָס געווען דערפאַר, ווייל ביי יודען האָט זיך געמוזט שטעלען נאָך אַ בעזונדערע פראַגע: וואָס וועט זיין, אַז יודען וועלען בעקומען אַזאַ געזעצליכע גאַראַנטיע? מלוכה-פאָרמען, וואָס זאָלען בעשיצען די פרייע קולטורעלע ענט-ווויקלונג, קען מען שאַפען, אַנ'אויסערליכע וואַנד, וואָס וועט נישט צולאָזען צו זיי די בייזע ווינדטען פון נאַציאָנאַלען האַס, קען מען אויפבויען. נאָר ווי האַלט עס מיט דעם אינערליכען קולטור לע-בען פון די יודען גופא? וועלען זיך יודען ענטוויקלען אַלס אַ נאַציע? צי וועט דאָ זיין דער ווייגגאָרטען. וואָס דידאָזיגע מוי-ערן זאָלען שיצען? צי וויל מען דאָ נישט בויען אַ פאַרקאַן אַרום אַ ליידיג אָרט?

אויף דידאָזיגע פראַגען פלעגען מיר ענטפערן: דאָס ווייסען מיר נישט און דאָס איז נישט קיין נפקא מינא.

צי די געשיכטע—האָבען מיר געזאָגט—וועט אַוועקפיהרען די יודען אויפ'ן וועג פון דער אסימילאַציע, צווינגען די יודישע פאָלקס-מאַסען זיך צונויפגיסען מיט די אַרומיגע פעלקער און ווע-רען אויף אַזאַ אופן אויס יודען, צי זי וועט ברענגען דערצו, אַז די יודישע קולטור זאָל אויפבליהען און זיך ענטוויקלען אַלס אַ יודישע און יודען וועלען ווייטער בעשטעהן אַלס אַ בעזונ-דער פאָלק אין דער גרויסער פעלקער-משפחה,—איןביידע פאַ-לען דאַרפען מיר זעהן, דער גורל זאָל ענטשידען ווערען ביי פרייע בעדינגונגען.

אויב די יודען וועלען עקזיסטירען אַלס נאַציע, דאַרפען זיי געוויס האָבען נאַציאָנאַלע פרייהייט. נאָר אפילו אין דעם פאַל, ווען דאָס לעבען וועט זיי פיהרען צו דער אַסימילאַציע, זאָלען זיי זיך אַסימילירען נישט ווייל מען צווינגט זיי דערצו דורך גירושים און צוואַנג-געזעצען, און נישט אויף וויפיעל מען צווינגט זיי דערצו, נאָר זאָלען זיי דאָס טהאָן אויך אַלס פרייע מענשען, אויף וויפיעל זיי פיהלען אַנ'ענטשפרעכענדיגע בעדערפניש און קלויבען-אויס זייער וועג לויט זייער אייגענעם ווילען און זייער אייגענעם פערשטאַנד.

ז. מעדעם.

אויף אַזאַ אופן האָבען מיר געוואָלט אויסבויען אַ יודישען שוצמויער אויףביידע פאַלען. אויב די יודען וועלען האָבען דאָס בעדערפניש, וועלען זיי אין זייער גאָרטען פלאַנצען אייגענע יודישע געוויקסען; וועלען זיי דאָס נישט דאַרפען—וועלען זיי ביי זיך זייהען די זאָמען פון פרעמדער תבואה, אָדער אפשר גאָר פערלאָזען זייער אייגענעם גאָרטען און ביסלעכווייז אַריבערגעהען אין די גאָרטענס פון די שכנים; דאָס טויער וועט דאָך סיי-ווי זיין ברייט אָפען.

ווי די געשיכטליכע נויטוועגדיגקייט וועט בעשטימען, אַזוי זאָל זיין און אַזוי וועט זיין. מיר ווילען מעהר נישט, די ענטוויקלונג זאָל געהן נאָרמאַל, אָהן שטערענישען, אָהן צוואַנג, אָהן נאַציאָנאַלען קאַמף און שנאָה. וואָס דאַרף געשעהן, — זאָל געשעהן. מיר שטעהען אויף דער וואַך פון דער פרייהייט.

דאָס אַלץ איז געווען זעהר לאָגיש און אויסגעהאַלטען. נאָר אויסער דער לאָגיק פונ׳ם מענשליכען מוח, איז נאָך פאַרהאַן אַ לאָגיק פונ׳ם געזעלשאַפטליכען לעבען. זי איז שטאַרקער פון יענער, פון דער געדאַנקען-לאָגיק, נאָר נישט אַלעמאָל גיט זי קלאָר צו וויסען, וואָס זי מאָהנט. איהר קול איז געווען פאַר אונז נישט גענוג דייטליך, און דעריבער איז אונזער נייטראַליזם געבליבען שטעהן מיט איין פוס אויף דער ערד, מיט דעם צווייטען—געבליבען הענגען אין דער לופטען.

III.

בעת אַ דאָקטאָר קומט צו אַ קראַנקען און קען אויפ'ן ערשטען קוק נישט בעשטימען, אין וואָס בעשטעהט די קרענק, פערשרייבט ער אַמאָל אַ מין נייטראַלע רפואה, אַ רפואה, וואָס וועט אין קיין פאַל נישט ברענגען קיין שאָדען — אַלצאיינס, צי עס וועט זיך מיט אַ פאָר טעג שפעטער אויסלאָזען, אַז די קרענק הייסט טיפוס אָדער אינפלוענציע; אַ רפואה אויף אַלע פאַלען.

נאָר בעת עס האַנדעלט זיך נישט וועגען אַ קראַנקען יחיד, נאָר וועגען אַ ליידענדיג פאָלק, וועגען אַנ'אויסגעמוטשעטען געזעלשאַפטליכען אָרגאַניזם, קענען דאָ שוין נישט העלפען קיין זייטיגע דאָקטוירים: דער געזעלשאַפטליכער גוף היילט זיך אַליין.

אפילו ביי אַ פערזענליכער פיזישער קרענק איז די ראָליע פון אַ דאָקטאָר נישט אַזוי גרויס, ווי עס קען זיך אויסדוכטען אויפ'ן ערשטען קוק. אויך דאָרטען קעמפט דער אָרגאַניזם גופא מיט דער קרענק. עס ענטשטעהען אין איהם גופא געוויסע קרעפטען, וואָס נעהמען זיך צו קעמפען געגען די שעדליכע ווירקונגען, און אַלץ, וואָס דער דאָקטאָר קען דאָ טהאָן, בעשטעהט מעהר נישט אין מיטהעלפען דידאָזיגע קרעפטען אין זייער קאַמף.

אין אַ סך אַ גרעסערער מאָס איז דאָס ריכטיג בנוגע דעם געזעלשאַפטליכען קערפער, בנוגע די סאָציאַלע, פּאָליטישע און נאַציאָנאַלע ליידען. דאָ קען העלפען טאַקי נאָר דער קאַמף פון די אינערליכע קרעפטען, וואָס ווערען געבוירען אינ'ם שויס פון דעמדאָזיגען געזעלשאַפטליכען אָרגאַניזם. די קרענק ברענגט ליידען. די ליידען שטופען דעם מענשען דערצו, ער זאָלען פון זיי

פטור-ווערען; זיי שטופען צו אַקטיווּיטעט, צו ווידערשטאַנד, און אין דעם בעשטעהט די רפואה.

אַנ׳אויסדרוק פון אַזאַ אַקטיוויטעט, פון אַזאַ ווידערשטאַנד זענען די פּאָליטישע פּראָגראַמען. אַ פּאָליטיש פּראָגראַם איז נישט קיין רעצעפּט, וואָס מען קען אָנשרייבען לויט׳ן ווילען אויף אַ בויגען פּאַפּיר. אַ פּאָליטיש פּראָגראַם—איך מיין אַזאַ פּראָגראַם, וואָס זאָל זיין נישט בלויז לאָגיש און אויסגעהאַלטען, נאָר אויך האָבען אין זיך אַ געוויסע לעבענסקראַפט,—איז מעהר נישט לפנים אַזאַ זאַך, וואָס מען קען עס אויסטראַכטען, זיצענדיג אין קאַבינעט מיט אַ פּען אין האַנד. אין דער׳אמת׳ען איז עס אַנ׳אויסדרוק פון אַ בעדערפניש, וואָס דער געזעלשאַפטליכער אָרגאַניזם אָדער זיינע איינצעלנע טיילען דערשפירען אין זייער לעבען גופא. אַ פּראָגראַם איז אַ שטראָם-וועג, מיט וועלכען עס פליסט דער טייך פון די געזעלשאַפטליכע קרעפטען. די ריכטונג פונ׳ם שטראָם ווענדט זיך אָן דעם, וואָסערע קרעפטען זענען דאָס און וואָס פאַר אַ וועהטאָג רופט-אַרויס זייערע ליידען און זייער ווידערשטאַנד.

אַ זייטיגער דאָקטאָר קען ביי זיך האָבען פערשידענע רפואות אויף פערשידענע פאַלען. אָבער דער קראַנקער אָרגאַניזם גופא שפירט אין זיך אַ בעשטימטען וועהטאָג. דער בעשטימטער וועהטאָג רופט אין איהם אַרויס אַ בעשטימטען דראַנג, צו בעזייטיגען דאָס, וואָס רופט-אַרויס דעם וועהטאָג. נאָר דעמאָלט דערוואַכט די מאסען-ענערגיע און נאָר דעמאָלט שטעהען-צו די פאָלקסמאַסען צו אַ פּראָגראַם—צו דעם פּראָגראַם, וואָס ווייזט זיי אָן דעם וועג זיך צו בעפרייען פון דער קרענק.

און אויב אַזוי, מוז יעדעס פּראָגראַם זיין אַ נויטווענדיגער ענטפער אויף אַ בעשטימטער קרענק. אַזאַ ענטפער, וואָס מען קען זיך נישט בעגעהן אָהן איהם, וואָס דאָס לעבען גופא שטופּט די מאַסען, זיי זאָלען זיך צו איהם דערשלאָגען.

מיר האָבען דאָס נישט גענומען אין אַכט אין אַ געהעריגער מאָס. מיר האָבען זיך פאָרגעשטעלט, אַז אונזער נאַציאָנאַל פּראָגראַם—די נאַציאָנאַל-קולטורעלע אויטאָנאָמיע—קען דיענען אַלס

אַ רפואה פאַר צוויי פערשידענע וועהטאָגען, און דאָס איז געווען דער חסרון, אויב נישט פונ׳ם פּראָגראַם גופא, איז פון דעם אופן, ווי אַזוי מיר האָבען עס דערקלערט און בעגרינדעט.

מיר האָבען געמיינט: די אויטאָנאָמיע בעדייט פרייהייט, און פרייהייט קען דאָך קיינמאָל נישט שאָדען. שאָדען קען זי טאַקי קיינמאָל נישט. נאָר פרייהייט בעקומט מען נישט אין אַנ׳אַפּטייק; פרייהייט דאַרף מען אויסקעמפען; און קיינער קעמפט נישט פאַר אַ זאַך, וואָס ער דאַרף נישט האָבען אונבעדינגט נויטיג.

און מיר האָבען זיך דאָך אַליין פאָרגעשטעלט אַזאַ פאַל— און דעם פאַל האָבען מיר נישט געהאַלטען פאַר אונמעגליך—ווען די נאַציאָנאַלע פרייהייט וואָלט געווען פאַר יודען נישט מעהר ווי אַ לוקסוס-זאַך: איך מיין דאָ דעם פאַל, ווען יודען וואָלט אין דער צוקונפט בעשערט געווען זיך צו אַסימילירען.

פאַר אַסימילאַציע בעדאַרף מען האָבען בירגערליכע פרייהייט, פּאָליטישע פרייהייט, גלייכבערעכטיגונג. געוויס. נאָר די נאַציאָנאַלע פרייהייט איז דאָך גאָר אַ בעזונדערע זאַך, די נאַציאָנאַלע פרייהייט בעדייט: די מעגליכקייט—און טאַקי אַזאַ מעגליכקייט, וואָס דאַרף גאַראַנטירט ווערען דורך ספּעציעלע איינריכטונגען—צו ענטוויקלען דאָס נאַציאָנאַלע לעבען לויט די בעדערפנישען און דעם ווילען פון דער נאַציע גופא. הייסט דאָס אָבער, אַז כדי מען זאָל שטרעבען צו דערגרייכען אַזאַ מעגליכקייט, דאַרף דאָך קודם-כל זיין אַזאַ בעדערפניש, אַזאַ ווילען. דאָס שטרעבען צו נאַציאָנאַלער פרייהייט איז אייגענטליך אַ פערטיידיגונגס-דראַנג. כדי אַזאַ דראַנג זאָל זיך בעווייזען, דאַרף דאָך זיין עפּיס, וואָס מען וויל פערטיידיגען. מען שטרעבט צו פרייהייט, כדי צו קורירען אַ קרענק, דאַרף דאָך קודם-כל זיין דער ענטשפּרעכענדיגער וועהטאָג, וואָס דריקט און פּייניגט און לאָזט נישט לעבען. אַז אַזאַ וועהטאָג איז נישטאָ, פרעגט מען נישט אויף קיין שום רפואות, בפרט נאָך, אַז צו בעקומען די רפואה, קאָסט אַזויפיעל אַרבייט און מיה.

קורץ געזאָגט: אַ נאַציאָנאַל פּראָגראַם איז אַנ׳אויסדרוק פון

נאַציאָנאַלע בעדערפנישען. וואו ס'איז נישטאָ קיין נאַציאָנאַלע בעדערפנישען, איז נישטאָ קיין באָדען פאַר אַ נאַציאָנאַלען פראָגראַם. אויפ'ן פּאַפּיר קען עס יאָ עקזיסטירען; אינ'ם לעבען וועט עס נישט האָבען קיין קיום.

און די פראַגע וועגען דעם, צי עס זענען פאַרהאַן אויף דער יודישער גאַס ממשות'דיגע און לאַנג-דויערנדיגע נאַציאָנאַלע בעדערפנישען,—דידאָזיגע פראַגע איז דאָך געשטאַנען גענוג ערנסט. מען פלעגט אונז זאָגען, אַז אין קולטורעלער הינזיכט ליידען יודען מעהר נישט דערפון, וואָס מען לאָזט זיי נישט אַריין אין די שולען פון די אַרומיגע פעלקער; אַז דער איינציגער דראַנג, וואָס זיי ווייזען-אַרויס, איז דער דראַנג צו רוסישער אָדער פוילישער בילדונג; איז, הייסט דאָס, די איינציגע פרייהייט, וואָס זיי בעדאַרפען—איז דאָס אָבשאַפען די פראָצענט-נאָרמע. און אַזוי וועט עס אויך זיין אין דער צוקונפט.

מוז מען טאַקי זאָגען: וואָלט דאָס געווען אַזוי—וואָלט טאַקי די נאַציאָנאַל-קולטורעלע אויטאָנאָמיע נישט געפּאַסט. נישט ווייל זי וואָלט געווען איבעריג. מען קעמפט נישט פאַר אַזעלכע מעגליכקייטען, מיט וועלכע מען וויל זיך נישט בענוצען; מען בויט טאַקי נישט אַ פאַרקאַן אַרום אַ לעדיג אָרט, וואָס מען וויל איהם סיי-ווי פערלאָזען. וואָלט דאָס נאַציאָנאַלע לעבען פון די יודען טאַקי געגאַנגען באַרג אַראָב, וואָלט די היסטאָרישע נויטווענדיגקייט אין דער'אמת'ען אָנגעצייכענט די יודען דעם וועג פון דער אַסימילאַציע, וואָלט דאָס נאַציאָנאַלע פראָגראַם געבליבען הענגען אין דער לופטען. פאַר לוקסוס-זאַכען קעמפפט מען נישט. דאָס פראָגראַם טויג נישט פאַרביידע פאַלען, נאָר פאַר איינעם.

די נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע איז נישט קיין רעצעפּט אויף אַלע פאַלען. זי קען פערווירקליכט ווער'ען נאָר אַלס רעזולטאַט פון נאַציאָנאַלע שטרעבונגען, וואָס זענען דערוואַכט געוואָרען אין דעם יודישען געזעלשאַפטליכען לעבען. און די פּאָפּולאַריטעט, וואָס זי האָט געוואונען, איז אַ סימן פון טיעפער לעבענסקראַפט, וואָס דידאָזיגע שטרעבונגען האָבען אין זיך.

IV.

נאָך אין אַנ׳אַנדער הינזיכט האָט אונזער „נייטראַליזם" בעדאַרפט—אויב נישט אַנ׳אויסבעסערונג, איז אַלענפאַלס אַנ׳ערגענצונג.

מיר פלעגען זאָגען: ווי די געשיכטע וועט בעשטימען אין איהר אונפערמיידליכען אייזערנעם גאַנג—אַזוי זאָל זיין. איז יודען בעשערט צו בלייבען אַ נאַציע, — וועלען מיר דאָס נישט שטערען; איז זיי בעשערט זיך צו אַסימילירען, — וועלען מיר זיך געגען דעם אויך נישט אַנטקעגענשטעלען.

אין דידאָזיגע פּאָר זאַצען בעשטעהט אייגענטליך דאָס קערנדעל פוּנ׳ם גאַנצען „נייטראַליזם", און אַז מען בעטראַכט זיי אָבגעזונדערט פון די אַנדערע געדאַנקען, קען זיך אַמאָל אויסדוכטען, אַז זיי בעדייטען אַ פּאַסיווען אונטערגעבען זיך און אַנ׳אָבזאָג אַריינצומישען זיך אין דעם קולטורעלען לעבען. עס איז פונדעסטוועגען נישט געווען אַזוי.

איך גלויב נישט, אַז ווער-נישט׳איז פון אונז האָט געקאָנט מיינען, אַז מיר דאַרפען זיך בכלל אַוועקשטעלען אין אַ זייט און נישט בעטייליגען זיך אין יענע היסטאָרישע געשעהענישען, וואָס וועלען פיהרען דאָס יודישע פאָלק אָדער צו אויפלעבונג אָדער צו אַסימילאַציע.

שוין מיט יאָהרען צוריק האָב איך אונטערגעשטריכען, אַז עס האַנדעלט זיך דאָ נישט וועגען אַ גלייכגילטיגקייט. נישט וועגען נייטראַליזם בנוגע די קולטורעלע פראַגען גופא, נאָר וועגען אָבוואַרפען גאַנץ בעשטימטע צוועקען און שטרעבונגען אויף דעם

געביט פון דידאָזיגע פראַגען.

מיט אונזער „נייטראַליזם" האָבען מיר געוואָלט—און דאָס איז בפרוש געזאָגט געוואָרען שוין מיט 12 יאָהר צוריק—אויס-דריקען מעהר נישט דעם איין געדאַנק: אַז נישט די פערניכ-טונג פון אַ נאַציע און נישט די דערהאַלטונג פון די נאַציאָנאַלע אייגענאַרטיגקייטען קען נישט זיין פאַר אונז אַנ׳אויפגאַבע, אַ צוועק, אַז אַזאַ פערשווינדען אָדער — פערקעהרט — דערהאַלטען דעם נאַציאָנאַלען קיום קען זיין מעהר נישט אַ רעזולטאַט פונ׳ם שפּיעל פון היסטאָרישע קרעפטען.

געוויס רעכענען מיר זיך אַליין אויך פאַר איינע פון די-דאָזיגע קרעפטען און אויף אַזאַ אופן איז אויך דער גורל פון דער נאַציע אָבגעהאַנגען פון דעם, וואָס מיר טהוען.

נאָר אין דעמדאָזיגען טהאָן געהען מיר אַרויס נישט פון דעם פאָראויס-געשטעלטען ציעל צו דערהאַלטען אָדער צו פער-ניכטען דעם נאַציאָנאַלען כאַראַקטער, נאָר פון די רעאַלע בע-דערפנישען פון רעאַלען לעבען; אָדער אַנדערש געזאָגט, אַזוי ווי מיר שטעלען-פאַר אַ פּראָלעטאַרישע בעוועגונג, זעהען מיר צו בעפרידיגען די בעדערפנישען פון דעם אַרבייטער-קלאַס. אַרבייטענדיג לטובת דידאָזיגע בעדערפנישען, פערשטאַרקען מיר פאַקטיש— ווילענדיג אָדער נישט-ווילענדיג — די איינע אָדער די אַנדערע טענדענץ—די נאַציאָנאַליזירונגס-טענדענץ אָדער די אַסי-מילירונגס-טענדענץ, — נאָר דאָס איז מעהר נישט דער פאַקטישער רעזולטאַט, נישט דאָס ציעל. און מעהר נישט צו כאַראַקטערי-זירען אונזער בעזונדערן אויסגאַנגס-פּונקט פלעגען מיר געברויכען דאָס וואָרט „נייטראַליזם".

דערדאָזיגער שטאַנדפּונקט איז אויך איצט געבליבען אַ ריכטיגער. נאָר די גאַנצע פראַגע, שעפּט ער פונדעסטוועגען נאָך נישט אויס. עס בלייבען דאָ נאָך זאַכען, וואָס זענען נישט דער-רעדט געוואָרען ביז׳ן סוף

אי די נאַציאָנאַלע פראַגע, אי די פראַגע וועגען אונזערע קולטורעלע אויפגאַבען.

וואָס איז שייך אפילו צום פּראָגראַם-פּונקט פון נאַציאָ-

צאַל-קולטורעלער אויטאָנאָמיע, איז דאָס דעמאָלט אויך געווען אייגענטליך מעהר אַ טעאָריע, ווי אַ רעאַלע פּאָליטישע פאָדערונג. עס איז פון אָנהויב-אָן געווען געזאָגט (אין יאָהר 1901): מיר שטעלען די דאָזיגע פאָדערונג נאָך נישט אַרויס. געמיינט האָט מען דערמיט, אַז איצט שטעהט זי נאָך נישט אויף דער טאָג-אָרדנונג פונ׳ם פּראַקטישען פּאָליטישען לעבען. עס איז אַ זאַך פון אַ ווייטער צוקונפט.

אויך די פראַגע וועגען ברייטען קולטורעלען שאַפען האָט זיך אָבגערוקט אין דער צוקונפט, אויף „יענער זייט גרעניץ“, און די „גרעניץ“ דאָס איז געווען יענע גרויסע איבערקעהרעניש, וואָס האָט געדאַרפט מאַכען אַ סוף מיט דעם אַלטען פּאָליטישען רע-זשים. צי די דאָזיגע איבערקעהרעניש האָט געדאַרפט אָנקומען אין גיכען צי נישט,—אַלעפאַלס איז יענע צוקונפט, וואָס האָט געזאָלט זיך אָנהויבען אין דעם „בענייטען רוסלאַנד“, געווען פּ ס י כ אָ-ל אָ ג י ש ווייט; עפּיס גאָר אַנ׳אַנדער לעבען האָט דאָס געדאַרפט זיין; אַ גאַנצער תהום האָט איהם אָבגעטיילט פונ׳ם פינסטערן היינט. דאָס, וואָס איז געווען אויף אונזער זייט תהום, איז געווען מעהר נישט ווי אַ דערווייליגע זאַך, אַ הפקר-וועלט; וואָס עס וועט זיין פון יענער זייט—וועגען דעם איז נאָך נישט געווען צייט צו טראַכטען. און בעת ס׳איז אָנגעקומען דאָס יאָהר 1905 און דאָס ווייטע איז פּלוצלונג געוואָרען נאָהנט, זענען דאָס געווען די שטורם-חדשים, צייטען פון קאַמף, נישט פון געלאַסענעם, ניכ-טערן קולטור-טראָגען.

וואָס האָט זיך געביטען פון דעמאָלט-אָן?

דער גרויסער שטורם פונ׳ם יאָהר 1905 איז געקומען און ווידער אַוועקגעפלויגען, מיר זענען אַריבערגעשפּרונגען אויף יע-נע זייט תהום — און זענען פאָרט געבליבען אין דעם אַלטען זומפּ.

נאָר נישט דאָס בין איך דאָ אויסען. איך וויל מעהר נישט זאָגען, אַז נאָכ׳ן יאָהר 1905 איז צווישען דעם היינט און דעם מאָרגען פאָרט אַריבערגעוואָרפען געוואָרען אַ בריק. אויב פריהער איז געשטאַנען אויף אונזער וועג איין גרויסער אַלגעמיינער מויער,

און דעמדאָזיגען מויער האָט מען געדאַרפט צוברעכען איידער מען האָט זיך גענומען צו עפּיס אַנ'אַנדער אַרבייט, האָט מען איצט אין דעם מויער פּאָרט אַדורכגעשלאָגען לעכער; און דאָס לעבען רייסט זיך אַריין אין די לעכער און דרינגט־אַדורך און מאַכט זיי ברייטער.

פאַר דעם יאָהר 1905 האָט איינער אַ רוסישער חבר זיך אויסגעדריקט: מיר שטעלען דער רוסישער אַליינהערשאַפט קיין פאָדערונגען נישט, חוץ איין-איינציגע—זי זאָל זיך אָבטראָגען.

נאָכ'ן יאָהר 1905 איז עס געוואָרען אַנדערש. אמת, די מעשה מיט דעם „אָבטראָגען זיך" איז געבליבען, נאָר מען האָט זיך גענומען צו טהאָן אויך. איידער דאָס אָבטראָגען זיך—ווערט דערפילט אַלץ, וואָס מען האָט געקענט טהאָן אין די ראַהמען פון די ניי-געעפענטע מעגליכקייטען. מיט'ן קאַמף פאַר ווייטערע ציעלען האָט זיך צונויפגעפלאָכטען פראַקטישע טריטווייזע אַרבייט. דאָס שאַפען און בויען.

און אַז מיר האָבען זיך געמוזט נעהמען פאַר דער פּאָזיטי- ווער קולטורעלער אַרבייט, האָט זיך געמוזט אַרויסווייזען, אַז דאָס פּאָליטישע פּראָגראַם גופא גיט נאָך נישט אַנ'ענטפער אויף אַלע קשיות. ווייל, ערשטענס, רעדט דאָס פּראָגראַם וועגען דער צוקונפט און פערענטפערט נישט די פראַגע וועגען דעם, וואָס מאַכט מען דערווייל, שוין. און, צווייטענס, האָט דאָס פּראָגראַם גערעדט וועגען געזעצען, וואָס דאַרפען בעשיצען דאָס קולטורעלע לעבען. אָבער עס האָט נישט גערעדט וועגען דעם קולטורעלען לעבען גופא, און וועגען יענער פּאָזיטיווער אַרבייט, וואָס דאַרף אין איהם געפיהרט ווערען. דאָס פּראָגראַם האָט גערעדט וועגען די פליכטען פון דער מלוכה, עס האָט געפאָדערט פון איהר, די זאָל אונז לאָזען פריי די הענד. נאָר ווי וועלען מיר אויסנוצען די- דאָזיגע פרייהייט—וועגען דעם איז נישט געווען קיין ענטפער.

און אויב די הענד זענען פאָרט געבליבען נישט פריי—די אַרבייט האָט זיך פונדעסטוועגען יאָ אַנגעהויבען, און אַנ'ענטפער האָט געמוזט קומען.

V.

דער אַלטער נייטראַליזם פלעגט זאָגען;

מיר ווילען זיך דערשלאָגען צו אַזאַ צו־שטאַנד, אַז די יודישע מאַסען זאָלען נישט האָבען קיין שטערונגען אויף דעם וועג צו קולטור, אָבער מיר האַלטען, אַז יעדער וועג וועלכען די־דאָזיגע מאַסען ווילען אויסקלייבען, איז גערעכט. אויב געוויסע אַרבייטער-גרופען וועלען פאָדערן אונטערריכט אויף רוסיש אָדער אויף פויליש, אויב זיי וועלען פאָדערן, אַז די אָרגאַנען פון דער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע זאָלען פאַר זיי גרינדען אַזעלכע שו־לען, וועלען מיר זעהן, אַז זייערע וואונשען זאָלען בעפרידיגט ווערען.

אויב אַזאַ פּאָזיציע איז געווען פסיכאָלאָגיש מעגליך און אפשר געזעלשאַפטליך בערעכטיגט ביז׳ן יאָהר 1905, קען מען זי נישט האַלטען פאַר בעפרידיגט איצט, מיט אַ צעהנדליג יאָהר שפּעטער. און טאַקע צוליעב דעם, וואָס מען האָט זיך אַריינגע־לאָזט אין קאָנקרעטער פּאָליטישער אַרבייט.

אַפילו ביי ריין-פּאָליטישע אַרויסטרעטונגען איז שוין גע־וואָרען שווער איינצוהאַלטען אַזאַ נייטראַליסטישע פּאָזיציע, בעת עס האַנדעלט זיך נישט וועגען אַלגעמיינע דעקלאַראַציעס, נאָר וועגען קאָנקרעטע פּרטים און איינצעלנע פאָדערונגען.

אָט איז, למשל, מיט עטליכע יאָהר צוריק געשטאַנען אין דער רוסישער דומע די פראַגע וועגען דער פאָלקס-שול און טאַקע וועגען דער שפּראַך-פראַגע אויך. דאָ האָט מען שוין געדאַרפט ריידען קלאָרע דבורים, אַרויסזאָגען זיך פאַר יודיש אָדער פאַר העברע־

איש אָדער פאַר רוסיש און פויליש. און ביי אַזאַ פאַל וואָלט געווען זעהר שווער זיך איינצוהאַלטען אויף דער שטרענג-ניי-טראַלער מיטעלער ליניע, טאַקי ווייל די פראַגע איז געשטאַנען קאָנקרעט און פראַקטיש. דער נייטראַליסט אָבער איז לכתחילה בעשטאַנען אַ ביסעל אין אַ זייט פון די קאָנקרעטע טאָג-פראַגען.

אָבער נאָך בולט׳ער טרעט עס אַרויס ביי די פראַגען פון קולטורעלער בעוועגונג.

יעדער וועג איז גלייך גערעכט—האָט געזאָגט דער נייטראַ-ליזם, — יעדער וועג פערדיענט גלייך אָבגעהיט צו ווערען ; זאָל די מאַסע אַליין אויסקלייבען.

זעהר גוט, אָבער מיר זענען דאָך נישט נור שומרים, וואָס שטעהען פון דרויסען און היטען-אָב די מאַסע, מען זאָל איהר נישט אָנטהאָן פון דרויסען קיין עולה. מיר אַליין זענען דאָך אויך די מאַסע. אויב נישט די גאַנצע מאַסע, איז אַלענפאַלס איהר אַוואַנגאַרד,—יענע שיכט, וואָס געהט פאָראויס און פיהרט אַנדערע און דערום קענען מיר נישט זאָגען בלויז : זאָל די מאַסע קליי-בען, אַז די מאַסע קלייבט, קלייבען מיר.

די שול-פראַגע — און ספּעציעל די שפראַך-פראַגע שטעהט קאָנקרעט און ברענענדיג. די מאַסען מוזען געבען אַ תשובה: וואָס פאַר אַ שול דאַרפען זיי פאָדערן, אין וואָס פאַר שול זאָלען זיי שיקען זייערע קינדער, און די מאַסען שיקען צו אונז און פרע-גען : וואָס זאָלען מיר זאָגען ?

דער נייטראַליזם וועט זיי ענטפערן : טהאָן אַזוי ווי עס פאָדערן אייערע בעדערפנישען, אייערע אינטערעסען.

געוויס—וועט אונז ענטפערן די מאַסע—געוויס וועלען מיר האַנדלען לויט אונזערע אינטערעסען. אָבער גראָד אין דעם בע-שטעהט די פראַגע, ווי אַזוי אויסצוטייטשען דידאָזיגע אינטערע-סען און בעדערפנישען. דאָס איז דאָך נישט אַזאַ קלאָרע און פשוט׳ע זאַך, וואָס ליעגט אויסגעלעגט אויף אַ טיש פאַר אונזערע אויגען. מען מוז זיך דאָך אין דעם פאַנאַנדערקלייבען, טאָ העלפט-זשע אונז ! איהר זענט דאָך אונזערע פיהרער. לאָמיר צוזאַמען

 בשותפות אַ טראַכט טהאָן וועגען די שווערע און פעראַנטוואָרטלי-

כע פראַגע — מיר טראָגען דאָך אַלע אַ שווערע פעראַנטוואָרטליכ־קייט פאַר אונזערע קינדער, — לאָמיר בעקלערען די פראַגע און אָננעהמען אַ בעשלוס. איהר רעדט וועגען דעם, ווי דאַרפען זיך פיהרען די אָרגאַנען פון דער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע, אויב עס וועט זיך געפינען אַן׳ארבייטער-גרופע, וואָס וועט פאָדערן אַ פאָלקס־לישע שול. רעדט בעסער וועגען נאָהענטערע זאַכען: אָט מיר אַליין זענען אויך אַ גרופע אַרבייטער, און מיר ווייסען אפילו נישט וואָס צו פאָדערן, וואָס פאַר אַ שול צו ווינשען, וואו אַהין אונזערע קינדער צו שיקען, טאָ העלפט-זשע אונז!

אַזוי וועט זאָגען די מאַסע און זי וועט זיין גערעכט.

עס איז טאַקי אַ מאָדנע ערשיינונג. דאכט זיך, אויף אַלע געביטען פונ׳ם געזעלשאַפטליכען, פאָליטישען, סאָציאַלען, קולטו־רעלען לעבען זענען מיר דאָך געגען דעם, מען זאָל דעם פאָלק עפּיס אָננוואַרפען מיט כח אָדער קינסטליך; אויף אַלע געביטען זענען מיר דערפאַר, די מאַסע זאָל האַנדלען לויט איהרע אינ־טערעסען. אָבער פונדעסטוועגען, שעמען מיר זיך קיינמאָל נישט צו זאָגען דער מאַסע אונזער מיינונג וועגען דעם, וואו ס׳ליעגען איהרע אינטערעסען, ווי זיי דאַרפען ווערען פערשטאַנען און בעפרידיגט. מיר שטעהען נישט אָן אַ זייט, מיר מישען זיך אַריין, און שרעקען זיך גאָרנישט דערפאַר, אַז אונזער אַריינמישען זיך וועט „קינסטליך״ פיהרען צו עפּיס אַ רעזולטאַט; ווייל מיר ווייסען, אַז אונזער אַריינמישען זיך ווערט אַרויסגערופען דורך די אינ־טערעסען פון דער מאַסע, און אויב אַזוי, איז עס שוין נישט קינסטליך, נור נאַטירליך און נויטווענדיג.

בעת די אַרבייטער פיהרען אַן׳עקאָנאָמישען קאַמף, שטע־לען מיר נישט נאָר אַרויס אַ פאָדערונג: פרייהייט פון שטרייקען און פעראייניגען, מיר ריידען וועגען דער עצם-פראַגע צי עס לוינט טאַקי צו מאַכען דעם שטרייק אָדער נישט, אָדער — צי מען דאַרף אויפבויען דעם אָדער יענעם פעראיין אויף אַזעלכע אָדער אויף אַנדערע יסודות.

אַז מיר ריידען אפילו וועגען דער שולפראַגע בכלל, זאָגען מיר דאָ אויך נישט בלויז פרייהייטען פון שולען. גיין,

ה. מעדעם.

מיר זאָגען: די שול דאַרף זיין אַ וועלטליכע, אַ דעמאָקראַטישע, אַנ'אומזיסטע, אַנ'אָבליגאַטאָרישע, אַ היגיענישע און אַזוי ווייטער, און אַזוי ווייטער.

אָבער קוים איז עס געקומען צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע, זענען מיר מיט אַמאָל געוואָרען—אין אַ געוויסער הינזיכט—אויס עצה-געבער, אין מיר האָבען זיך פאָרגעשטעלט, אַז מיר דאַרפען טאַקי שטעהן אָן אַ זייט, אַלס צושויער און זאָגען צו די אַרבייטער, צו יעדען איינצעלנעם פון אונז אַליין: טהו, וואָס דו ווילסט. זוך דיר אַליין דיין וועג, ענטפלעק דיינע אינטערעסען און בעדערפנישען.

עס איז קלאָר, אַז אַזאַ פּאָזיציע איז געווען מעגליך נאָר אַזוי לאַנג ביז וואַנען די פראַגע וועגען דער פאָלקסשול איז נאָך נישט געשטאַנען פּראַקטיש פאַר דעם עולם. קוים האָט זי זיך אויפגעשטעלט, האָט בעקומען אַ שווערען קלאַפּ דאָס לעצטע בײ-ספּיעל „שטעהן אָן אַ זייט", וואָס איז נאָך איבערגעבליבען.

און פאַקטיש האָבען מיר זיך טאַקי נישט אָבגעצוימט פונ'ם לעבען און פון זיינע פראַגען. פאַקטיש האָבען מיר יאָ געגעבען אַנ'ענטפער און אפילו בלייבענדיג אין דער טעאָריע נייטראַליסטען, האָבען מיר אין אונזער פּראַקטישע פאָדערונגען און האַנדלונגען געשטופּט דאָס לעבען אין אַ גאַנץ בעשטימטער ריכטונג. מיר זענען נישט געבליבען נייטראַל, נישט געבליבען שטרענג אין דער-מיט. און דער בע'עולה'טער צד איז געווען—די אַסימילאַציע.

VI.

איך האָב דאָ אין זינען נישט די פערשיעדענע ליטעראַרישע ערשיינונגען, וואָס מען קען פערצייכנען פאַר די לעצטע 8—9 יאָהר. אין דערדאָזיגער ליטעראַטור האָבען נישט איינמאָל געקלונגען טענער, וואָס זענען געווען גאָר ווייט פון אַ נייטראַליסטישער שטימונג—אַמאָל אַפילו צו-ווייט,—אָבער דידאָזיגע טענער פלעגען אָבשפּיגלען מעהר נישט פערזענליכע מיינונגען, און נישט אויף זיי וויל איך זיך פעררופען.

מיר האָבען אָבער געהאַט אָפיציעלע אַרויסטרעטונגען, עס זענען פון זיי געבליבען אָפיציעלע דאָקומענטען און אין זיי האָט זיך קריסטאַליזירט דער נייער קורס.

בעת מען האָט זיך גענומען צו פּראַקטישער קולטורעלער אַרבייט, האָט מען זיך נעהענטער פעראינטערעסירט מיט דער בעוואוסטער פּעטערבורגער חברה „מפיצי-השכלה” און אָנגעהויבען צו אַרבייטען אין איהרע רייהען. די געזעלשאַפט גופא איז אַ בודזשואַזע, פריהער איז זי געווען אַן׳אַסימילאַטאָרישע, איצט איז זי געוואָרען אַ נאַציאָנאַליסטישע מיט אַ ציוניסטישען און קלעריקאַלען קאָליר. אונזערע חברים זענען דאָרט אין דער מינדערהייט און קענען, פערשטעהט זיך, נישט דורכפיהרען זייער פּראָגראַם. אָבער נישט דאָס איז דאָ פאַר מיר וויכטיג. וויכטיג איז טאַקע דאָסדאָזיגע פּראָגראַם, וואָס אונזערע פריינד פלעגען אַרויסשטעלען און פערטיידיגען אויף פערשידענע צוזאַמענפאָהרען און בעראַטונגען פון דערדאָזיגער בילדונגס-געזעלשאַפט.

אָט ליעגט פאַר מיר אַ רעזאָלוציע, וואָס די בונדישע גרו-

פע, האָט אַריינגעבראַכט אויף דער בעראַטונג פון דער חברה אין יאָהר 1911. חוץ דעם, וואָס דידאָזיגע רעזאָלוציע שטעלט מיט זיך פאָר אַ גענוי אויסגעאַרבייט פראָגראַם אין דער שול-פראַגע, געפינען מיר דאָרט אַ גאַנץ קלאָרע און דייטליכע פאָדערונג:

„אַלע געגענשטאַנדען פונ׳ם שול-פראָגראַם אין משך פון אַלע אונטעררי̇כטס-יאָהרען, אַחוץ דער רוסישער שפראַך, וואָס ווערט אונטעררי̇כט אויף רוסיש (און פויליש—אויף פויליש), ווערען אונטעררי̇כט אויף יודיש און ענטשפרע̇כען דער לעבענס-אַרט און קולטור פונ׳ם יודישען פאָלק״.

דאָס איז געזאָגט געוואָרען אין יאָהר 1911, און אין צוויי יאָהר אַרום געפינען מיר ווידער אין אַ קורצער דעקלאַראַציע דיזעלבע קאַטעגאָרישע פאָרמולירונג פון יענעם פונקט:

„די שול-און אויסערשול-בילדונג מוז געפיהרט ווערען אויף דער מוטער-שפראַך פון די פאָלקס-מאַסען—אויף יודיש.״

דאָס לעבען געהט זיך, און אַז מיר לייענען היינט וועגען אַזאַ פאָדערונג, מאַכט זי אויף אונז אַן׳איינדרוק פון אַ זעלבסט-פערשטענדליכער זאַך. דאָס איז אָבער היינט אַזוי; און איך האָב מורא, אַז אַפילו היינט נישט פאַר אַלע אַזוי. אָבער אין דער צייט פון ריינעם נייטראַליזם וואָלט דאָס געוועזען דורכאויס נישט קיין זעלבסטפערשטענדליכקייט. פערקעהרט, זעלבסטפערשטענדליך איז דעמאָלט געווען, אַז מיר בעשטימען דידאָזיגע פראַגע איבגאַנצען נישט, און אין פערגלייך מיט יענער צייט איז די נייע פאָזיציע גאָר אַנ׳אַנדערע.

דאָ ווערט שוין אָבגעטראָטען פון יענעם קרייז-פונקט, וואו עס געהען זיך צונויף צוויי פיינדליכע וועגען. דאָ קירעוועט מען שוין אַריין אין איין בעשטימטען וועג, און דער צווייטער וועג פון אַסימילאַציע בלייבט הינטער אונזער רוקען.

צי איז יענע רעזאָלוציע, וואָס איך האָב אויבען געבראַכט, געוועזען דער ערשטער אָפיציעלער דאָקומענט, וואו מיר האָבען זיך מיט פולער קלאָרקייט אַרויסגעשטעלט אויף דעמדאָזיגען וועג, אָדער אפשר איז עס געשעהן מיט אַ יאָהר פריהער, קען איך איצט גענוי נישט זאָגען: איך האָב נישט אונטער דער האַנד

די נויטיגע מאַטעריאַלען; איך געדענק, אַז ספּעציעל וועגען יודיש איז אָנגענומען געוואָרען אַ רעזאָלוציע אויף דער אַכטער קאָנפערענץ פון „בונד" אין יאָהר 1910; אָבער איך האָב נישט איהר טעקסט און פערלאָז זיך נישט אויף מיין זכרון,—וויל איך וועגען איהר נישט ריידען. אָבער דאָס איז אויך נישט וויכטיג. וויכטיג איז צו קאָנסטאַטירען די פערענדערונג, וואָס איז פאָרגעקומען און וואָס איז געבליבען עד־היום.

בעת די שולפראַגע האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין פוילען אינ'ם משך פונ'ם לעצטען יאָהר, איז שוין ביי אונז קיין ספק נישט געווען וועגען דעם אינהאַלט פון אונזער פּראָגראַם. מיר זענען פעסט געשטאַנען אויפ'ן באָדען פון יודיש און געגאַנגען ווייטער יענעם וועג, וואָס מיר האָבען בעטראָטען מיט יאָהרען צוריק.

אַ גאַנץ לאַנגען וועג האָבען מיר דורכגעמאַכט אינ'ם משך פון אַ פּאָר צעהנדליג יאָהר. גאַנצע פיער עטאַפּען זענען מיר אַדורכגעגאַנגען: צוערשט—דאָס נישט זעהען אינגאַנצען די נאַציאָנאַלע פראַגע; דאַן—דאָס אָב'פטר'ן זי מיט דער פראַגע וועגען „רעכט אויף זעלבסטבעשטימונג"; דאַן די נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע אָהן אַ קאָנקרעטען אינהאַלט און אָהן אַ געגענווארטס־פּראָגראַם, און ענדליך: קאָנקרעטע וועגען און קאָנקרעטע שטרעבונגען, בעלויכטען פון דעם פּרינציפּיעלען ציעל.

עס איז גרינג צו דערזעהן: עס איז אַ וועג טיעפער אין לעבען אריין; דער וועג פון אַ קרייזעל—צו אַ מאַסען־בעוועגונג. א קרייזעל אינטעליגענטען, וואָס זענען אָבגעריסען פון דער מאַסע, קען זיך בענוגענען מיט אַנ'אַבסטראַקטער טעאָריע; וואָס מעהר די מאַסע, די אַרבייטער־מאַסע, ווערט דערוואַכט און בעטייליגט זיך אין בעוועגונג, אַלץ מעהר לעבעדיג, פריש, קאָנקרעט לעבען טראָגט זי מיט זיך אריין, אַלץ מעהר אויפמערקזאַמקייט גיט־אָב די בעוועגונג יעדער פראַגע, יעדען פּרט פון היינטיגען לעבען,

ג. מעדעם.

פערנעהמט זיך מיט אַלעם, שטעהט קיין מאָל נישט אָן אַ זייט, מישט זיך אַריין און זעהט אַרויסרייסען פון די הענד פון די שונאים שוין איצט יעדען ביסען, וואָס עס גיט זיך איין אויס-צוקעמפען.

מיט דעמדאָזיגען וועג זענען מיר געגאַנגען אַלץ טיעפער אין לעבען אַריין.

נאָכאַמאָל „מיר און אונזער נאַציאָנאַליזם“.

זייט אָנדערטהאַלבען צעהנדליג יאָהר זוך איך און פרעג ביי אַנדערע און ביי זיך אַליין אַנ׳ענטפער אויף דער האַרבער שאלה: וואָס איז ער אייגענטליך דערדאָזיגער געהיימניספולער נאַציאָנאַליזם? וואָס איז ער—נישט לויט זיינע מאַטעריעלע יסודות, דאָס איז מיר געווען קלאָר פון אָנהויב-אָן, נאָר לויט דעם לאָגישען בוי פון זיינע געדאַנקען. עס מוז דאָך זיין אין איהם עפּיס אַ סיסטעם, עפּיס אַנ׳אָרדנונג. ער מוז דאָך האָבען עפּיס א שטאַנדפּונקט, פון וועלכען ס׳זאָל אַרויסדרינגען זיינע פאָדערונגען, אַ מאָס, מיט וועלכער ער מעסט אָב דאָס לעבען, אַ פּרובירשטיין, מיט וועלכען ער געהט-צו צו די געזעלשאַפטליכע ערשיינונגען כדי אין זייער תהו־ובהו אָבצוטיילען דאָס גוטע פון שלעכטען, דאָס געוואונשענע פון דעם, געגען וואָס מען דאַרף קעמפען. און עס איז נישטאָ. שטימונגען זענען דאָ, שענע ווערטער זענען דאָ, שענע בילדער זענען דאָ, נאָר אַ מאָס, אַ פּרובירשטיין, אַ קריטעריום, אַ לאָגיש-אויסגעהאַלטען סיסטעם פעהלט און פעהלט.

עס דוכט זיך אַמאָל, אַז מען קען פאָרט אַרויסגעפינען דעם אויסגאַנגס-פונקט פון אַ נאַציאָנאַליסטישער וועלטאָנשויאונג. מען וואָלט געקענט, למשל, פאָרמולירען דעם היפך צווישען דערדאָזיגער אָנשויאונג און דעם פּראָלעטאַרישען קלאַסען-שטאַנדפּונקט אַזוי: דער נאַציאָנאַליזם וויל אַרבייטען לטובת דער נאַציע, דער קלאַסען-אויסגעהאַלטענער פּראָלעטאַרישער סאָציאַליזם לטובת דעם אַרבייטער-קלאַס — איז דאָס געוויסערמאַסען אַנ׳אמת. אָבער נישט דער גאַנצער אמת, און גראָד די צווייטע העלפט, וואָס

איז אין דערדאָזיגער פאָרמול נישט אַריין, איז אפשר ווילכטיגער פאַר דער ערשטער.

ווייל אַזאַ פשוט אַנטקעגענשטעלען פון צוויי זאַכען — די טובה פון דער נאַציע און די טובה פונ'ם אַרבייטער-קלאַס— האָט אייגענטליך קיין זין נישט. צי זענען דען די אַרבייטער שונאים פון זייער נאַציע? צי ווילען זיי ברענגען איהר שאָדען? צי פערשטעהען זיי נישט, אַז זיי אַליין זענען פאָרט אַ טייל פון דעם כלל און אַז מיט דעמדאָזיגען כלל איז אויך פערבונדען זייער גורל? גאַנץ געוויס אָנערקענען זיי דאָס אַלץ און דאָס שטעהט פונדעסטוועגען אין קיין שום ווידערשפרוך נישט צו זייער קלאַסען-געדאַנק. דאָס זאָרגען פאַר'ן נוצען פון דער נאַציע איז נישט קיין ספעציעלע אייגענשאַפט פון די נאַציאָנאַליסטען. פערקעהרט, יעדע פאַרטיי, יעדע ריכטונג, יעדע פאָליטישע און געזעלשאַפטליכע שטרעמונג טראַכט וועגען דעמדאָזיגען נוצען. די פראַגע בעשטעהט נאָר דערין, אויף וואָסער שטייגער יעדער פערשטעהט דעמדאָזיגען נוצען.

די סאָציאַליסטען גיבען זיך אָב אַ קלאָרען דין וחשבון וועגען דעם, אַז די היינטיגע געזעלשאַפט בעשטעהט פון פערשידענע קלאַסען, וואָס לויט זייערע אינטערעסען שטעהען זיי איינער אַנטקעגען דעם צווייטען. קוקט מען אויף דעמדאָזיגען צוזאַמענשטויס פון די אינטערעסען, האָבענדיג אין זינען מעהר נישט ווי דעם שמאָלען היינט, זעהט מען דערין מעהר נישט ווי אַן עגאָאיסטישען קאַמף, וואו יעדער צד פערטיידיגט זיין עקזיסטענץ און וואו יעדער צד איז געריכט פון זיין שטאַנדפונקט. קוקט מען אָבער דערויף היסטאָריש, מאַכט מען זיך אַ בילד פון דעם, וויאַזוי עס ענטוויקלען זיך פערשידענע געזעלשאַפטליכע קרעפטען און אין וואָסער ריכטונג שטופט יעדע פון זיי דעם גאַנצען געזעלשאַפטליכען אָרגאַניזם, זעהט מען, אַז אַ קלאַס איז נישט גלייך צו אַ קלאַס, מען זעהט, אַז עס זענען פאַרהאַן קלאַסען, וואָס ווילען אומקעהרען דעםווירטשאַפטליכען בוי פון דער געזעלשאַפט—און מיט דעם ווירטשאַפליכען שטח איז דאָך פערבונדען די גאַנצע קולטור — צו אַמאָליגע פערעלטערטע פאָרמען.

פאַרהאַן אַנדערע, וואָס ווילען מעהר נישט אָבהיטען דאָס, וואָס עקזיסטירט היינט. און ס׳איז פאַרהאַן, ענדליך, אַ קלאַס, וואָס זיין לאַגע שטופט איהם דערצו — ער זאָל פערבייטען די היינטיגע אָרדנונג מיט נייע, העכערע פאָרמען פון לעבען. שטרעבען צו דעמדאָזיגען ציעל צווינגט איהם זיין קלאַסען־אינטערעס, נאָר אַזוי ווי דאָס ציעל ליעגט אויף דעם וועג פון דער וויטערדיגער ענטוויקלונג פון דער מענשהייט בכלל, אַזוי ווי דאָס פערווירקליכען דעם ציעל — פונ׳ם סאָציאַליזם — ברענגט מען זיך די גאולה פון דער גרעסטער מעהרהייט פון די מענשען, הייסט דאָס אויך—פון דער מעהרהייט פון דער נאַציע, האָט די קלאַסען־בעוועגונג פונ׳ם פראָלעטאַריאַט אַן׳אַלגעמיין־מענשליכע און אַן׳אַלגעמיין־נאַציאָנאַלע בעדייטונג.

און אין דעם ליעגט טאַקי דער אונטערשייד צווישען אונז און די נאַציאָנאַליסטען.

דער נאַציאָנאַליסט וויל זיך שטעלען איבער דעם קלאַסען־קאַמף, העכער פון אַלע קלאַסען־היבוּרים. ער וויל אַרויסגעפינען דעם אַלגעמיינעם אינטערעס פון דער נאַציע, איגנאָרירענדיג די בעזונדערע אינטערעסען פון די איינצעלנע קלאַסען. און ביי אַזאַ איגנאָרירונג בלייבט ער אָהן עפּיס אַ מאָס און וואָג. ער בלייבט הענגען אין דער־לופטען, און איז געצוואונגען אַריינצולעגען אין דעם בעגריף „נאַציאָנאַלער אינטערעס" דאָס, וואָס עס זאָגט איהם אונטער זיין פערזענליכע סימפּאַטיע. און אַזוי ווי די פערזענליכע סימפּאַטיע ווערט בעשטימט דורך דער סביבה, אין וועלכער דער מענש לעבט, און אַזוי ווי יעדער לעבט אין דער סביבה פון דעם אָדער יענעם קלאַס, גנב׳ענען זיך דאָ אַריין גאַנץ בעשטימטע קלאַסען־סימפּאַטיעס, און טאַקי בורזשאַזע סימפּאַטיעס, וואָס ער בעמערקט זיי גאָרנישט, נאָר וואָס בעשטימען פּאַקטיש דעם גאַנצען פּנים פון דעם „נאַציאָנאַלען אינטערעס", ווי ער שטעלט זיך איהם פאָר.

מיר פליהען נישט אַוועק אין דער־לופטען. מיר נעהמען דעם פראָלעטאַרישען קלאַסען־אינטערעס, אַזוי ווי מיר זעהען איהם אין דעם ליכט פון דער היסטאָרישער ענטוויקלונג, אַלס אַ מאָס

פאַר דעם אינטערעס פון דער נאַציע, און אַזוי ווי דערדאָזי־
גער קלאַסען-אינטערעס איז נישט קיין אַלגעמיינע פראַזע, נאָר אַ
גאָר ממשות׳דיגע זאַך, וואָס מען קען אַלעמאָל קלאָר בעשטימען,
האָבען מיר אין איהם אַ פעסטען פרובירשטיין פאַר אונזער נאַ־
ציאָנאַלער פּאָליטיק

דאָס, וואָס איך זאָג דאָ, זענען גאָר אַלטע זאַכען. נאָר אין
אַ צייט ווען עס שווימען-אַרויף נייע פראַגען, איז נוצליך צו
דערמאָהנען זיך אָן דעם אַלטען אמת.

דעם אַלטען פרובירשטיין האַלט איך מיט זיין גאַנצער בע־
דייטונג און ווערדע. אויב איך חזר דאָס נישט איבער ביי יע־
דער איינצעלנער פראַגע, הייסט דאָס נאָך נישט, אַז איך לאָז
איהם אַרויס פון די הענד. דאָס וויל איך אַרויסזאָגען איינמאָל
פאַר אַלעמאָל, כּדי זיך נישט מעהר אומקעהרן צו די זעלבסט־
פערשטענדליכע, עלעמענטאַרע זאַכען.

נאָר איין זאַך וויל איך דאָ נאָך אַרויסזאָגען.

דער קלאַסענשטאַנדפּונקט איז פאָרט מעהר נישט ווי אַ
שטאַנדפּונקט, דאָס הייסט אַנ׳אופן ווי צוצוטרעטען צו דער לעזונג
פון די געזעלשאַפטליכע פראַגען. אַנ׳אופן, נאָר נישט קיין שטעמ־
פעל, וואָס מען קען מיט איהם מעכאַניש אָבקלאַפּען יעדע פראַ־
גע. דאָס לעבען בייט זיך, און האַלטענדיג זיך אָן דעמזעלבען
שטאַנדפּונקט, קען מען אַמאָל ביי נייע בעדינגונגען זוכען נייע
וועגען און נייע מיטלען. נאָר מתים ווערען פערגליווערט. לע־
בעדיגע מענשען פּאַסען זיך צו צו די פאָדערונגען פונ׳ם לעבען.
דער שטאַנדפּונקט בלייבט דער אַלטער, די אויספיהרונגען קע־
נען זיין נייע.

יודיש.

פאַרהאַן אַ מעשה׳לע וועגען דעם, ווי דער רבונו-של-עולם האָט צוטיילט צווישען פערשידענע פעלקער די לשונות. יעדעס פאָלק איז געקומען לויט דער רייהע נאָך, צו בעקומען אַ שפראַך, וואָס איהם קומט און איז דערנאָך אַוועק צו זיך אַהיים. בעת עס זענען אָבער געקומען די לעצטע, האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז ער פעהלען לשונות. געמאַכט אַן׳אויספאָרשונג, לאָזט זיך אויס, אַז דער יוד האָט פאַר זיך בעוויזען צו פערכאַפען עטליכע שפראַכען, אָנשטאָט איינער!

דידאָזיגע מציאה איז ביי אונז געבליבען עד-היום. און מיר טראָגען זיך אַרום מיט דעם גאַנצען פאַק שפראַכען און קאָנען בשום אופן נישט קומען צו אַ טאָלק. און עד-היום בלייבען מיר מיט אַלע שפראַכען און אין דער אייגענער צייט—אָהן אַ שפראַך!

מיר בעריהמען זיך מיט אַ טויזענד-יעהריגער קולטור. אָבער זיי שטאַרק מקנא דאַרפען מיר זיין די יונגערע, אפילו די קלענערע און אָרימערע פעלקער. זיי אַלע האָבען נאַציאָנאַלע קולטור-בעוועגונגען, מיר האָבען—נאַציאָנאַלע מליצות.

יעדעס פאָלק שפירט אַ דראַנג נאָך קולטור, און אַזוי ווי

די ענטוויקלונג פון דער קולטור נעהמט אַלעמאָל אָן נאַציאָנאַלע פאָרמען, ענטשטעהען אומעטום נאַציאָנאַלע בעוועגונגען. געוויס, קיין פאָלק האָט נישט קיין איינהייטליכע נאַציאָנאַלע בעוועגונג, יעדער קלאַס פון פאָלק געהט זיך שאַפען און זוכען קולטורעלע אוצרות אויף זיינע אייגענע וועגען. יעדער האָט זיין בעזונדערע פאָהן. אָבער ביי אַלע פעלקער איז פאַרהאַן איין פונקט, וואָס ער איז געשריבען אויף אַלע פאָהנען: די מוטער-שפּראַך — די נאַציאָנאַלע שפּראַך איז אַלעמאָל טייער און ליעב.

די רוסישע רעגירונג פלעגט דריקען און נישט דערלאָזען, — האָט מען פאָרט געאַרבייט שטילערהייד. אין הונדערטער און טויזענדער טייכלעך, וואָס זענען געווען געצוואונגען צו זוכען אַ וועג אונטער דער ערד, האָט זיך בעהאַלטען די שאַפענדיגע לע-בענסקראַפט. און פלעגט מען זיך דערוואַרטען אַ פרייערע צייט — ווי דאָס איז געווען, למשל, אין יאָהר 1905, אָדער ווי דאָס איז איצט אין די קאַנטען, וואו די רוסישע פּאָליציי האָט אָנגע-וואָרען איהר דעה, פלעגען די טייכלעך מיט אַ סטיכישער קראַפט זיך אַרויסרייסען פון אונטער דער ערד און דער אַלטער אונ-טערדריקטער דראַנג פלעגט זיך אויסדריקען אין אַ פאָרם פון אַ ברייטען קולטורעלען שאַפען.

וואָס איז געווען ביי יודען? מען האָט גערעדט און גע-קלאָגט, געקלאָגט און געוואַרט.

און וואָס האָבען יודען געטהאָן, בעת זיי האָבען פלוצ-לונג בעקומען די מעגליכקייט צו אַרבייטען און צו שאַפען?

דאָ נישט לאַנג איז פאָרגעקומען אַ בעראַטונג, אויף וועל-כער עס איז געשטעלט געוואָרען נישט מעהר ווי איין פראַגע וועגען דער אונטעררייכטס-שפּראַך אין די יודישע פאָלקס-שולען. אויף דער בעראַטונג זענען געווען צוועלף יודען. און אָט ביי דעם טוץ מענשען זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרען נישט וועניגער ווי פינף פערשידענע מיינונגען! איך געהער נישט צו די, וואָס קלאָגען זיך דערויף, אַז עס איז נישטאָ קיין אחדות צווישען יודען; איך גלויב נישט אין קיין כלל-ישראל-פּאָליטיק. אָבער איך מוז פונ-

דעסטוועגען זאָגען: פינף פערשידענע פאָרשלאָגען וועגען דער אונטערריכטס-שפּראַך ביי איין פאָלק,—דאָס איז שוין אַ ביסעל צו-שטאַרק.

די וויכטיגסטע אויפגאַבע פון דעם מאָמענט אויפ׳ן געביט פון קולטורעלען שאַפען איז: פערפעסטיגען די פּאָזיציע פון דער מוטערשפראַך.

נישט אַלע ווילען דאָס און נישט אַלע פערשטעהען דאָס צו די, וואָס ווילען דאָס נישט, האָב איך נישט קיין טענות. אויב אַ מענש שטעהט אויפ׳ן אַסימילאַטאָרישען שטאַנדפּונקט, אויב ער וויל אויסוואָרצלען די יודישע שפּראַך, פערבייטען זי מיט דער פּוילישער,—איז פערפאַלען. מיר האָבען נישט—אין דערדאָ-זיגער פראַגע, מיין איך—וועגען וואָס מיט איהם צו ריידען. וועט ער טהאָן דאָס זייניגע, וועלען מיר טהאָן דאָס אונזעריגע.

איך וואָלט נישט געהאַט קיין טענות צו די העברעאיסטען, וואָס האָבען געקוקט אויף יודיש, ווי אויף אַ שמוציגען גאַס-זשאַרגאָן, און וואָס פלעגען בעהאַלטען זייער גאַנצע „יודישקייט" אין די ספרים, איבערלאָזענדיג דאָס לעבען פונ׳ם גאַנצען יאָהר אין די הענד פון דער אַסימילאַציע; מיט זיי האָבען מיר אויך נישט וועגען וואָס צו ריידען.

צו וועמען איך האָב יאָ טענות, זענען דאָס די אַלע—און זייער צאָהל איז זעהר גרויס,—וואָס האַלטען זיך פאַר יודישיסטען, אָבער זיי שטעהען ... דער׳אמת׳ן ערגעץ אין דער-מיט. זיי שטעהען אין דער-מיט ... ישען יודיש און העברעאיש. איך וואָלט זיך אויסדריקען בולט׳ער: זיי זענען אין געפאַנגענשאַפט ביים העברעאיזם. און דידאָזיגע געפאַנגענשאַפט מוז זיי מאַכען קראַפטלאָז און פרוכטלאָז.

זיי זענען פאַר יודיש. נאָר יודיש אַליין איז פאַר זיי פאָרט עפּיס צו-ווייניג און צו-שוואַך. אין זייער „יודישקייט" פערנעהמט די מוטערשפּראַך אַ גאַנץ גרויסען אָרט. נאָר אינ׳ם קדשי-קדשים פון זייער יודישקייט געפינט זיך פאָרט די העברעאישע שפּראַך.

 פאַר דער צוקונפט ווילען זיי אַרבייטען. נאָר די פערגאַנ-

געזונטהייט איז פאַר זיי פאָרט ווילטיגער און הייליגער פאַר דער צוקונפט.

יודיש איז פאַר זיי די פאָלקסשפּראַך, אפשר אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך, נאָר בשום אופן נישט די נאַציאָנאַלע שפּראַך. דאָס פאָלקס-לעבען זעהען זיי אויף דער גאַס, דאָס נאַציאָנאַלע לע-בען—אין די אַלטע ספרים.

זיי פערטיידיגען יודיש, ווייל זיי קענען נישט פערמאַכען די אויגען פאַר די פּראַקטישע לעבענסבעדערפנישען. נאָר דידאָ-זיגע פּראַקטישען לעבענסבעדערפנישען זענען פאַר זיי פאָרט עפּעס אַ מין נידעריגע זאַך. דאָס איז פאַר זיי די גרויע שווערע שוואַר-צע ערד. שוואַרצע ערד אָהן ליכט, אָהן לופט, אָהן זון איז פאַר זיי יודיש אָהן העברעאיש. יודיש גיט מען אָב אַ „געהעריג אָרט" העברעאיש—גיט מען אָב כבוד.

אויב מען וועט פערגלייכען אַזעלכע שטימונגען מיט דער טיעפער פעראַכטונג, מיט וועלכער מען האָט זיך בעציוגען צו דער יודישער שפּראַך נאָך מיט אַ צעהנדליג יאָהר צוריק, מוז מען זאָ-גען: אַ שריט פאָראויס איז דאָס געוויס, אָבער טאַקי נישט מעהר ווי אַ שריט. עס פיהלט זיך אין דעם אַלעם נאָך עד-היום די אַל-טע ירושה, דאָס בעציהען זיך צו דער פאָלקסשפּראַך, ווי צו אַ דינסט. נישט מעהר ווי צו אַ דינסט.

אָבער די אַלע, וואָס פערשטעהען, אַז עס איז געקומען די צייט, וואָס נישט דאָס ריידען וועגען אַ נעבעלדיגער „יודישקייט", אַ מיסטישען „גייסט" איז אויף דער טאָגאָרדנונג, נאָר דאָס אַוועקשטעלען די יודישע שפּראַך טאַקי אויפ'ן געהעריגען אָרט— די אַלע מוזען דאָך סוף-כל-סוף פערשטעהן אויך אַ צווייטע זאַך: אַז דאָסדאָזיגע אָרט קען נישט דערגרייכט ווערען, כל-זמן מיר אַליין וועלען קוקען אויף דער פאָלקסשפּראַך, ווי אויף אַ דינסט.

מען קען נישט קאָנצענטרירען די אויפמערקזאַמקייט, די אַרבייט, דאָס שטרעבען, איך וואָלט זאָגען נאַכמעהר — דעם ענ-טוזיאַזם, אָהן וועלכען ס'קען נישט אויסגעפיהרט ווערען קיין גרויסע אויפגאַבע, אַרום צוויי זאַכען גלייכצייטיג. מען קען נישט ליעב האָבען קיין צוויי כלות פאַר אַ מאָל, און ווער עס שטעלט זיך צוזאַ

אונמעגליכע אויפגאַבע, דער קען פערלירען ביידע.

און אַ חוץ די אויסגעהאַלטענקייט פון דער שטימונג, דאַרף דאָך יעדע בעוועגונג האָבען אויך אַ לאָגישע אויסגעהאַלטענקייט. איינס פון די ביידע: אָדער מען שטעלט זיך אויפ׳ן באָדען פון רעאַלע לעבענסאינטערעסען—און דעמאָלט מוז מען זיין פאַר יו-דיש און געגען העברעאיש, אָדער מען געהט-אַרויס פונ׳ם שטאַנד-פונקט פון דער העברעאישער לופט-און ספרים-יודישקייט, און דעמאָלט פאַלען-אַוועק די וויכטיגסטע מאָטיווען פאַר יודיש. איינס איז סותר דאָס צווייטע. די, וואָס ווילען פעראייניגען ביידע שטאַנד-פונקטען, מאַכען זיי ביידע צו גאָרנישט.

די בעוואוסטזיניגע אַרבייטער שטעהען אויפ׳ן ערשטען שטאַנדפונקט. פאַר זיי איז די שפּראַכענפראַגע נישט קיין פראַ-גע פון אַנ׳אַבסטראַקטען נאַציאָנאַליזם, פון אָבהיטען די „יודיש-קייט״, פון אויסהאָדעווען דעם יודישען גייסט. פאַר זיי איז די פאָלקסשפּראַך איינג פערבונדען מיט זייער גאַנצען לעבען, מיט זייערע אַלע האָפנונגען און שטרעבונגען. זייער בעוועגונג האָט עס אַרויסגערוקט דידאָזיגע שפּראַך אויפ׳ן ערשטען פּלאַן, גע-מאַכט פון דעם פעראַכטען „זשאַרגאָן״ אַ מעכטיג ווערקצייג פון טיעפער און ברייטער סאָציאַלער און קולטורעלער אַרבייט. די שוץ פון זייער מוטערשפּראַך איז פאַר זיי אַ פראַגע פון גרעס-טער פּראַקטישער בעדייטונג און זיי האָבען זי יאָהרענלאַנג פער-טיידיגט געגען די שווערע מניעות, וואָס די רוסישע רעגירונג פלעגט זיי שטעלען, פערטיידיגט, אַרויסגעהענדיג נישט פון גע-וויסע קאָמבינאַציעס פון פּאָליטישען מאָמענט, נאָר פון זייערע שטענדיגע, טיעפע לעבענסאינטערעסען. און אויך אין דעם איצטי-גען מאָמענט, וואָס אונטערשיידט זיך אַזוי שטאַרק פון דער גאָר נאָהנטער פערגאַנגענהייט, רופט דער קלאַסענאינטערעס פון די יודישע אַרבייטער צו דערפילען דיזעלבע נאַציאָנאַלע אויפגאַבע—צו דער אַרבייט לטובת דער יודישער שפּראַך.

זייער פּאָזיציע איז קלאָר. זיי ווייסען, וואָס זיי ווילען און זיי וועלען זיך געוויס נישט זעצען צווישען צוויי שטוהלען.

 ווער ס׳וויל נישט בלויז ריידען, נאָר אויך טהאָן, ווער

ס'וויל נישט בלויז חלומ'ען, נאָר אויך שטופען פאָראויס דאָס לע־בען, מוז געהן מיט דעמזעלבען וועג.

און נאָר אויף אַזאַ אופן קען דערפילען זיין אויפגאַבע אויך דער בורזשואַזער דעמאָקראַטישער יודישיזם. צי וועט ער געפינען אין זיך גענוג לעבענסקראַפט דערצו?

פערלאג „יודיש“, ווארשא.

דער פערלאג „יודיש“ האט זיך געשטעלט דאס ציעל ארויסצו־געבען אין יודיש דאס בעסטע און דאס שענסטע, וואס איז געשאפען געווארען ביי אונז און ביי אלע פעלקער אויפ'ן געביט פון שענער ליטעראטור און וויסענשאפט. ביז אהער זענען ערשיענען פאלגענדע ביכער:

ושאן־ושאק רוסא.

1,2) **קאנפעסיאן** (ודוי) („דאס בוך איז איינס פון יענע אונ־שטערבליכע ווערק, וואס דורך זיי דערקאנט מען נישט בלויז אנדערע, נאר זיך אליין“.—פרייז 10 מארק.

ל. נ. טאלסטאי.

3) **די געשיכטע פון מיין קינדהייט**
(„דאס בוך שילדערט גאוניש דאס לעבען פון אלטען רוסלאנד און צוזאמען דערמיט גיט עס אויך א ברייט בילד פון טאלסטאי'ס קינדהייט“).
פרייז 8 מארק.

מארק טוועין.

4) **געוועהלטע ערצעהלונגען** („געלעכטער, הומאר און לייכטער שפיעל־ענדיגער וויץ — פון דעם זענען געקנאטען מארק טוועג'ס שענסטע ערצעהלונגען“).
פרייז 6,25 מארק.

גיואי דע־מאפאסאן.

5,6) **שטארקער פון טויט** (אין דעמדאזיגען הייסען ראמאן איז מאפאסאן דערגאנגען צו דער העכסטער קינסטלערישער מדרגה פון שאפען און אלס ראמאן איז עס אפשר דער איין־איינציגער אין דער וועלט־ליטעראטור“).
פרייז 10 מארק.

דזשעק לאנדאן.

7) **די שטים פון בלוט** („דאס איז א ברייטע, רייכע שילדערונג, ברייט און פריי, ווי די אונענדליכע סטעפעס, איבער וועלכע דער גרויסער קינסטלער ד. לאנדאן האט אזויפיעל געוואנדערט און אזויפיעל געזעהן“).
פרייז 5 מארק.

ש. סטופניצקי.

8) **ברוך שפינאזא** („שפינאזא איז טייער דער גאנצער מענשהייט, אבער נאכמעהר אונז, יודען, און דעריבער איז כמעט דער חוב פאר יעדען יודען זיך גרינד־ליך צו בעקאנען מיט'ן גייסט און פילאזאפישער שיטה“).
פרייז 6,25 מ.

פֿערלאַג „יודיש“, וואַרשא.

סטרינדבערג.

9,10) **די פרוי** („דער ראָמאַן „די פרוי“ האָט ארויס גערופֿען אַ סענסאַציע אין איירָאָפּאַ און האָט באַלד אוועקגעשטעלט דעם אויטאָר אין די ערשטע רייהען פֿון די וועלט-קינסטלער“). פּרייז 10 מ׳ ק.

11) **בינא** 1-טער באַנד, אויס דער סעריע, „לענדער און פֿעלקער“, צוזאַמענגעשטעלט דורך ד. קאַסעל און מ. בירנבוים („דאָסדאָזיגע בוך בעהאַנדעלט אויספֿיהרליך די געאָגראַפֿישע לאַגע, קלימאַט, אמונה, מנהגים, מלוכה-פֿיהרונג און אַרט-לעבען פֿון די כינעזער און אויך פֿון די קליינע מזרח-מלוכה׳לעך, ווי: קאָרייע, מאַנדזשוריען, מאָנגאָליען א. אַז. וו.“). רייך אילוסטרירט. פּרייז 8 מ.

אַלגיז.

12) **ווען קייטען קלינגען** („אין דעמדאָזיגען בוך ווערט מייסטערהאַפֿט געשילדערט דער גרויזאַמער קאַמף געגען די צאַרישע קייטען און טורמעס, וואָס האָבען געפּייניגט דעם פֿרייען גייסט פֿון רוסלאַנד“). פּרייז 6,25 מאַרק.

13,14) **טויזענד און איין נאַכט** („דער נאָמען אַליין ברענגט עפּיס אַ פֿער׳כשופֿ׳טען גרוס פֿון ווייטע שענע פֿאַנטאַסטישע וועלטען. דאָס זענען יענע דופֿטיגע וואָס ווארפֿען אַריין אַגאָלדענעם גן-עדן-חלום אין דעם גרויען אַליגען הו-האַ פֿון לעבען“). פּרייז 12,50 מאַרק.

וו. מעדעם.

15) **זכרונות און אַרטיקלען** מיט דער ביאָגראַפֿיע און בילד פֿון אויטאָר. („אַזאַ גלענצענדער שריפֿט-שטעלער, ווי מעדעם, ווערט געלייענט נישט נאָר ביי זיין אייגען פֿאָלק, נאָר אויך ביי אַנדערע פֿעלקער“). פּרייז 6,25 מ.

געאָרג בראַנדעס.

16) **די שטרעמונגען אין דער ליטעראַ-טור פֿון XIX-טען יאָהר-הונדערט.**

(הייניגע צייטען איז זיך שווער פֿאָרצושטעלען אַ ליטעראַטור, וואָס אין איהר זאָלען נישט איבערגעזעצט ווערען די טיעפֿע און גלאַנצפֿולע ווערק פֿון וועלט-בעריהמטען קריטיקער און דענקער“). פּרייז 6,25 מ.

די אַלע ביכער זענען עלעגאַנט אַרויסגעגעבען. יעדעס בוך איז פֿערזאָרגט מיט׳ן בילד און אַ קורצער כאַראַקטעריסטיק פֿון אויטאָר.

הויפּט-פֿערקויף: געז. „צענטראַל“, נאָוואָליפּקי 7.

„Ges. CENTRAL“, Warschau, Nowolipki 7.